STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06656

DER MENTSH UN ZAYN GOYRL

Riwka Gevirtzman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

רבקה גווירצמאן

דער מענטש און זיין גורל

ראָמאַן

DENVER
PUBLIC LIBRARY

APR 1980

CITY & COUNTY OF DENVER

הוצאת ארז תל־אביב

R01285 89689

כל הזכויות שמורות למחברת.

נ ד פ ס ב י ש ר א ל

839.093
G 339 me
YIDDISH

רבקה גווירצמאן

מײַן האַרציקסטן דאַנק אונזער געוועזענעם נשיא מדינת ישראל מר זלמן שזר, פאַר זײַן ערמעגליכן מיר אַרויסצוגעבן מײַן צווייט בוך: דער מענטש און זײַן גורל.

אַ האַרציקסטן דאַנק מײַן מאַן מנחם גבירצמאַן, פאַר זײַן באַטייליקן זיך אין די אַדמיניסטראַטיווע אַרבעט און ערמעגליכן דאָס בוך צום דערשײַנען.

קאפיטל 1

רפי האָט זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד פון פרייד, ווען ער האָט דערזען עטלעכע חברים פון קיבוץ שטיין נעבן זיך. זיין האַרץ איז געוואָרן פול מיט פרייד. די חברים האָבן אים דערציילט, אז פון נעכטן זוכן זיי אים אין מדבר, זיי האָבן נישט קיין רו געהאַט. נאָך זיין פארשווונדן האבן זיי זיך געלאזן אים זוכן, דער עיקר, וויסן ווו ער געפינט זיך. און אט האבן זיי אים געפונען.

די פרייד איז געווען גרויס, ווען רפי האָט זיך באוויזן אין קיבוץ מיט די חברים, וועלכע האָבן אים געבראכט.

זיינע עלטערן, וועלכע זענען געווען די גרינדער פון קיבוץ, האבן טייער באצאלט פאר זייער לעבן אין לאנד; דריי זין האבן זיי געהאט און געבליבן איז דער איינציקער רפי. צוויי מלחמות און צוויי זין פארלוירן. ביי דער דריטער מלחמה האָט מען רפי'ן נישט גענומען. ער האט זיך נאר באטייליקט אין שמירה.

אין אַ נאכט, ווען רפי איז געווען אויף דער וואך, זענען אראבער אָנגעפאלן און ער איז פארשווונדן.

דער קיבוץ האט געטרייסט די עלטערן און געזאָגט: רפי וועט צוריק קומען, ער ווייסט וואָס צו טאן, ער איז אונזער גיבור. רפי האט געהאט דעם נאמען „גיבור", ווייל ער איז געווען הויך, ברייט, זיינע טונקל־ברוינע אויגן, האָבן געזאָגט זייער אַ סך. אלע אין קיבוץ האָבן רפי'ן ליב געהאט, ווייל ער איז געווען אן ערליכער, פעאיקער און גוטער בחור.

קיינער פון די חברים האבן נישט געוואלט ארויס ווייזן דעם טיפן צער, וואס האט זיך איינגעכאפט אין זייערע הערצער, מיט רפי'ס פארשווונדן.

א טויט שטילקייט האָט אַלעמען ארומגענומען און מ'האָט באַשלאָסן אים זוכן. נאָך צוויי טעג האָט מען אים געפונען, און א האַלב טויטן האָט מען אים צוריק געבראַכט אין קיבוץ.

די בשורה, אַז רפי לעבט איז גלייך צוטראָגן געוואָרן צווישן די חברים און די שמחה איז געווען גרויס.

זיינע עלטערן האָבן אים נישט פארלאָזן אויף איין מינוט, זיי האָבן געקוקט אויף זייער זון מיט טרערן און געזאָגט: ער איז צוריק געקומען, גרויס איז אונזער פרייד.

די מוטער האָט געטראַכט אין זיך — די געפאַלענע האָבן נישט באוויזן זיך צוריק צו קערן; אין איר הארץ האָבן זיי געלעבט, אין צרות און אין פרייד — האָט זי זיך געטיילט מיט זיי.

זי האָט זיך שטיל ארויסגערוקט פון צימער און איז אוועק מיט דעם וועג, וואָס טיילט אָפּ די לעבעדיקע פון די טויטע.

זי איז צו צום בערגל, ווו ס'האָט זיך געפונען צוויי קברים, איינער נעבן צווייטן, אירע טייערע צוויי יונגע זין, וועלכע זענען געפאַלן אין די צוויי ישראל—אראבישע מלחמות זי האָט זיך געזעצט צווישן ביידע קברים און מיט אירע הענט געגלעט די קאַלטע ערד.

„שלום, קינדערלאך! אט בין איך ווידער דא — האָט זי געזאָגט — שווערע טעג זענען אדורך איבער אונז, מיט רפי'ס פארשווונדן, גאָט צו דאנק, ער איז צוריק געקומען!"

זי האָט אויסגעווישט אירע אויגן, געגלעט די קברים, טיף געאָטעמט דעם פיינעם ריח פון די רויזן. אין הארצן האָט זי געדענקט, דאָס דער געשמאַק קומט פון אירע צוויי זין, וועלכע רוען דאָ, זיי זענען ביידע געווען אַזעלכע יונגע און שיינע ווי די רויזן.

זי האָט זיך דערמאָנט, ווען זיי זענען קינדער געווען, האָבן זיי אויך געשמעקט, און איצט האָט זיי די ערד איינגעשלונגען און פארדעקט די שאַנדע פון מלחמות. דער טויט איז דער לעצטער וועג, אַ וועג פון אמת, אַלע גלייך, ארעם—רייך; שיין—מיאוס. יעדער מלחמה איז חורבן פאַר דער וועלט.

זי האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ און דערזעען אַ ליכטיקן הימל,

די זון שיינט, ארום איז שטיל, די פעלדער גרין, פול מיט קאָרן, די בוימער מיט פרוכט, די פייגל, יאגן זיך און רעדן זיך דורך אין זייער שפראך. פריילעכע אָן זארגן. די וועלט איז אזוי שיין — האט די אומגליקלעכע מוטער געטראכט.

זי האט אראפגעלאזן איר קאפ און דערזעען א שטיק ליידיקע ערד נעבן די צוויי קברים. אירע אויגן האָבן זיך אָפגעשטעלט און געקוקט, טראכטנדיק, ס׳ווארט אויך אויף מיר אביסעלע ערד. זי האט זיך איינגעבויגן צו דער ערד, זאָגנדיק: „דאָ וועל איך געפינען מיין אייביקע רו״.

זי האָט אַ גלעט געטאָן מיט אירע הענטביידע קברים, האָט זיך אויפגעשטעלט און צוריק אוועק אין דעם זעלבן וועג מיט וועלכן זי איז געקומען. שטיל ערנסט מיט לאנגזאמע טריט האָט זי זיך דערנענטערט צום קיבוץ.

פלוצלינג האט זי זיך אפגעשטעלט, טראכטנדיק. צייט עס געפינען זיך דארט די צוויי קברים געפין איך זיך צווישן לעבן און טויט.

זי האָט אַ זיפץ געטון און מיט שנעלע טריט אריין אין קיבוץ.

קאפיטל 2

רפי איז מיט דער צייט געזונט געווארן און צוריק אריין אין לעבן. דאָס לעבן איז נישט געגאנגען נאָרמאל. פון צייט צו צייט האָט זיך דערהערט אַ רוף, מען האָט פארלאָזן די ארבעט און אריין אין די בונקערס.

נישט קוקנדיק אויף אלע אומנארמאלע דערשיינונגען, האט מען געארבעט, געשאפן און זיך פאראינטערעסירט מיט אלעם, וואס נעמט ארום דעם קיבוץ, דאָס לאנד און דאָס לעבן. אין די רואיקע טעג, אדער שעה׳ען האט דער קיבוץ געלעבט נארמאל.

עס זענען געקומען טוריסטן פון דער גאנצער וועלט. זיי האבן

באַוואונדערט די רואיקע האַלטונג פון די בירגער, וועלכע לעבן אויף די גרענעצן, ווו טאג און נאכט ווערט מען באווארפן מיט פייער און איבערפאַלן, דורך אראבישע באנדעס.

נאָך יעדן איבערייס, פילט מען זיך, ווי דער אייביקער שלום וואָלט געהערשט. אלע חברים. געזונטע, פריילעכע, נישט טראכטנדיק וואָס די שעה וועט ברענגען. מען נעמט אויף פריינדלעך יעדן גאַסט וועלכער קומט אין לאַנד. מער פון אלע די קינדערלאַך, זיי זענען דער אמת׳ער ישראל עלעמענט; פול מיט לעבן; די דרייסטקייט זייערע זאָגט: אומזיסט מלחמה און פייער, מיר וועלן דאס לאנד בויען, מיר שרעקן זיך נישט, דאָס לעבן איז אונזערס, מיר וועלן איבערלעבן דאָס שלעכטע.

די טוריסטן באַוואונדערן און זאָגן: דאס איז א פאלק! אזא פאָלק מוז לעבן, קאַנישט פארניכטעט ווערן.

שיינע זוניקע טעג, מיט א ריינעם גאָלדענעם הימל, קוקט אויף דעם בלוט פארגיסונג ווו ס׳ווערן טאָג־טעגלעך פארשניטן יונגע לעבנס; אַ טייערן פרייז ווערט באצאלט, אבער דאָס לעבען פאדערט קאַמף, נישט שווייגן, נישט לאָזן זיך אומברענגען; די וועלט געהערט יעדן לעבעדיקן מענטש, אָן אונטערשיד.

אין אזעלכע שטורמישע טעג, איז אין קיבוץ אָנגעקומען אַ גרופע יונגע סטודענטן, באַזוכן דאָס לאַנד.

די געסט זענען מיט פרייד אויפגענומען געוואָרן און פלוצלינג האָט זיך דערהערט אן אלארמרוף פון דער סירענע, און אלע זענען גלייך אריין אין בונקער.

אויף מארגן איז אין עסצימער — אנטקעגן רפי׳ן — געזעסן א יונגע סטודענטין פון ענגלאַנד. זי האָט אים געפרעגט: „פארוואָס ביסטו נישט אראָפּ אין בונקער?״.

רפי האָט אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט: „מיין פלאַץ איז אין דרויסן, אייך צו באשיצן״.

„דו ביסט געווען אין פעלד?״ האָט זי נייגעריק געפרעגט.

„יאָ״ האט רפי געענטפערט; „ביי אונז מוזן די חברים, וועלכע טראָגן געווער, אייביק זיין אויף זייער פּלאַץ״.

„איר זענט אַ העלדיש פאָלק!״ האָט די סטודענטין געזאָגט. „איך האָב געהערט — פון נישט יידן — אז יידן שרעקן זיך פאר געווער, זיי האָבן עס פיינט״.

„אין גלות איז אזוי געווען, ווייל מיר זענען געווען פרעמדע, אָבער דאָ אין אונזער לאַנד, ווייסן מיר ווי זיך צו פארטיידיקן״. האָט רפי געענטפערט.

די סטודענטין האָט זיך פארטראַכט און געזאָגט: „דו האָסט רעכט, יעדער מענטש מוז קעמפן פאר זיינע רעכט, אויב מען וויל זיי, ביי אים צונעמען; איך וואלט דאָס זעלבע געטאָן״. זי האט א שמייכל געטאן, דערלאַנגט רפי׳ן איר האנט און פריינטליך געזאָגט: „מיך רופט מען פיליס; ווי רופט מען דיך?״ האָט זי געפרעגט. „מיך רופט מען רפי״, האָט ער געענטפערט. „אַ שיינער נאָמען, רפי״ האָט פיליס געזאָגט. און ביידע האבן געשמייכלט.

„דו ביסט אַ שיינער בחור! רפי״ „און דו ביסט א שיינע מיידל! פיליס״; האט רפי געזאגט.

זי האט געקוקט אויף רפי׳ס צעווארפענע האר און צוגעגעבן: „דו זעסט אויס ווי א גיבור פון אייער היסטאָריע, איך ליב גבורים״.

„וועלכע היסטאריע דענקסטו?״ האט רפי געפרעגט.

„די יידישע, זי האט געהאט אינטערעסאנטע מענער, איך קען זיי פון תנ״ך, למשל: שאול המלך, דוד המלך, שלמה המלך און נאך א סך שיינע אינטערעסאנטע טיפּן, וועלכע ווערן קיינמאל נישט פארגעסן; און איצט קומענדיק אין ישראל, האָב איך זיי געפונען לעבעדיקע. אלע אייערע בחורים זענען העלדן! וואונדערבארע מענער; איך זע אין זיי די היסטאריע, אויך דו געהערסט צו זיי. אייער לאנד פארכישופ׳ט מיט איר נאטור־שיינקייט; די ליכטיקייט, וועלכע הערשט דאָ, די זון אייערע איז אן אנדערע ווי איבעראַל; אויף אונז ענגלענדער ווירקט עס זייער שטארק. דער קלימאט דאָ גיט צו חן צום לעבן פרייד און געזונט; ביי אונז אין ענגלאנד איז שטענדיק טונקל, רעגן, דער הימל איז גרוי, פול

מיט וואלקנס, אויב אין א טאָג באַווייזט זיך די זון, איז עס א שמחה, א פרייד. דערפאר וויל איך וואס מער זון איינזאפּן אין זיך". זי האָט אַ צופרידענע געלאַכט, און געבעטן אַנטשולדיקונג, איך האָב זיך צורעדט, ווי מיר וואלטן זיך געקענט פון לאנגע, לאנגע יאָרן; אין דער אמת'ן זענען מיר דאָך צוויי פרעמדע מענטשן, דיך אינטערסירט — זיכער — נישט מיין פערזאן, נישט מיין לאנד; אין צוויי טעג ארום, פארלאָז איך ישראל, און אלץ איז ווידער ווייט און פרעמד".

רפי האָט געקוקט אויף די יונגע שיינע סטודענטין, וועלכע האָט גערעדט אמת און נאַיוו, ווי אַ גרויס קינד; זי ווייסט נישט צו נארן, און נישט צו באהאלטן, וואָס זי פילט, זאָגט זי. אַן וועלכען עס איז פּאָליטיק. זי איז אים געפעלן געווארן.

דאָס האָט ער ליב, אלץ נאַטירליך, נישט געקינצלט, און ער האָט עס איר געזאָגט. אויך פיליס האָט רפי'ן גלייך דערקענט מיט זיין נאטור, אזוי ווי ער איז.

„דו דענקסט — ווי איך — רעאל, אבער דאס וואָס דו ווילסט פארגעסן אין אלעם, וואס דו זעסט, און פילסט אין ישראל, איז נישט ריכטיק. ערשטנס אלע שיינע און גוטע איינדרוקן ווערן נישט פארגעסן, דאס זענען געפילן, וועלכע באהאלטן זיך אין געדאנק, אין הארצן, און ס'לאזט זיך נישט פארמעקן; ביי יעדער געלעגנהייט דערוועקן זיך ערינערונגען. אַ סך מאָל טרעפט, ווען צוויי פרעמדע מענטשן — פון ווייטע קאנטינענטן — באגעגענען זיך צופעליק און ווערן זיך — גאר נאָענטע פריינט, דאָס קען אויך טרעפן ביי אונז, דו פאַרסט אַוועק, מיר האבן זיך באקענט, און צופעליק דענקען מיר ביידע דאָס זעלבע, די זעלבע אנשויאונג אין לעבן; טאָ פארוואָס זאלן מיר זיך נישט אדורך־שרייבן און אויסטוישן אונזערע געדאנקען, אונזערע געפילן, די פאסט קען אונז געבן די געלעגנהייט" האט רפי פריינטליך געזאָגט.

פיליס האט געקוקט אויף אים מיט א פריינטליכן שמייכל און צוגעגעבן:

„מיר וואלט עס זיכער פארשאפט פיל פארגעניגן, צו באקומען א פאר ווארעמע ווערטער פון דיר, און פון זוניקן הייליקן לאנד".

„און מיר אויך” האָט רפי אַ צופרידענער געענטפערט.

פיליס האָט דערלאַנגט רפי'ן איר האַנט ביידע הענט־דרוק, האָבן באַשטעטיקט זייער ווייטערדיקע פריינטשאַפט. ביידע האָבן — צופרידענע געקוקט איינער אויפן צווייטן.

די טעג און נעכט האָבן זיך געביטן, אָבער די לאַגע אין ישראל נישט. מלחמה, און מלחמה, ווער עס פאַלט איז מער נישטאָ, און ווער עס לעבט נעמט איבער דעם פלאַץ פון געפאַלענעם. אין קיבוץ — דאָס זעלבע, די אַרבעט גייט ווייטער, און ווען די סירענע רופט גייט מען אין בונקער, ווערט שטיל פאַרלאָזט מען דעם בונקער, און צוריק צום טאָג טעגליכן לעבן.

די קינדער פון קיבוץ זענען אויך געוואוינט צום נישט נאָרמאַלן לעבן זיי לויפן נישט ווייט — ביים שפּילן זיך; — זיי ווייסן אַז יעדער מאָמענט קען זיך די סירענע צושרייען און מוזן לויפן אין בונקער, דאָרט פאַרענדיקן זייער שפּיל.

קאַפּיטל 3

פון פיליסן, באַקומט רפי יעדער וואָך בריוו, און ער ענטפערט רעגולער.

אין דעם טאָג ווען ער דערהאַלט אַ בריוו, ערוועקט זיך אין אים זיין גאַנץ יונג לעבן, ער לאַכט, ער זינגט, יאָגט זיך נאָך די קינדער, נאָך דעם הונט, אפילו אין לול — די הינער — טרייבט ער מיט אַ הילכיקן געלעכטער, ווי ער וואָלט זיך וועלן טיילן מיט זיי זיין פרייד.

זיינע עלטערן זענען צופרידן פון זיין ענדערונג צום גוטן, זיי קוקן אויף אים און שווייגן, זייערע הערצער ווערן אָנגעפילט מיט פרייד, ווען רפי פילט זיך גוט, ער איז געזונט, יונג שיין און פריילעך, וואָס דאַרף מען מער?

אין קיבוץ שושקעט מען זיך מיט זיין ענדערונג.

עדנה פילט עס מער ווי אלע אנדערע. וויפל רפי ווערט פריילעכער, אלץ טרויעריקער ווערט עדנה. זי גייט וואָס ווייניקער ארויס אין איר פרייער צייט. זי שרעקט זיך אים צו באגעגענען, זי פילט, אַז ער איז פארליבט אין אַ צווייטער, דאָס טוט איר שטאַרק וויי. זי איז די זעלבע עדנה וועלכע איז געווען אלע יארן שטאָלץ און ענטשלאסן. זי און רפי זענען געבוירן אין קיבוץ, אויפגעצויגן אין קיבוץ, האבן זיך געשפילט צוזאמען, און אייביק זיך ליב געהאט. אבער היינט? איז ער נישט מער דער זעלבער; אים ציט צו דער פרעמדער; ווער ווייסט ווער זי איז? האָט עדנה געטראכט. זי ווייסט נישט ווער עס איז איר קאנקורענטין אבער ס׳טוט איר וויי; זי פארשטעלט דאָס פנים מיט אירע הענט, און שטיל וויינט זי זיך אויס.

פלוצלינג דערהערט זי טריט, ווישט שנעל אויס די אויגן און ווארט ס׳הערט זיך אַ קלאַפּ אין טיר.

„אריין” זאָגט עדנה.

די טיר עפנט זיך און רפי שטייט פאר איר.

„שלום עדנה! איך האָם געמיינט דו ביסט קראנק, פאַרוואָס זעט מען דיך נישט?”

עדנה זיפצט טיף און זאגט: „צו וואס דרייען זיך, א שאד די צייט, איך לערן”.

„אמת” זאגט רפי, „שטענדיק ביסטו געווען אן ערנסטע, נישט קוקנדיק וואס דו ביסט נאָך גאנץ יונג, פארשטייסטו אלץ, ווי אן ערפארענער מענטש”.

עדנה האט צועפנט אירע גרויסע, קלוגע אויגן, געקוקט פארוואונדערט, אויף רפי׳ן און געענטפערט: „איך האב זיך נישט ליב צו נארן, און לעבן אין אילוזיעס, דערמאן זיך ווי מיר פלעגן רעדן וועגן פארשידענע פראָבלעמען און אימער האָסטו איינגעשטימט מיט מיר, אמת? „אמת!” האט רפי צוגעגעבן און געזאָגט: „אבער לעצטנס האב איך א נייע שטעלונג אנגענומען”.

עדנה האט א שמייכל געטאָן און געפרעגט: „וואס פאר א נייע שטעלונג?"

„גאנץ פשוט איך בין יונג. אונזער צייט איז נישט קיין פריילעכע פאר יוגנט, מלחמה און מלחמות. מיר ווייסן נישט וואס דער מארגן וועט אונז ברענגען, ס'וויל זיך אביסל פארגעסן אין דעם ארום. יונגע מענטשן ליבן דאָס לעבן, נישט די גרויע אומעטיקע טעג. די יוגנט פאָדערט אירס מיט געווער אין האנט, אָדער אָן געווער; אפילו אין שלאכטפעלד גליסט זיך א שמייכל טאָן; — „אָך עדנה" — זאָגט רפי: „דאָס לעבן איז אונזערס, מיר דארפן עס אויסנוצן, אזוי לאנג ווי מיר קענען עס נאָך באווייזן און שפעטער? ווער טראכט היינט אויף שפעטער? וואס מיר פילאסאפיע, סענטימענטן, זע זע דעם שיינעם הימל, זע ווי די פויגל פרייען זיך מיט זייער לעבן, די בוימער, בלומען, אלץ איז אזוי שיין. אך עדנה!" רפי האט איר ארום געכאפט, זי צוגעדריקט צו זיך. „גיב מיר בעסער אקוש, און אויס זאָרגן. דאָס לעבן רופט אונז, זיי נישט צופיל ערנסט", ער האט זיך צעלאכט, געכאפט עדנן אין זיינע שטארקע ארעמס און זיך געדרייט מיט איר אין א טענצל.

עדנה האָט זיך דערשראָקן זי האָט זיך געריסן פון זיינע הענט און געזאָגט: „לאָז מיך ,לאָז מיך, וואָס האָט פאסירט מיט דיר? רפי? איך דערקען דיך נישט".

רפי האט נישט געהערט עדנה'ס רייד. ער האָט איר אויפגעהויבן, ווי אַקליין קינד און אוועק געלייגט אויף דער סאפע צוהאלטנדיק איר מיט זיינע הענט און קוקנדיק איר אין די אויגן, האָט ער געזאָגט: „איצט גיב מיר אַ קוש, ווען נישט באפריי איך דיך נישט".

„ניין! ניין!" האָט עדנה זיך געוואָרפן מיט איר גאַנצן קערפּער. „דאָס וועל איך נישט טאָן. דו ביסט אַ פארשייטער שלעכטער בחור; איך האב זיך ענטוישט אין דיר".

„ווילסטו מיר נישט געבן א קוש?"

„ניין, ניין, לאז מיך, גיי פון מיר".

„אקוש" האָט רפי שטיל מיט א שמייכל געזאָגט.

„ניין! ניין! ניין".

„נו האָב איך צייט" האָט רפי געזאָגט און זיינע הענט האָבן עדנה'ן געהאַלטן. זי האָט זיך נישט געקענט אַ ריר טאָן פון אָרט.

אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ רוף פון דער סירענע.

רפי האָט אַ שפרונג געטאָן מיט די שנעלקייט פון אַ האָז און עדנה'ן מיט־געשלעפט — מיט זיך.

ביידע זענען ארויס, רפי צום געווער, עדנה צו די קינדער אין בונקער.

אין בונקער האָט זיך געהערט די שיסערייען.

דאָס מאָל האָט עדנה נישט געהאַט קיין געדולד צו די קינדער, ווי אַלע מאָל. אַלע מאָל ווען זיי פלעגן זיצן אין בונקער, פלעגט עדנה זיך פארנעמען מיט זיי, דערציילן זיי מעשה'לעך געזונגען לידער, געטאַנצט מיט זיי, נישט בעמענדיק אין אכט די ערנסטע לאגע אין וועלכער זיי האָבן זיך געפונען.

אבער היינט איז געווען אנדערש, איר קאָפּ און איר הארץ האָבן געקלאַפּט ווי אַ מאָטאָר; זי איז געווען בארוישט, איין פראַגע האָט זיך איר געשטעלט און נישט געלאָזן רוען; וואָס וויל ער רפי? וואָס דענקט ער? האָט ער ליב די ענגלענדערין? אדער מיך? דאָס האָט איר געגעסן איר הארץ טאָג און נאַכט, זי האָט געוווּסט פון די קאָרעספּאָדענץ, צווישן רפי'ן און דער סטודענטין.

מיט יענער שרייבט ער זיך ליבעס־בריוו און צו מיר קומט ער געניסן פון לעבן. דאָס קען איך נישט פארשטיין און נישט מסכים זיין, דאָס וויל איך נישט. רפי'ן וויל איך פארזיך אליין נישט מיט שותפים איך וועל זיך נישט לאָזן נאַרן, זי האָט זיך נישט געקענט צוזאַמענעמען.

די קינדער האָבן געפּילט, אַז מיט זייער עדנה איז עפּעס געשען, זיי האָבן געזעצט זיך אַרום איר, שטילע און געפרעגט:

„עדנה! דו שרעקסט זיך פאַר באַמבעס, וואָס מ'וואַרפט אויף אונז?" עדנה האָט זיי אַ גלעט געטאָן מיט איר האַנט און בארויִקט זאָגנדיק: „ניין, איך שרעק זיך נישט".

פון דעם טאָג אָן האָט עדנה זיך נישט געקענט באַהערשן. אַלע האָבן געזעען אַן ענדערונג אין איר, אבער קיינער האָט נישט געפרעגט;

באַר צווישן זיך האָט מען שמייכלדיק זיך איבערגעקוקט און שטיל צוגעגעבן „ליבעס־ליידן"...

קאפיטל 4

רפי האָט שוין לאנג פארגעסן וואָס עס איז פאַרגעקומען מיט עדנה׳ן. זיין ארבעט און זיינע פליכטן צו די עלטערן, און צום קיבוץ, האבן אים שטענדיק געגעבן מוט. ער האט געוואָלט זיין א גוטער זון צו זיינע עלטערן, און צום פאָלק.

אין אַ טאָג, האָט דער קיבוץ באשלאָסן רפי׳ן ארויסשיקן לערנען אין אויסלאנד.

ווען רפי האָט דערהערט וואָס די חברים האָבן באשלאָסן, האָט ער זיך געוואונדערט, אין אַ צייט פון מלחמה, זאָל מען אים ארויס שיקן פון לאנד?.

ער האט געפרעגט: „פארוואָס דוקא מיך?"

„ווייל דו ביסט דער פאסענדער פערזאָן". האָט מען אים געענטפערט.

„חברים! איר דארפט דאָך מיך דאָ. ס׳איז דאָך מלחמה, ווער וועט פארנעמען מיין פלאץ?"

„דו זארג נישט פאר דעם פלאץ, מיר זארגן שוין פאר אלעם. דו גרייט זיך צום פארן".

געזאָגט און געטאָן. רפי האט גערעדט מיט די עלטערן, און האט זיי אלץ דערציילט.

די עלטערן זענען נישט געווען צופרידן, פון דעם באשלוס, אבער אויב דער קיבוץ פאדערט, קען עס אנדערש נישט זיין.

די מוטער האט עס געהערט און טרויריק אראפגעלאָזן דעם קאָפּ. רפי האָט עס באַמערקט און מיט אַ שמייכל געזאָגט: „ס׳וועט גוט זיין, מוטער נישט געזאָרגט".

„יאָ רפי", האָט די מוטער טרויריק געענטפערט, און אַ זיפץ געטאָן.

„פאַרוואָס? מוטער ביסטו טרויריק, דו דאַרפסט דאָך זיין צופרידן. מ'שיקט מיך אין אַ לאַנד אָן מלחמות; דו שרעקסט זיך דאָך, ווען איך שטיי אין די נעכט מיט געווער אין האַנט. איצט וועסטו קענען זיין רואיק, ווייל איך וועל זיין ווייט פון מלחמות.

די מוטער האָט אַ טרויריקע אַ שמייכל געטאָן, אַ גלעט געטאָן רפי'ס קאָפּ, און קוקנדיק אים אין די אויגן, האָט זי געזאָגט: „קינד מיינס, ווען איז אַ מוטער רואיק? קיינמאָל נישט; ווו דו ביסט, איז מיין האַרץ מיט דיר". זי האָט אים ארומגענומען, געדריקט צום האַרצן, געשמייכלט און געווישט די טרערן.

רפי האָט זיך געוואָנדן צום פאָטער און געפרעגט: „פאָטער, וואָס זאָגסטו?"

„יאָ קינד" האָט דער פאָטער געענטפערט, „דו פאַרשטייסט עס נישט ווי מיר, מיר וואָלטן וועלן דו זאָלסט חתונה האָבן, נעמען אַ פיינע מיידל, אויסבויען אַ היים; אונז מאַכן פאַר באָבע זיידע, וואָס ווילן עלטערן? אַביסעלע נחת".

„ניין טייערע!" האָט זיך רפי צעלאַכט און געזאָגט: „ביי אייך בין איך אַ גרויסער, אַ דערוואַקסענער, איר רעדט פון חתונה, ביי די חברים אין קיבוץ בין איך אַ ייִנגל, וואָס דאַרף נאָך לערנען; נו איז וואָס זאָל איך טאָן? וועמען הערן? אייך, אָדער דעם קיבוץ?"

„דו האָסט רעכט, מיין זון" האָט דער פאָטער געזאָגט. „דו געהערסטביידן, דעריבער מוזן מיר מסכים זיין מיט דעם גורל אויסגעקליבן האָט מען דיך, פאַר געזונט, און קום געזונט".

דער פאָטער איז צו, צום זון דערלאַנגט אים די האַנט, און ביידע, מיט ליבע האָבן זיך צוקושט.

די מוטער איז געשטאַנען און געקוקט אויף ביידן מיט מוטערליכע ליבע.

קאפיטל 5

רפי האָט פארלאָזן דעם קיבוץ מיט א לייכט הארץ. אָט איצט האָט ער געזאָגט וועט ער האָבן די געלעגנהייט צו זעען די גרויסע וועלט, וועלכע איז פאר אים פרעמד.

עס איז געקומען דער טאָג פון פאָרן, רפי האָט זיך געזעגנט מיט די עלטערן, מיט די חברים, אלע האָבן אים באגלייט צום אויטאָ, וועלכער האָט געווארט אויף אים.

אויך עדנה איז געקומען, זאָגן אים שלום! — זי איז צו, צו אים, און געפרעגט: „לאנג דענקסטו זיין אין דער גרויסע וועלט?"

„אזוי לאנג, ביז דער קיבוץ וועט זאָגן גענוג". האָט רפי געענטפערט.

„דו וועסט נישט בענקען נאָך אונז?" האָט עדנה געפרעגט.

„פארשטייט זיך, די היים וועט מיר פעלן".

עדנה האט פארביסן אירע ליפן און געשוויגן.

איצט האָט זי געפילט ווי זי האָט אים ליב, ווי שווער ס'וועט זיין פאר איר, אים נישט צו באגעגענען.

„אָבער שרייבן וועסטו דאָך?" האָט עדנה געפרעגט: „שרייב צו מיר, באזונדער, און איך וועל דיר דאנקען דערפאר".

„פארוואָס נישט? סוף, סוף, זענען מיר דאָך יוגנט פריינט". ביידע זענען געגאנגען פארטיפט אין זייערע געדאנקן, ביז זיי זענען צוגעקומען צום אויטאָ.

רפי האָט איר דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט: „זיי געזונט! עדנה!" ער האָט דערפילט איר האנט, האָט ער איר צוגעצויגן צו זיך, זי פעסט ארום גענומען און ביידע האבן זיך הארציק צוקושט.

ער איז שנעל ארײַן אין אויטאָ און עדנה איז געבליבן שטיין פון ווייטנס.

ווען דער אויטאָ האָט גענומען רירן, האָט עדנה אויפגעהויבן איר האנט און געזעגנט זיך פון ווייטן, זי איז געשטאַנען ביז דער אויטאָ איז פארשוואונדן.

קאַפּיטל 6

רפי האָט געשריבן, דער קיבוץ האט געענטפערט, אויך עדנה האָט באַקומען עטלעכע אנגעשריבענע ווערטער.

זי פלעגט קומען אין מזכירות פרעגן אויב עס איז געקומען פּאָסט פאַר איר. אז זי האָט דערהאַלטן א קאַרטע פון אים, איז עס געווען אַ טרייסט פאַר איר.

זינט רפי איז אוועק פון קיבוץ, איז עדנה געוואָרן אַ טרויריקע, אַ שטילע, קיין זאַך האָט איר נישט אינטערעסירט, וואָס האָט פאַר איר אַן אינטערעס דער קיבוץ אָן רפי׳ן; ווו זי גייט ווו זי שטייט, זעט זי אים, אלץ דערמאַנט איר, אין די צייט, ווען רפי איז דאָ געווען. אָבער היינט, איז נישט אינטערעסאַנט. נישט די ארבעט, נישט די פרייע צייט; זי קען נישט פאַרבייטן רפי׳ן אויף דני׳ן, אויף אילן, און אויף אנדערע. זיי זענען נישט רפי, זיין שמייכל, זיין טעמפּעראַמענט, זיין גאַנצע פיגור שטייט פאַר אירע אויגן, און לאָזט איר נישט רוען. זי האָט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז זי וועט אזוי שטאַרק ליבן רפי׳ן. אָנגעהויבן האָט עס זיך, ווען זי האָט דערפילט, אַז רפי ליבט אַ צווייטע. איר הארץ איז געוואָרן פול אייפערזוכט, געמישט מיט ליבע. היינט, ווען רפי איז אזוי ווייט פון איר, ווייסט זי פון אים גאָרנישט, דאָך ליבט זי אים.

ער האָט איר געשיקט אַ קאַרטע פון פלאַץ. ווו ער געפינט זיך, אַנגעשריבן עטלעכע ווערטער: רייזע איינדרוקן, געפרעגט וואָס הערט זיך אין קיבוץ און מער גאָרנישט.

זי האלט די קאַרטע אין האַנט, גלעט דאָס שטיקל פּאַפּיר און פילט אַ קאַלטקייט צווישן די פינגער. דאָס האָט מען איר היינט געגעבן, נאָך דעם ווי זי האָט אזוי שטאַרק אויסגעקוקט אויף זיין שרייבן.

ווען זי האָט באַקומען אַ ידיעה פון מזכירות, אַז ס׳איז דאָ פּאָסט פאַר איר — און זי וואָס האָט אזוי שטאַרק אויסגעקוקט, מיט אַ האַרץ פול מיט האָפנונג אויף אַ בריוו איז זי גלייך געלאָפן אין

מזכירות און וואָס האָט זי דערהאַלטן? אַט דאָס שטיקל פּאַפּיר, מיט אַפּאָר אָנגעשריבענע ווערטער.

איר האַרץ איז שווער געוואָרן, זי איז גלייך אַריין אין צימער, זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט און זיך טרויעריק צעוויינט. זי פילט, אַז רפי דענקט וועגן איר זייער ווייניק. זי איז געלעגן אויפן בעט, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן.

זי האָט זיך אָהויב געטאָן אַראָפּ פון בעט, גענומען דרייען זיך איבערן צימער און ענטשלאָסן אָפּגעשטעלט זיך זאָגנדיק: „ניין, איך טאָר זיך נישט דענערווירן, ער איז דאָרט; איך מוז אויסהאַלטן די צייט און מוז וואַרטן איך מוז קעמפן מיט זיך אַליין, און נישט זיך צובּרעכן".

זי איז אַרויס פון צימער און איז מיט פעסטע טריט אַריין אין עס־צימער.

גדי און דני האָבן איר צוגערופן צום טיש, וווּ זיי זענען שוין געזעסן, זיי האָבן איר געפרעגט: האָסט באַקומען פון רפי׳ן שריפט?

„יאָ" האָט עדנה געענטפערט.

„וואָס שרייבט ער?"

„איך וועל אייך ווייזן די קאַרטע: איינדרוקן פון זיין רייזע" האָט זי געענטפערט טרויעריק.

אין דעם מאָמענט איז צוגעקומען נעמי, זי האָט געהערט מ׳רעדט וועגן רפי. האָט זי צוגעגעבן: „רפי איז אַ גאָלד, אַלע האָבן אים ליב" און וועגנדיק זיך צו די בחורים האָט זי געזאָגט: „איר אַלע דאַרפט זיך לערנען ביי רפין".

גדי האָט זיך צעלאַכט און געפרעגט „וואָס לערנען פון אים? ליבן בחורות?"

„אפילו דאָס טוט ער אַנדערש, ווי איר אַלע" האָט נעמי געזאָגט מיט אַ שמייכל.

„כאַ, כאַ, כאַ" האָט דני זיך צעלאַכט, „ער איז אַ חברה־מאַן, אַ בחור מיט אַ ברייט האַרץ, פאַר אים אַלע בחורות פון קיבוץ".

„וואָס נאָר פון קיבוץ?" האָט נעמי צוגעגעבן, „און וווּ איז די

טוריסטקע, די סטודענטין, וועלכע האָט זיך פֿערליבט אין אים, איז איז אוועק מיט אַ צעבראָכן הארץ".

„נו און דיר טוט עס ווי?" האָט גדי געפרעגט, „דו ליבסט אים אויך, און ביסט אייפערזיכטיק, אמת?"

„אפשר טאקע יאָ" האָט נעמי געענטפערט.

„אויב אזוי?" איז דיר קיינער נישט שולדיק" אָט דני געזאָגט מיט א שמייכל.

„שולדיק אין דעם איז דער קיבוץ, פארוואָס האָט מען אים ארויסגעשיקט?" האָט נעמי צוגעגעבן.

„חבריא בארואיקט זיך" האָט דוד — ווען ער איז צוגעקומען צום טיש אויסגערופן: — „רפי איז נאָר איינער, מיר זענען דאָך נאָך אלע פארבליבן אין קיבוץ, מיט אייך, וואָס טרויערט איר אזוי נאָך אים? זארגט נישט, רפי מאכט דאָרט א לעבן, און איר?... קומט בעסער היינט באנאכט — אין שכנ'ישן קיבוץ, ס'וועט דאָרטן זיין מער אינטערעסאנט, ווי זיצן דאָ, און רעדן נארישקייטן".

„וואָס קומט דאָרט פאָר?" האָט זיך דערהערט עטלעכע שטימען צוזאמען.

„דאָס איז א סוד" האָט דוד געזאָגט ערנסט, און א ווינק געטאָן צו די בחורים.

ער האָט געגעבן ארויף צו די בחורים: „חברה! היידא! צו דער ארבעט, גענוג געשענקט צייט רפי'ן, אויפן חשבון פון די יונגע הערצעלעך". אלע האָבן זיך אהויב געטאָן, זיי האָבן פארשטאנען, אַז די צייט פאָדערט אירס און יעדער איינער איז אוועק אין זיין ריכטונג.

קאפיטל 7

רפי האָט אין זיין רייזע אלץ באוואונדערט. ער איז דאָס ערשטע מאָל ארויס פון קיבוץ, אלץ איז פאר אים געווען ניי. ענדליך איז ער אָנגעקומען אין דער גרויסער רייכער אמעריקע יעדער זאך איז

געווען פרעמד פאַר אים, נאָר נישט לאַנג האָט עס געדויערט, ער האָט געפונען פריינט, יעדער ווער ס׳האָט אים באַקענט, האָט אים נישט פאַרלאָזן און געהאָלפן אין וואָס ער האָט זיך גענויטיקט.

רפי האָט זיך זייער שנעל אַקלימאַטיזירט און אַמעריקאַניזירט אין אַלעם — ווי אַלע אַנדערע בירגער. די ערשטע צייט איז אים שווער געווען צו ענדערן זיין געוווינהייט כּדי צו ווערן אַן אַמעריקאַנער, אָבער נישט לאַנג האָט עס גענומען און ער האָט זיך געפילט גוט צווישן די מענטשן אין נייעם לאַנד.

צו די עלטערן האָט ער געשריבן יעדער וואָך, ער האָט זיי באַרואיקט, מיר איז גוט, איר זאָלט וועגן מיר נישט זאָרגן. אויך צום קיבוץ האָט ער פון צייט צו צייט געשריבן.

אומזיסט איז עדנה געקומען פרעגן אויב ס׳איז געקומען פּאָסט פאַר איר. רפי האָט איר פאַררעכנט צווישן אַלע אַנדערע אין קיבוץ, פאַר אים איז געווען גענוג דער איינציקער גרוס פאַר איר מיט אַלע גלייך.

עדנה האָט געוווּסט, אַז זי איז נישט די איינציקע, וועלכע בענקט נאָך אים, אָבער איין אונטערשיד, ווי זי שטייט אויף אין פרימאָרגן, טראַכט זי שוין וועגן רפי׳ן, אַזוי אויך אין די נעכט, טראָגט זי זיך אַרום מיט זיין וויזיע, טאָג איין, טאָג אויס, צייט ער איז אַוועק. וועלכן בחור זי זאָל נישט באַגעגענען, איז עס נישט קיין ענליכקייט צו רפי׳ן. רפי האָט איר היפּנאַטיזירט, ער האָט מיטגענומען מיט זיך איר הומאָר, איר רו, איר געדאַנק און איר האַרץ.

עדנה פלעגט זיך באַגעגענען מיט נעמי׳ן און זיך מיט איר אַדורך רעדן, ווי מיט אַ פריינדין, — ווי מיט אַ שוועסטער. נעמי פלעגט לאַכן — קוקנדיק — אויף איר.

„דו ביסט פאַרליבט, עדנה! אָבער ליבן דאַרף מען דעם, וועלכער גיט צוריק ליבע, נישט מאַכן זיך קראַנק פון פוסטע געדאַנקען, וועלכע וועלן קיינמאָל נישט פאַרווירקליכט ווערן״.

„וואָס זאָל איך טאָן?״ נעמי, פרעגט עדנה טרויעריק, „ווען מיין האַרץ איז פול מיט רפי, וו איך גיי, וו איך שטיי, איז ער מיט מיר; איך

וויל זיך פון אים באפרייען, אָבער איך קען נישט״. דיר איז גוט נעמי, דו ווייסט נישט וואָס עס הייסט ליבע־ליידן״.

„אך עדנה! מיר איז גוט הא? דו דענקסט, אז איך האָב רפי׳ן נישט ליב. וואָס זאָל איך טאָן? אז רפי האָט אַ הארץ פאַר אלע בחורות, דו ווייסט? אפילו פאַרהייראַטע פרויען חלומ׳ען פון אים״. האָט נעמי צוגעגעבן. „זאָל איך זיך נאַריש מאכן, צוברעכן מיין יונג לעבן איבער רפי׳ן? ניין! עדנה! דאָס וויל איך נישט, איך וויל איבערהויפט נישט זיין אַ פרוי פון אַ מאַן, וועלכער געפעלט צופיל פרויען, איך וויל א מאַן פאַר זיך; האָסט פארשטאַנען״.

„גוט איז דיר נעמי אז דו קענסט אזוי דענקען״ האָט עדנה געזאָגט טרויריק. „דו ביסט נאָך יונג, עדנה; דו דענקסט, א פאַרהייראַט לעבן איז נאָר געשטעלט אויף ליבע. דו ביסט ראָמאַנטיש, דו קלערסט נישט, וואָס שפּעטער קען זיין. אָבער איך האָב ליב צו נעמען דאָס לעבן, רעאַל, קוקן אויף די צוקונפט; ווען מ׳האָט א משפחה, א מאַן, קינדער, א היים, פאַרגעסט מען אין ליבע; אמת ס׳וויל זיך האָבן א מענטש מיט וועלכן מען זאָל זיך קענען טיילן מיט געפילן. איינדרוקן, ליידן און פריידן, אז מען געפינט ביי אַ מאַן אזעלכעס, איז עס פיל וויכטיקער ווי ליבע, אַ גוטן פאַרשטענדליכן מענטש. מוז מען ליבן, אָט דאָס זוך איך״.

„נעמי! איך קען דאָס נישט״ האָט עדנה אויסגעשריגן אין טרערן, „וואָס זאָל איך טאָן?״

נעמי האָט געקוקט אויף עדנה׳ן מיט מיטלייד, אין נאָך א מינוט שווייגן, האָט זי אָנגענומען עדנה׳ס האנט און געזאָגט: „עדנה פאָר ארויס פון קיבוץ, וועסט ענדערן דעם פלאַץ, די אטמאָספער, וועסט באקענען אנדערע מענטשן, וועט זיך אויך דיין געדאנק ענדערן. די מוזט עס טאָן, צו ראַטעווען זיך, און צו ענדיקן מיט רפי׳ן״.

עדנה האָט געקוקט פאַרוואונדערט אויף נעמי׳ן, און האָט טרויריק געזאָגט: „נעמי! דאָ בין איך געבוירן, ערצויגן, אלץ ארום איז מיין, אפילו דאָרט די קברים פון מיין פאָטער און מוטער, זאָל איך דאָס אלץ

פארלאָזן? וווהין זאָל איך גיין? דאָס איז דאָך מיין היים". און עדנה האָט זיך שטארק צעוויינט.

„אמת" האָט נעמי געזאָגט: „האָסט רעכט. אלץ איז ריכטיק, אָבער פארשטיי מיך, איך מיין נישט זאָלסט פארלאָזן אויף אייביק דעם קיבוץ, ניין! חלילה! איך דענק דו זאָלסט זיך העלפן. עדנה. אויך רפי איז געוואקסן מיט דעם אלעם ארום, נו האָט ער אויך געוויינט? ווען מען האָט אים געזאָגט ער זאָל פאָרן? ניין! ער האָט אונז אלע פארלאָזט, אפילו זיינע עלטערן, און איצט מאכט ער א לעבן אין דער גרויסער וועלט, ער לערנט, געניסט פון אלעם וואָס לאָזט זיך. שרייבן, שרייבט ער וואָס אמאָל וויינ‏יקער און וויינ‏יקער. נאָך א גליק, זיינע עלטערן לעבן אין קיבוץ קומט נאָך אמאָל פאָסט; ווען נישט זיי, ווער ווייסט, אויב מ'וואָלט געהערט פון אים א לעבעדיק וואָרט? און דו מאכסט א טראַגעדיע, אז איך זאָג דיר פאָרן. איך וועל דיר העלפן, זאָג מיר נאָר אז דו ווילסט און האָסט באשלאָסן פאָרן".

עדנה האָט זיך פארטראַכט און געפרעגט: „וואָס וועל איך טאָן אין דער פרעמד?"

„אך ביסטו א קינד; דו האָסט די זעלבע רעכט צו לערנען אזוי ווי רפי, ווייל לערנען איז דער קיבוץ אייביק גרייט צו העלפן".

„גוט" האָט עדנה אָן איבעראַשטע — פון נעמי'ס געדאנק — געזאָגט: „אויב אזוי, וויל איך פאָרן אין דעם פלאץ ווו רפי לערנט".

„אָ! טייערע דאָס זיכער נישט".

„פארוואָס?" האָט עדנה נאָיוו געפרעגט.

„ווייל יעדער פון אונזערע קינדער מוזן לערנען, דאָס וואָס דער קיבוץ באשליסט. און איך זאָג דיר, עדנה, פאר נישט צו רפי'ן". „ניין" האָט עדנה גֶעענטפערט, נישט צו אים, נאָר אין דעם זעלבן פלאץ"...

„ניין עדנה! דאָס איז פאר דיר נישט גוט, און דער קיבוץ וועט עס ניט ערלויבן, דו דארפסט לערנען, נישט פארנעמען זיך מיט ליבע... אויב איר וועט זיין צוזאַמען וועט עס נישט גוט זיין".

נעמי האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: „גענוג צו רעדן,

זיי רואיק, איך וועל דיר מיט אלעם העלפן, ביז דו וועסט זיין אויף אַ פּלאַץ״.

עדנה האָט ארומגענומען נעמי׳ן און ביידע האָבן זיך צוקושט.

קאפּיטל 8

גדי, דוד, דני און אויך אנדערע האָבן פארגעסן, אז „רפי״ עקזעסטירט אין קיבוץ. די יונגע בחורים האָבן געהאַט זייער ארבעט, די בחורות דאָס זעלבע. נאָר איין עדנה וועלכע האָט זיך פארנומען מיטן פאָרן. זי איז אוועק צו נעמי׳ן און געפרעגט: „נעמי! הו האָסט גערעדט מיט די חברים? וואָס האָבן זיי געזאָגט?״ „זיי האָבן געזאָגט, אויב דו ווילסט פאָרן, דארפסטו קומען אין מזכירות, און מעלדן וואָס דו פארלאנגסט, נאטירליך האָבן זיי רעכט, דו ווילסט פאָרן, נישט איך״. האָט נעמי געענטפערט ערנסט.

„האָסט רעכט, איך וועל היינט גיין צו די חברים״ האָט עדנה געענטפערט און אוועק א פארזאָרגטע.

אין דעם זעלבן טאָג איז עדנה אריין אין מזכירות און איבערגעגעבן איר פארלאנג. — זי וויל פאָרן לערנען —.

וואָס דענקסטו לערנען? האָבן די חברים געפרעגט.

„איך דענק לערנען יוסטיץ, אדוואָקאַט״ האָט זי געענטפערט.

אדוואָקאט? האָבן זיך די חברים איבערגעקוקט, צו וואָס דארפסטו דאָס עדנה?

„צו פארטיידיקן דעם אמת״ האָט זי רואיק געענטפערט.

אין קיבוץ לעבן ערליכע מענטשן, אלע ארבעטן גלייך, אלע האָבן די זעלבע רעכט, ס׳קומט נישט צו משפטים דאריבער נויטיקן מיר זיך נישט אין אדוואָקאטן, האָבן די חברים געזאָגט.

„אמת! אין קיבוץ איז אלץ פיין און ערלעך. אָבער אויסער דעם קיבוץ איז יעדער פון אונז אַ מענטש, און יעדער האָט זיינע געפילן,

איינדרוקן אין לעבן און דערפאר האָט יעדער רעכט צו טאָן ווי אים געפעלט און וואָס ער וויל, איך וויל ענדיקן אדוואָקאַט, ווייל דאָס געפעלט מיר" האָט עדנה געזאָגט ענטשלאָסן.

דעם קיבוץ וועסטו גאַרנישט געבן מיט דיין לערנען, האָבן די חברים געזאָגט.

עדנה האָט זיך אויפגעשטעלט, מיט איר האנט האָט זי אָנגעוויזן אויפן פלאַץ וווּ עס רוען אירע עלטערן, און געזאָגט: „אָט די קברים זענען נאָך ווייניק פאר דעם קיבוץ? אייביק בלייבן זיי אייערע, א טייערן פרייז האָבן זיי באַצאָלט פאר מיין לעבן און פאַר מיין ערציאונג".

זי האָט אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. געבליבן שטיין שטיל און טרויריק.

די חברים האבן זיך איבער געקוקט און גוט פארשטאנען עדנה'ס ווערטער מיר נעמען עס אין באַטראַכט, מיר וועלן דיר ענטפערן, האָבן די חברים געזאָגט.

עדנה איז ארויס פול מיט צער, אירע הענט האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן, זי האָט זיי צוגעדריקט צום הארצן און ווען זי איז אריין אין איר צימער האָט זי זיך צעוויינט.

ס'האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און נעמי איז אריין.

„דו וויינסט? וואָס האָט פאסירט, דערצייל מיר" האָט נעמי געזאָגט.

עדנה האָט אויסגעווישט די אויגן, זיך געזעצט, און דערציילט נעמין, וואָס די חברים האָבן איר געזאָגט.

„טייערע! דו מוזט זיך האלטן, ווען דו ווילסט צו עפּעס קומען. דו ביסט צופיל בערוועז, ס'וועט נישט גוט זיין מיט דיר. דו דארפסט א סך נערוון און געזונט, ווען נישט איז אלץ אויס; דו מוזט זיך צוזאמענעמען! ווייל איצט שטייסטו אויפן שוועל פון דיין צוקונפט, און דאָס ליגט אין דיינע הענט". און ווי א גוטע מוטער האָט זי איר געגלעט מיט א ווארעמע האנט, געקושט איר קאָפּ מיט אמת'ע ליבע און ווייטער גערעדט „איצט אן היסטעריקע. די חברים וועלן שוין צוגרייטן פאר דיר,

וואס דו דארפסט צום פּאָרן, זיי רואיק, מאך זיך שיין, פּארקעם די האָר, טו איבער די ארבעטס קליידער, און קום עסן".

עדנה האָט איר געהערט, ווי א גוט קינד, זי האָט זיך ארומגעוואשן, איבערגעטאָן, פאַרקעמט אירע שווארצע געדיכטע האָר, און געשטעלט זיך פאַר נעמי'ן, זאגנדיק: „איך בין גרייט".

נעמי האָט געקוקט אויף איר מיט באוווּנדערונג, ווי זי וואָלט איר צום ערשטן מאָל געזעען.

„דו ווייסט, עדנה, ביסט א שיינע, איך האָב דיך נאָך קיינמאָל נישט געזעען", ווי היינט; ווען איך קוק אויף דיר, זע איך אז מיט דיין שיינקייט קאָנסטו אין לעבן א סך געווינען, אויך דיין פּנים זאָגט עפּעס", האָט נעמי מיט באגייסטערונג געזאָגט.

עדנה האָט אַ שמייכל געטאָן און געפרעגט: פאַרוואָס זאָגסטו עס מיר? דו קאָנסט מיך שוין מיין גאנץ לעבן, האָסטו מיך איצט דאָס ערשטע מאָל געזעען?"

„אמת טייערע, איך האב קיינמאל נישט געטראכט אז דו ביסט אן אמת'ע שיינהייט, נאָר איצט, ווי דו שטייסט פאַר מיר, האָב איך עס דערזעען, אוי עדנה דו וועסט אונז אלע בחורות פון קיבוץ איבער־שטייגן".

„מיט וואָס?" האָט עדנה געפרעגט.

„מיט דיין שיינקייט, מיט דיין ענטשלאסנקייט, מיט דיין ענערגיע, און איצט ערשט מיט דיין בילדונג. וואָס ווילסטו לערנען?" האָט נעמי געפרעגט.

„וואָס? דו געדענקסט נישט; איך האָב דיר געזאָגט, אדוואָקאַט וויל איך ווערן".

„אדוואקאט?" האָט נעמי אויסגערופן באגייסטערט, „דו וועסט דאָך די וועלט באזיגן! עדנה".

נעמי האָט איר ארום גענומען און זיך מיט איר א דריי געטאָן, אין אַ רעדל; כא, כא, כא! „לאך פון דער וועלט; דאָס לעבן איז דיינס, אלץ פארמאָגסטו: קיילעכדיקע גריבאלאך אין די בעקאלאך, גלאנציקע אויגאלאך, פול מיט חכמה, דיינע ווייסע פערלדיקע ציינדאלאך, אַלץ

אזוי שיין; נאָר אַ לאַך, אַ שמייכל, דיין שמייכל גיט דיר צו אמת'ן חן. אוי! עדנה, עדנה, ווען דאָס פאַרמאָגט אַ צווייטע מיידל?... זי וואָלט אלע בחורים פאַר דער נאָז געפירט". האָט נעמי געלאַכט מיט איר גאַנץ יונג האַרץ.

עדנה האָט געקוקט אויף נעמי ווי זי וואָלט געמאַכט אַן אָנשטעל.

„וואָס קוקסטו אזוי אויף מיר?" האָט נעמי געפרעגט.

„דו וואָלסט געקענט שפּילן טעאַטער! דו ביסט אַן אויסגעצייכנטע אַרטיסטין". האָט עדנה — מיט אַ שמייכל — געזאָגט.

„און דו ביסט אַ געבוירענע אַדוואָקאַטין; דו וועסט מצליח זיין עדנה קום, קום, ס'ווערט שפּעט, אין עסצימער וועט שוין גאָרנישט בלייבן פאַר אונז צום עסן".

ביידע זענען אַרויס, אַרומהאַלטנדיק זיך, ווי גוטע איבערגעגעבענע חברות — מיט האַרץ און נשמה — ביידע האָבן זיך פאַרשטאַנען אויסגע־צייכנט גוט און ביידע צופרידענע, וואָס דער גורל האָט זיי צונויף געפירט, און קענען זיך פילן אמת'ע און טרייע חברות.

דער אוונט איז געווען לופטיק, דער אַרום האָט געשמעקט פון די פרישע לופט און גראָזן; דער הימל לויטער; די לבנה האָט געלויכטן ריין, ליכטיק מיט אַ שמייכל, אַ צופרידענע.

קאַפּיטל 9

רפי האָט זיין גאַנצע פרייע צייט אויסגענוצט צו באַקענען אַמעריקע. אין אוניווערסיטעט האָט ער באַקענט אַ סך סטודענטן און מיט זיי זיך באַפריינדעט. זיי האָבן אים איינגעלאַדן צו זיך אַהיים. רפי איז געגאַנגען און געגעסן פון דער געזעלשאַפט. ער האָט באַקענט — צווישן די סטודענטן, — עטלעכע, וועלכע זענען געווען רייכע קינדער, און האָבן געהאַט גענוג געלט צום פאַרברענגען און זיי האָבן רפי'ן אַריינגעצויגן אין זייער צולאָזענעם לעבן.

אין א טאָג, ווען די סטודענטן זענען פריי געווען פון לערנען, איז צוגעקומען צו אים איינער פון זיי און גזאָגט: „רפי היינט באנאכט גייסטו מיט אונז, מיר וועלן גיין פארברענגען".

„ניין! זאָגט רפי, איך קען נישט".

„פארוואָס?" פרעגט דער סטודענט פארוואונדערט.

„ווייל מיין בודזשעט ערלויבט נישט: איר ווייסט דאָך, אַז איך קום פון אַ קיבוץ, מיינע עלטערן האָבן נישט קיין געלט מיר צו שיקן. אויף הולאנקעס, און אָן געלט קען איך נישט".

„נאריש". האָט דער סטודענט געזאָגט. „מיר פאָדערן נישט קיין געלט, מיר ווילן דיך אין אונזער געזעלשאפט, דו וועסט קומען".

רפי האָט נישט געוואָלט גיין, אָבער דער סטודענט האָט אים נישט אָפּגעלאָזן, ביז ער האָט איינגעשטימט.

ווען רפי איז אין אוונט געקומען אויף די אדרעס, האָט ער נישט געוואוסט וואָס עס קומט פאָר אין דעם פלאַץ. ער איז אריין אין אַ פּאַרטמענט פון עטלעכע צימערן. דאָרט האָבן זיך פארזאמלט די איינגעלאַדענע געסט. ער איז געבליבן ערשטוינט פון שיינקייט און רייכקייט, אלץ איז געווען מיט פולן קאָמפּארט.

רפי איז אויפגענומען געוואָרן מיט פרייד; עטלעכע שטימען האָבן אויסגערופן: הללאו! רפי! גוט וואָס ביסט מיט אונז.

רפי האָט זיך ארום געקוקט און געפרעגט: וועמען פון אייך געהער דאָס הויז".

„צו מיינע עלטערן" האָט זיך ג'ורג' אָנגערופן, אָנגיסנדיק אַ גלעזל משקה פאַר רפי. „מיינע עלטערן זענען ארויס געפאָרן אין זייער ווינטער הויז, אין ווארעמען קלימאט, און איך בין דאָ פארבליבן". „דו ביסט א רייכער מאן, ג'ורג'" האָט רפי געזאָגט מיט א שמייכל. „איך נישט" זאָגט ג'ורג', „נאָר מיינע עלטערן זענען רייכע, גענוס איך אויך פון זייער פארמעגן".

א טיר האָט זיך געעפנט, און רפי האָט געזען פאר זיך א ריזן עסצימער. די געסט זענען צו צום טיש און גענומען פארזוכן פון די מאכלים וועלכע זענען געווען צוגרייט.

נאָכדעם ווי מ'האָט אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונקען, האָט מען זיך צולאָזן מיטן גאַנצן יונגן טעמפּעראַמענט און געפילט זיך פריי ווי אין גן־עדן. צווישן די איינגעלאַדענע געסט, האָבן זיך געפונען: „אַרטיסטן, קינצלער, מוזיקער, שרייבער און יונגע מיידלאַך, וועלכע זוכן אַ לעב טאָן מיט רייכע בחורים, מ'האָט אויסגענוצט וואָס נאָר מעגליך איז, צום פאַרברענגען און ווען מ'איז שוין מיד געוואָרן, האָט מען זיך אוועק געזעצט און גענומען רויכערן סמ'ען.

רפי איז מיטגעריסן געוואָרן, אָבער נאָר ביז די סמ'ען. דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט: „איך גיי, ס'איז שפּעט".

„וואָס?" האָט אַפרעג געטאָן איינע פון די יונגע שיינהייטן; און אַרומלייגנדיק אירע ווייסע הענט אַרום זיין האַלדז, האָט זי אים צוגעפּירט צום פּלאַץ וווּ עס איז געווען צוגעגרייט דער כשוף סיגאַרעט און געזאָגט: „דו ביסט מיד ווי מיר אַלע, אמת? אָבער פאַררויכער נאָר איין סיגאַרעטל וועסטו באַלד באַקומען פרישע יונגע כוחות".

„ניין" האָט רפי זיך געריסן פון אירע שיינע הענט און געזאָגט: „איך רויכער נישט".

„איך ווייס, אָבער איינמאָל מוזטו דאָס פאַרזוכן".

„ניין! ניין" האָט רפי זיך אַרויסגעריסן פון אירע הענט, באַלד האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַ חברה און מיט געלעכטער געשטופּט אים דעם סיגאַרעט אין מויל.

רפי האָט געפילט ווי לעכערליך ער זעט אויס ביי די חברים, האָט ער געזאָגט: „חברה לאָזט מיך, איך מוז גיין".

„ניין! דו בלייבסט מיט אונז".

רפי האָט געזען, אַז עס קען אַנדערש נישט זיין, איז ער פאַרבליבן. לאַנג האָט ער באַדויערט, וואָס ער האָט זיך געלאָזט צורעדן צו גיין צו די הולאַנקע, וועלכע ער האָט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן געזעען, אָבער ער האָט זיך שוין נישט געקענט באַפרייען פון דער גורל־דיקער נאַכט.

ווען רפי האָט געעפנט זיינע אויגן האָט ער נישט געוווּסט וווּ ער געפינט זיך, און נאָכמער איז אים געווען אַ וווּנדער, אַז ער ליגט אין זיין

בעט אין זיין צימער. וואָס האָט מיט מיר פּאַסירט? האָב איך געחלומ׳ט? — איך בין דאָך געווען אין רייכן הויז מיט חברים, און דאָ ליג איך אין מיין בעט, אין מיין צימער. האָט מען מיך אהער געבראַכט? ווען? ווער?״ ער האָט גאָרנישט געדענקט און נישט געוווּסט וואָס ס׳האָט מיט אים פּאַסירט.

„זאָל זיין וואָס עס וויל״ האָט ער אַ געשריי געטאָן און געוואָלט אַרויס פון בעט, אָבער די פיס און הענט זענען שווער, ווי נישט זיינע. — הייסט עס, אַז איך בין געווען שיכור הא? — איך דאַרף דאָך אָבער גיין לערנען, האָט ער נערוועז אַ זאָג געטאָן.

ער האָט אָנגעצונדן די ליכט, געכאַפּט אַ קוק אויפן זייגער, אַ שפּרונג געטאָן פון בעט, און צו צום פענצטער; „נאַכט״ ס׳איז שטיל, מער ווי די עלעקטרישע ליכט זעט מען נישט.

„אַך האָט ער שווער געאָטעמט, הייסט עס, בין איך אַ גאַנצן טאָג געשלאָפן? נישט געלערנט, נישט צוגעגרייט זך צום עקזאַמען, און אויך נישט געפילט וואָס טוט זיך מיט מיר.

„טפו״ האָט ער אַ שפּיי געטאָן און אויפגערעגט אַריין צוריק אין בעט. ער האָט גערעדט צוזיך אליין און געפרעגט: — וואָס טוט מען איצט? — שלאָפן קען איך נישט, אַרויסגיין? קען איך נישט דער קאָפּ דרייט זיך, וואָס איז מיט מיר? „ניין״ האָט ער אַ געשריי געטאָן, „מער מאַך איך נישט אַזא נאַרישקייט, אַזעלכעס קענען זיך נאָר רייכע הולטייאישע קינדער ערלויבן, זיי דאַרפן נישט צושטעלן קיין דין וחשבון דעם קיבוץ, ווי איך דאַרף עס טאָן״. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם משונהדיקן אָוונט, ווי ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן נישט ווילנדיק, און האָט באַשלאָסן מער זיך נישט לאָזן אָנרעדן צו אַזעלכע וועגן.

ער איז אַ מידער ווידער אַראָפּ פון בעט, געדרייט זיך איבערן צימער און נישט געוווּסט וואָס אָנהויבן. ער האָט זיך דערמאָנט: שוין לאַנג נישט געענטפערט אויף די בריוו, וועלכע ער האָט דערהאַלטן פון דער היים. ער האָט זיך געזעצט צום טיש און גענומען שרייבן: ליבע עלטערן, זייט נישט בייז; איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז איך בין פאַרנומען אין מיין לערנען און די צייט איז טייער. ווי איז אייער געזונט? איך האָף

אז אלץ איז גוט; זאָרג נישט מוטער, מיר איז גוט אלץ גייט גוט, נאָך אביסעלע וועל איך קומען א היים, א געלערנטער מאן און דאן וועל איך בלייבן מיט אייך.

וואָס הערט זיך ביי די חברים? ווי איר האָט מיר געשריבן, גרייט זיך עדנה פארן לערנען; וואָס וויל זי לערנען? און וווהין פאָרט זי? גיט איר איבער א גרוס און ווינטשט איר — אין מיין נאָמען — הצלחה. מער קיין נייעס, זייט געזונט, קיש אייך אלע הערצליך, אייער רפי.

דעם בריוו האָט ער געלעזן און געשמייכלט, טראכטנדיק, אך טייערע עלטערן מיינע, ווען איר וואָלט געזען ווי איך האָב די נאכט פארבראכט און בכלל אלץ ארום מיר, וואָלט איר מיר זיכער צוריק גערופן א היים; אָבער מער וועל איך אזעלכס נישט טאָן; ניין! ניין! דערמיט האָט ער זיך בארואיקט, און צוריק אריין אין בעט.

קאפיטל 10

עדנה האָט איינגעשטימט לערנען אין לאנד.

די חברים האָבן איר ערקלערט אז לערנען געזעץ, איז נישט בויטיק צו פאָרן אין אויסלאנד.

זי האָט עס פארשטאַנען און מסכים געווען מיט דעם באשלוס. זי וועט פאָרן אין ירושלים, דאָרט נעמען א צימער, ביז צום ענדיקן איר לערנען.

דערווייל גרייט זי זיך צום פאָרן אין ירושלים.

נעמי האָט איר יעדן טאָג באזוכט, און געפרעגט, אין וואָס זי בויטיקט זיך.

עדנה איז געווען נערוועז, נישט גערעדט צו קיין מענטש, ס'האָט זיך איר אויסגעווין אז יעדער וואָרט וואָס זי רעדט וועט איר פעלן אין אוניבערסיטעט.

נעמי האָט געשמייכלט, זי האָט איר פארשטאנען:

„צו ערנסט ביסטו טייערע. דו פאָרסט אין א פלאַץ, וווּ דו וועסט זיך באַגעגענען מיט מענטשן, און מענטשן האָבן ליב אַ פריינטליכן פּנים, אַ פּנים מיט אַ שמייכל; דאָרט מוזטו דיין פּנים ענדערן. איצט גיב מיר אַ קוש און אַלץ וועט גוט ווערן" האָט זי צוגעגעבן.

ביידע האָבן זיך צוקושט, נעמי, האָט אַרויסגענומען עטלעכע קליידלעך, אַביסל וועש, געוויזן עדנה'ן און געזאָגט: „איך לייג אַלץ אַריין אין דער וואַליזע, וואָס דיר איז נויטיק מיטצונעמען". נעמי האָט איר אָנגעוויזן, ווו אַלץ ליגט, און ווי אַ גוטע מוטער האָט זי איר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ זאָגנדיק: „מיין אַרבעט ענדיק איך פרי און קום גלייך צו דיר".

„וואַרט" האָט עדנה איר פאַרהאַלטן, „איך וויל דו זאָלסט פאָרן מיט מיר".

„עדנה! דו ביסט, קיין קליין קינד, — אַרבעט וואַרט אויף מיר".

„איך וויל גאָרנישט וויסן" האָט עדנה געזאָגט, „אָן דיר פאָר איך נישט".

נעמי האָט געקוקט פאַרוואונדערט און געזאָגט מיט אַ שמייכל: „איך קען דאָך נישט פאָרן מיט דיר לערנען". זי האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט: „זייַ נישט קיין קינד עדנה".

אויף מאָרגן זענען עדנה און נעמי געגאַנגען צום אויטאָ.

עדנה האָט שטיל געקוקט, ווי זי וואָלט צום ערשטן מאָל געזען די שיינקייט פון דעם אַרום; די זון איז נאָר וואָס אַרויס, אַלץ איז געווען גרין; די לופט האָט געשמעקט מיט דעם פרישן טוי, ס'האָט געבלאָזן אַ פרימאָרגן ווינטעלע און געגלעט די ביימער און בלומען; די פויגל האָבן ערוואַכט און מיט צעעפנטע פליגל האָבן זיי זיך געלאָזן העכער און העכער צום הימל.

ביידע האָבן געשוויגן. עדנה איז געווען די ערשטע, וועלכע האָט געזאָגט: „קוק ווי שיין עס איז אונזער קיבוץ, איך האָב אים נאָך קיינמאָל אַזוי שיין נישט געזען".

„דו האָסט רעכט" האָט נעמי געענטפערט ווייל קיינמאָל האָסטו

אים נישט פארלאָזן". עדנה האָט זיך אָפּגעשטעלט, און גענומען רייסן בלומען.

„וואָס טוסטו?" האָט נעמי איר געפרעגט.

„לאָז מיך, דאָס איז דאָך פון מיין קיבוץ — מיין היים, זיי זענען דאָך אזוי שיין".

„קום, קום שנעלער, אָט באוויזט זיך דער אויטאָבוס".

ביידע האָבן גענומען לויפן. דער אויטא האָט זיך געשטעלט און זיי זענען אריין. די טיר האָט זיך פארמאכט און דער אויטאָ האָט זיי געפירט נאָך ירושלים.

נעמי האָט געהאָלפן עדנה'ן זיך איינאָרדנען אין איר ניי לעבן און ווען זי האָט אלץ ערליידיקט, איז נעמי צוריק געפאָרן אין קיבוץ צו איר טאָגטעגליכער ארבעט, און עדנה איז פארבליבן אין איר ניי לעבן, וואָס איז איר נאָך דערווייל, פרעמד געווען.

„פארגעס נישט שרייבן" האָט נעמי געזאָגט צו עדנה'ן, שטייענדיק ביים אויטא שרייב וועגן אלץ". ווי א גוטע מוטער האָט זי איר ארומגענומען, צוקושט זיך, און אריין אין אויטאָ.

עדנה האָט נאָך באוויזן אמאך טאָן מיטן האנט און דער אויטאָ האָט גערירט.

נעמי איז געזעסן ביים פענצטער געקוקט אויף ירושלים, „אך ירושלים" האָט זי א קרעכץ געטאָן, וויפל מ'קוקט אויף דיר, איז נישט גענוג. דו פארמאָגסט כישוף, עס ציט צו דיר, עס גליסט זיך נישט דיך צו פארלאָזן. אַלץ אין דיר איז הייליק, און דו שטייסט שטאָלץ איבער אלעם. דיין לופט, דיין הימל, דיינע בערגלאך און בערג זענען אנדערע ווי אומעטום. דו בארויקסט מיט דיין הייליקייט און דו שלייפסט איין, מיט דיין רואיקייט. און דאָך איז די גאַנצע וועלט אין פייער איבער דיר, מיין שטאָט ירושלים.

זי האָט — ווי נאָך אַ תפילה — פארמאכט איר מויל און די אויגן. שטיל זיצן געבליבן, ווי זי וואָלט מיד געווען, נאָך א שווערן טאָג ארבעט, וועלכן זי האָט אדורך געמאכט אין דער הייליקער שטאָט

ירושלים. „יאָ" האָט זיך איר ארויסגעריסן פון מויל. מיר וועלן זעען די קאָנסעקווענצן וואָס די צייט וועט ברענגען.

ווען דער אויטאָ איז אָנגעקומען אויפן פלאַץ, האָט נעמי לייכטער אָפגעאָטעמט, זי האָט גענומען איר קליינע וואַליזע אין האנט, און אריין אין צימער.

נאָך דעם טומל פון רפי און עדנה׳ס אָפפאָרן, איז אין קיבוץ שטיל געוואָרן. די חברים האָבן צוביסלעך פארגעסן איןביידן, נאָר די בריוו, וועלכע זענען אָנגעקומען פון צייט צו צייט, האָבן ווידער א טרייסל געטאָן די חברים. איינער דעם צווייטן האָט געפרעגט: וואָס שרייבט עדנה? א צווייטער, וואָס שרייבט רפי? אויסער דעם, האָט יעדער געהאט זיין אייגן לעבן פאר זיך: די טאָג טעגליכע ארבעט האָט צוגענומען דעם געדאנק פון ווייטן; יעדער האָט געוווסט און פארשטאנען, אז עס וועט אוועק אפאָר יאָר, דאָס לערנען פון רפי און עדנה וועט זיך ענדיקן, און זיי וועלן זיך צוריק אומקערן צום קיבוץ, אין זייער היים.

אויך די עלטערן פון רפי האָבן אזוי געטראכט און געוואַרט אויף דעם גליקלעכן טאָג, וואָס וועט זיי צוריק ברענגען זייער קינד.

די בריוו וועלכע זיי דערהאַלטן פון רפי, האָט זיי נישט באפרידיקט. ביי יעדן בריוו, פלעגט די מוטער אַ קרעכץ טאָן און זאָגן: א פאפירענער זון. דער פאָטער פלעגט שווייגן נאָכן אדורך לייענען דעם בריוו, אַצי־טאָן טיף דעם אָטעם, אוועק לייגן דעם בריוו צווישן די געזאמלטע בריוו, וועלכע ער האָט געהיטן ווי אַיין הייליקטום. נאָך דעם האָט ער זיך געוואַנדן צו דער מוטער און געזאָגט: „זייער פיין, ער מאכט א לעבן, לערנט און ווערט א מענטש".

די מוטער האָט געקוקט, געשאָקלט מיטן קאָפּ, זאָגענדיק: וואָס דען זאָל ער שרייבן? אנדערש?"

„אוי מוטער! מוטער, פאר וואָס דענקסטו שלעכט, ער איז דאָך געפאָרן לערנען מוז ער דאָך זיינס טאָן; האָסט שלעכטע געדאנקען, מוטער".

„ווען ער וואָלט דאָ געווען, וואָלט איך געוווסט דעם אמת, אבער א בריוו, פרייט מיך נישט" האָט די מוטער געזאָגט.

„נו נו געבנוג צו זאָרגן, מיר וועלן עס נישט ענדערן, בעסער א גוטער בריוו ווי גאָרנישט".

אזוי האָבן רפי׳ס עלטערן דיסקוטירט צווישן זיך, און האָבן געציילט די טעג און די וואָכן, ווען דאָס לערנען וועט זיך סוף סוף ענדיקן, און רפי זאָל זיין מיט זיי.

די צייט איז געגאנגען, געיאָגט, אַ מאָנאַט נאָך אַ מאָנאַט, א יאָר נאָך א יאָר, רפי איז געבליבן ווייט פון טאטע־מאמע, און וואָס אמאָל ווייטער און ווייטער; דאָס אמעריקאנער לעבן האָט אים מיט־געשלעפט מיט זיך.

פון דעם אָוונט, ווו ער האָט באקענט דאָס באהעמע לעבן, אָן צוועק, אָן זאָרג, אָן א מאָרגן, האָט ער גענומען קעמפן מיט זיך. ער האָט געוואָלט זיין גוט, פיין פאר אלע, אָבער ער האָט עס נישט געקענט באווייזן דער אָרט לעבן האָט אים נישט אָפּגעלאָזן און געשלעפט מיט זיך, אויב ער איז באנאכט נישט געשלאָפן, האָט ער באטאָג נישט געקאָנט לערנען. און ווען ער האָט זיך אנגעשטרענגט און אויסגעפירט ביידע צוזאמען, איז ער צוזאמענגעבראָכן און געבליבן ליגן ווייט פון אלעם: מיד און אויסגעמאטערט, לערנען איז אים געווען שווער, און באכטלעבן איז אים געוואָרן נאָך שווערער מיט זיין געזונט־צושטאנד, ער איז געבליבן אויסגעשעפט. קיינער האָט זיך מיט אים נישט אינטערעסירט. דער איינציקער, וועלכער האָט געפרעגט אויף אים, איז געווען דער אוניווערסיטעט, דאָרט האָט מען געפונען פארשריבן, וויפל מאָל ער האָט נישט אנטייל גענומען אין לערנען, און ווייטער איז עס רפי׳ס פערזענליכער ענין.

רפי איז אלץ שוואכער געוואָרן, געגעסן האָט ער מיט די סטודענטן אין קאמפוס, אָבער, אז ער איז געבליבן ביי זיך אין צימער, האָט ער קיין עסן נישט געהאט.

אין די נעכט האָט ער נאָר עפעס איבערגעכאפט, ווייל זיין געלט

איז נישט געווען גענוג צו אָפּעסן צו זעט. די צייט האָט אים פאַרשלעפּט צום אָפּגרונט.

רפי האָט זיך געראַנגלט מיטן לעבן, ער האָט געוואָלט אַלץ און נישט געקענט מיט זיך פאַרטיק ווערן. אין וועלכן ריכטונג זיך צולאָזן האָט ער נישט געוווּסט. און צוליב זיין שווערן קאַמף פון זיין נישט נאָרמאַלן לעבן, איז ער צוזאַמען געבראָכן, און פון צרות גענומען טרינקען; ס'האָט אויפגעהערט אַרבעטן זיין געדאַנק; אַלץ איז אים געוואָרן אַפּאַטיש; ער האָט זיך גענומען שלעפּן איבער די גאַסן, אָן אַ ציל, נישט וויסנדיק וווּהין ער גייט. ער האָט געוואָלט איבערגיין דעם וועג, דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט, אַן אויטאָ איז אָנגעקומען און רפי איז געבליבן אונטער די רעדער.

פון אויטאָ איז אַרויס אַ מיידל און מיט דער הילף פון דורכגייער, האָט זי אים אַריין געזעצט אין איר אויטאָ און אָפּגעפירט אין קראַנקן הויז.

רפי איז געווען שטאַרק צוקלאַפּט און נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך מיט אים; פון צייט צו צייט האָט זיך געהערט פאַרשטיקטע קרעכצן; ער האָט פאַרלוירן זיין באַוווּסטיין, זיין לאַגע איז געוואָרן ערנסט.

דאָס מיידל, וועלכע האָט אים געבראַכט אין קראַנקן הויז, האָט זיך מיט אים פאַרנומען, נישטוויסנדיק ווער ער איז. ס'האָט איר שטאַרק וויי געטאָן, וואָס זי איז געווען די שולדיקע פון דעם עקסידענץ.

זי האָט גערעדט מיט די דאָקטוירעם און מיט די קראַנקען שוועסטער, וועגן זיין שווערער לאַגע.

זי האָט אויך געשטעלט אַ קראַנקן שוועסטער ביים בעט; טאָג טעגליך איז זי געקומען זעען ווי עס האַלט מיט זיין געזונד־צושטאַנד.

יעדן טאָג האָט זי פרישע בלומען געבראַכט, און אַליין זיך געשטעלט ביים קראַנקן אַרום וואַשן אים און פּרוּוון רעדן צו אים, אפשר וועט ער עפענען די אויגן. אָבער טעג און נעכט זענען אַוועק און רפי איז געלעגן אין אַ שווערן צושטאַנד, אָן ענדערונג, זיין האַרץ האָט געקלאַפּט שטאַרק, און די לאַגע האָט זיך נישט געענדערט.

קאפיטל 11

עדנה האָט אָנגעהויבן איר ניי לעבן. אלץ איז איר אויסגעקומען פרעמד אין נייעם פלאַץ. זי, וועלכע איז איר גאנץ לעבן געווען אין קיבוץ און געלעבט מיט די נאטור, האָט געליטן פון דעם פארמאכטן לעבן אין שטאָט. ס'האָט איר געפעלט אירע פעלדער, וועלדער, ווו זי איז געבוירן און ערצויגן. אין איר קליינעם, ענגן, סטודענטן־צימער איז אלץ אויסגעקומען אנדערש. אבער איר ווילן אויסצופירן דאָס וואָס זי וויל, איז זי גרייט געווען אויף אלעם.

זי האָט מיט דערצייט באקענט סטודענטן, מיט וועלכע זי האָט געלערנט צוזאמען; דאָס לעבן האָט איר אריינגעצויגן אין די ראמען, אין וועלכע זי האָט זיך געמוזט צופאסן. זי האָט געוווסט, אז איר אייגציקער ציל איז לערנען און איבעריאָגן רפי'ן. וויפל זי איז געווען פארנומען מיטן לערנען, האָט זי יעדער וואָך געשריבן צו נעמי'ן און געפרעגט אויף רפי'ן. צו ער שרייבט? און וואָס ער שרייבט? וואָס זאָגן זיינע עלטערן? און בכלל וואָס רעדט מען אין קיבוץ וועגן אים.

נעמי האָט איר יעדער מאָל געענטפערט און באַרואיקט; שרייבנדיק, אז זי זאָל נישט צופיל פרעגן אויף אים. ווייל ער איז געוואָרן אמעריקאניזירט און שרייבט וואָס ווייניקער. די עלטערן ליידן זייער פון זיין שווייגן. אָבער ער איז דאָרט און זיי דאָ. אויך די חברים זענען נישט צופרידן פון זיין צופיל שווייגן... און באזונדערס איז נישט וויכטיק. די צייט וועט אונז זאָגן אלץ. „דו האָסט דיינע פליכטן, דארפסט סוף, סוף, פארגעסן רפי'ן און גיין דיין וועג. ער שרייבט דאָך קיין איין וואָרט, איז וואָס רייסן זיך צו אים? דו ביסט מיט ענערגיע, גיי דיין וועג און געניס פון דער צייט: לערן, באקען מענטשן און דאָס לעבן. כאפ זיך צו אין קיבוץ, וועלן מיר ווידער פארברענגען צוזאמען, זיך אדורך רעדן; דערווייל קוש איך דיך און ווינטש דיר א סך, א סך הצלחה.

עדנה פלעגט לייענען נעמי'ס בריוו און טראכטן: ווער ווייסט פארוואָס לאָזט זי מיך נישט טראכטן פון רפי'ן? זי ווייסט דאָך ווי איך ליב אים אפשר איז זי אייפערזיכטיק? האָט זיך איר געשטעלט א פראגע.

טיף אין האַרצן, האָט איר ווי גערטאָן אויף דעם געדאַנק, פאַרוואָס זאָל נאָך וועד ליבן מיין רפי׳ן?. רפי דאַרף געהערן נאָר מיר, אַפילו אין געדאַנק זאָל ער זיין נאָר מיינער.

עדנה האָט געהאַט מאָמענטן, אין וועלכע זי האָט געגומען האַסן נעמי׳ן. און דאָבײ טראַכטן: מער וועט זי נישט שרייבן צו נעמי׳ן, זי וועט פאָרן אין קיבוץ בעטן רפי׳ס אַדרעס און שרייבן צו אים, ער וועט איר זיכער ענטפערן, און דאַן וועט זי וויסן וואָס זי האָט צו טאָן.

עדנה האָט אָנגעוואָנדן אַלץ צו באַפרייען זיך פון לערנען און פאָרן אין קיבוץ. זי האָט נישט לאַנג געטראַכט, אַריין אין אויטאָ און זיך געלאָזן פאָרן. אָנקומענדיק אין די פעלדער וועלכע האָבן איר פּיל דערמאָנט, האָט זיך איר אויסגעוויזן, ווי אַלע גראָזן און בלומען באַגריסן איר מיט פרייד, און זאָגן איר: „שלום״! עדנה! מיר בענקען נאָך דיר ווי דו צו אונז. מיר פרייען זיך דיך ווידער זעען מיט אונז צוזאַמען. די ביימער האָבן געגרישט, און באַגריסט איר מיט זייערע צווייגן, וועלכע האָבן זיך געבויגן ביז צו דער ערד. די ווייסע הייזקעס מיט די רויטע דעכער האָבן אויסגעזעען נאָך שענער און אַלץ אַרום איז איר האַרציק ליב. זי האָט זיך איינגעבויגן, אַ גלעט געטאָן מיט איר האַנט די בלומען און געשמייכלט.

באַלד איז אָנגעלאָפן דער הונט כושי און גענומען טאַנצן אַרום איר און גענומען שטאַרק בילן פון פרייד; זיין בילן האָט זיך געהערט העט ווייט. אויף דעם בילן פון הונט, האָבן זיך באַוויזן די חברים פון די הייזקעס און די קינדער זענען מיט פרייד געלאָפן צו עדנהן, איר באַגריסט מיט ליבע און מיט פאַראַד האָבן די באַגלייטער איר געבראַכט אין קיבוץ אַריין.

נעמי דערהערנדיק דעם טומל איז אַרויס זעען וואָס האָט פּאַסירט.

דערזעענדיק עדנה׳ן, האָט זי זיך שטאַרק דערפרייט און גלייך אַריינגעפירט איר צוזיך אין צימער און צו די קינדער האָט זי געזאָגט: „זייט רואיק, עדנה וועט קומען צו אייך״.

עדנה און נעמי זענען געווען זייער צופרידן געפונענדיק זיך צו־זאַמען, ביידע האָבן נישט געוווּסט פון וואָס אָנצוהויבן, ענדליך האָט

זיך נעמי אָנגערופן: „אָך עדנה, גוט וואָס ביסט געקומען, איך האָב דיר אַזויפיל צו דערציילן".

„איך דאָס זעלבע" האָט עדנה געזאָגט.

דערווייל האָט נעמי צוגעגרייט א טרונק אוןביידע חבר'טעס האָבן געמיטליך געטרונקען און זיך אדורך גערעדט פאר דער גאנצער צייט.

„טייערע" האָט נעמי געזאָגט: „דו ביזט געקומען אין דער ריכטיקער צייט, איך מוז דיר דערציילן:

„דו קענסט דאָך גדי'ן?"

„זיכער" האָט עדנה געענטפערט.

„הער דער בחור האָט זיך פארנומען אויף מיר, און טרעט מיך נישט אָפּ".

„ער האָט דאָך שרה'ן, וואָס זאָגט זי?", האָט עדנה געפרעגט.

„זי איז פארביטערט, אָבער בין איך דען שולדיק?

עדנה האָט געקוקט אויף נעמי'ן און פארדעכטיקט געפרעגט: „דו האָסט אים ליב?"

„איך ווייס אליין נישט" האָט נעמי געענטפערט פארשעמט.

„איך פארשטיי דיך נישט נעמי, גדי איז א פאָטער פון צוויי קינדער"

„איך ווייס עס גוט. אָבער ער איז שולדיק, ער קומט און לאָזט מיך נישט צורו".

„ווו ביסטו?" האָט עדנה ענטשלאָסן געפרעגט; „געוויס האָסטו אויך פאר אים סענטימענטן, ווען נישט, וואָלט ער נישט געקומען" האָט עדנה פארענדיקט שטרענג.

נעמי האָט געפילט אז עדנה פארשטייט צופיל, און אָפּנארן וועט איר נישט געלונגען, האָט נעמי זיך געזעצט אנטקעגן עדנה'ן און באשלאָסן עפענען איר הארץ און ערקלערן אלץ וואָס עס דריקט איר; נאָך אביסל טראכטן, האָט זי געזאָגט: „הער עדנה, דו ביסט ביי מיר די נאנסטע, נאָר פאר דיר קען איך זיך טרויען. איך גלויב אז דו וועסט מיך פארשטיין, און וועסט מיר געבן א גוטע עצה, גדי איז א שיינער בחור, איך האָב אים ליב, איך ווייס, אַז איך בין נישט גערעכט מיט מיין האנדלונג קעגן שרה'ן,

אָבער ליבע פאָדערט קיין רעכנונג; ער האָט מיך אויך ליב און איך בין צופרידן אז מיר באַגעגענען זיך און פאַרברענגען צוזאַמען״.

נעמי האָט פאַרשוויגן, פאַרמאַכט די אויגן ווי פאַרשעמט.

עדנה האָט געקוקט אויף איר מיט רחמנות, און אויך געשוויגן.

שטיל איז געווען אין צימער, א שווערע לופט האָט געשטיקט די הערצער פון די צוויי חבר'טעס; ביידע האָבן זיך געשראָקן עפענען דאָס מויל. עדנה האָט געפילט אז זי דאַרף איבעררייסן די געשפּאַנטע שטימונג. זי איז צו צום פענצטער, צועפנט עס, און ארויסגעשטעקט איר קאָפּ, כאַפּן לופט זיך צו באַרואיקן.

נעמי האָט באַמערקט, אז עדנה האָט זיך באַרואיקט, איז זי צוגעגאַנגען צו עדנה, זי ארומגענומען און געזאָגט: „איך האָב פאַרשטאַנען אז דו וועסט עס נישט גוט אויפנעמען, אָבער זיי נישט ברוגז אויף מיר. און פאַרשטיי מיך טייערע״ און נעמי האָט זיך צעוויינט.

עדנה האָט זיך גענומען דרייען איבערן צימער, ווי אין איר וואָלט געלעגן די פאַראַנטוואָרטליכקייט פון נעמי'ס נישט ריכטיקע האנדלונג. זי האָט נישט געקענט מסכים זיין מיט נעמי'ן; איר האָט וויי געטאָן, ווען שלעכץ טאָן, נאָכמער האָט איר וויי געטאָן, וואָס נעמי האָט איר דערציילט די גאַנצע געשיכטע. ווי קען איך שווייגן, האָט זי געטראַכט אין האלטן אין זיך אזא מיאוסן סוד? איך קען דאָך שרה'ן אזוי גוט ווי נעמי'ן און נעמי זאָגט, אַז איך בין די ערשטע, וועלכע ווייס עס... וואָס מאַכט מען איצט? האָט איר קאָפּ גענומען טראַכטן, און איר הארץ איז געוואָרן נישט רואיק.

זי האָט זיך נישט געקענט באהערשן, האָט זיך אָפּגעשטעלט אנטקעגן נעמי'ן, אָנגענומען אירע הענט און געזאָגט ענטשלאָסן: „נעמי אזוי קען עס נישט בלייבן, איך וויל נישט פרעגן וויפל צייט ס'איז שוין אוועק, אָבער איצט פאָדער איך איינס: אָפּלאָזן גדי'ן. אויב נישט? זאָלסטו רעדן מיט שרה'ן און זיך מיט איר פאַרשטענדיקן. שרה איז דיין פריינדין, שרה איז אַ אינטעליגענטע פרוי, וועט רעדן מיט דיר און זיכער געפינען א וועג ווו אלץ זאָל זיך גוט ענדיקן״.

„אך טייערע, ווי קענסטו פאַרלאַנגען פון מיר אז איך זאָל שרה'ן

דערציילן אזא נייעס. ניין, ניין, איך קען עס נישט" און נעמי האָט זיך צעוויינט.

עדנה האָט איר געלאָזן זיך אויסוויינען, און ווען זי האָט זיך באַרואיקט האָט עדנה געקוקט אין נעמי׳ס אויגן און געפרעגט מיט כעס: „צונעמען גדי׳ן פון זיין פאמיליע, קענסטו יאָ?"

„טייערע" האָט נעמי אויסגערופן מיט אַגעשריי: „איך האָב עס נישט געוואָלט, ער איז שולדיק".

„ניין" האָט עדנה געשריגן אויפגערעגט, „איר ביידע זענט שולדיק; איר זענט דערוואקסענע מענטשן, איר מוזט פארשטיין, אז נישט יעדער פארלאנג און נארישקייט קען זיך דער מענטש ערלויבן. מען מוז זיך אָפּזאָגן פון א סך, א סך זאכן אין לעבן, כדי דאָס נאָרמאלע לעבן פון מענטשן צו האלטן, און איר ווילט נישט מאכן קיין איבערבליק אויף די קאָנסעקווענצן. איר נעמט דאָס לעבן אָן רעכנונג, חי געלעבט, ווייטער גאָרנישט. ניין איך זע דאָס לעבן אנדערש איך ליב אויך, אָבער מיט רעכנונג. עס ווונדערט מיך אויף דיר נעמי, דו, וואָס האָסט מיר געפריידיקט אזויפיל מאָראל, האָסטו זיך פארפלאנטערט אין אזא מיאוסער ראלע, אָבער איצט קום איך דיר פריידיקן מאָראַל: לאָז אָפּ, אַנטלויף, באַפריי זיך פון אַן אומגליק".

„טייערע", נעמי האָט זיך געשטעלט אנטקעגן און געזאָגט: „צו שפּעט"...

„וואָס?" האָט עדנה געפרעגט: „אַזויווייט ביסטו דערגאנגען?"

„יאָ" האָט נעמי געענטפערט „איך טראָג די פרוכט פון מיין ליבע אונטער מיין הארצן".

„דארויף איז אויך פאראן אַן עצה" האָט עדנה געזאָגט — אויפגערעגט.

„ניין טייערע, צו שפּעט".

„און וואָס זאָגט גדי?" האָט עדנה ווייטער געפרעגט.

ער זאָגט דער קיבוץ וועט רייכער ווערן מיט אַ קינד, מיר בויטיקן זיך אין חברים.

„און דו וואָס ווּעסטו זאָגן? אז מען וועט דיר פרעגן ווער איז דער פאָטער פון דעם קינד״.

„קיינער דאַרף נישט וויסן״ האָט נעמי געענטפערט.

„ניין, נעמי, א קינד דאַרף האָבן א פאָטער, מיר זענען נישט קיין חיות, מיר דאַרפן דאָקומענטן, און עס גייט נישט צו פאַרמעקן קיין זינד״...

„דאָס קינד איז א לעבעדיקער עדות, ער וועט פאָדערן פון דיר, און פרעגן: „ווער איז מיין פאָטער?״

„איז וואָס זאָל איך טאָן?״ האָט נעמי געפרעגט.

„ענדערן דיין געדאנק, רעדן מיט שׂרה׳ן, און איר אלץ דערציילן״.

„אויך שׂרה האָט נישט געזעצלעך חתונה געהאַט מיט גדי׳ן, און זיי לעבן צוזאַמען״.

„ווילסטו איינפירן ביגאַמיע גדי זאָל האָבן צוויי פרויען, און לעבן מיט זיי אונטער איין דאַך?״. דאָס איז קעגן אונזערע געזעצן״. האָט עדנה אויסגערופן טרויעריק.

„עדנה״ האָט נעמי געזאָגט „איך וויל האָפן, אז שׂרה וועט מיך וועלן פאַרשטיין״.

„איז גיי צו איר, ערליידיק אלץ, אָן סקאַנדאַלן, האָסט פאַרשטאַנען?״

נעמי האָט זיך פאַרטראַכט, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט אוועק אין אן אנדער וועלט, און דער אַרום עקזעסטירט נישט פאַר איר.

נאָך א ווײַלע טראַכטן, האָט זי זיך אויפגעכאַפּט, דערזעען עדנה׳ן זיצן און קוקן אויף איר מיט פאַרדרוס. זי האָט א שמייכל געטאָן און געזאָגט: „אָך טייערע צוואָס האָב איך דיר דערציילט די גאַנצע געשיכטע? דו ביסט דאָך מיין גאַסט, ווי נאַריש בין איך, ווי איך האָב דיך נאָר דערזעען, האָב איך זיך אַזוי דערפרייט, אז איך האָב אלץ אויסגעפּאַקט פאַר דיר, ווי פאַר די נאָנסטע, אלץ וואָס איך פאַרמאָג אין לעבן; און דיך אפילו נישט געפרעגט וואָס טוסטו? ווי גייט עס דיר? און בכלל וואָס הערט זיך ביי דיר?״ עדנה האָט געשוויגן.

„פאַרוואָס שווייגסטו? עדנה״, האָט נעמי געפרעגט. „זאָג וואָס הערט זיך מיט דיר?״

„איך בין געקומען דיך זעען און הערן, וואָס טוט זיך אין קיבוץ?

וואָס הערט זיך ביי די חברים וועלכע זענען אין לאנד, און די פון אויסלאנד?"

„דו דענקסט רפי'ן אמת?" האָט נעמי געפרעגט.

„זאָל זיין רפי" האָט עדנה געזאָגט.

„אך טייערע, איך ווייס נישט וואָס צו זאָגן, אין דער אמת'ן שרייבט ער גאָרנישט. זיינע עלטערן גייען ארום זייער באזאָרגט, אויך דער קיבוץ איז זייער באזאָרגט".

„אפשר איז ער קראנק?" האָט עדנה געפרעגט טרויעריק.

„אלץ קען מעגליך זיין, אָבער נישט לאָזן הערן פון זיך, דאָס איז נישט ריכטיק" האָט נעמי געענטפערט.

„מיר האָבן דאָך אַ קאָנסול אין די פאראייניקטע שטאטן, און די זאך קען ווערן ערליידיקט אָן זאָרגן" האָט עדנה געזאָגט.

„איך דענק אויך אזוי, אָבער די חברים ווילן בעסער אָפּווארטן און זעען וואָס די צייט וועט ברענגען, צו וואָס מאכן אַ פאניק".

„איצט ווייס איך שוין גאָרנישט וואָס צו זאָגן"... עדנה האָט גענומען גיין.

נעמי האָט איר פארשטעלט דעם וועג, נישט געלאָזן גיין, זאָגנדיק „וואָס איילסטו זיך? ווו ווילסטו גיין? ביסט דאָך ערשט געקומען, בלייב מיט מיר — וויניקסטנס — אפאָר טעג".

„ניין טייערע! דאָס זיכער נישט, ערשטנס האָב איך ארבעט, צווייטנס דארף איך גרייטן צום עקזאמען, איך האָב א סך צו לערנען".

„וואָס הערט זיך א חוץ דעם לערנען? דערצייל. דו שווייגסט, איך ווייס בכלל גאָרנישט. טייערע עדנה! דערצייל מיר אלץ, זיי נישט פרעמד צו מיר, דו ווייסט איך ליב דיך ווי א שוועסטער, דו ביסט אלץ פאר מיר, רעד, זיי אָפנהערציק און דערצייל, ווי איך האָב דיר אלץ דערציילט". נעמי האָט איר ארומגענומען, געדריקט צו זיך און געקישט איר מיט אמת'ע שוועסטער־ליבע.

עדנה האָט געפילט איר איבערגעגעבנקייט און איר ערלעכקייט — זי האָט געקענט נעמין פאר א גוט נאיוו מיידל און יעדען געגלויבט.

דערפאר האָט זי אויך גדין געגלויבט און איז אריין אין א בלאָטע — פון וועלכער ס׳וועט איר זיין זייער שווער ארויס צוקומען.

עדנה האָט באקומען רחמנות אויף איר, זי האָט פארשטאנען, אז זי דארף נעמען א סך דאנקבאר זיין פאר איר קאריערע און פאר איר לערנען אין אוניווערסיטעט דאריבער דארף זי איצט נישט אנטלויפן א ברוגז׳סע, זי דארף איר העלפן, געבן אַ האַנט און נישט לאָזן פאַלן אין א צייט פון פארצווייפלונג, זי איז דאָך אויך א פרוי און זי דארף הילף. אין דעם מאָמענט האָט עדנה ארומגענומען נעמין און קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן, האָט זי געזאָגט: „האָסט רעכט נעמי! איצט דארפסטו מיך מער ווי אלע מאָל, זיי רואיק טייערע איך בין מיט דיר, איך וועל דיך נישט פארלאָזן״.

ביידע האָבן זיך ארום גענומען און זיך צוקושט. זיי האָבן זיך גוט פארשטאנען, עדנה איז געבליבן נאָך עטלעכע טעג, כדי לייכטער מאכן נעמי׳ן איר שווערע לאגע...

ביידע חבר׳טעס זענען ארויס פון צימער גליקלעכע, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט פאָרגעקומען צווישן זיי; ארום האלטנדיק זיך. פרייליכע זענען זיי ארויס אין הויף אויפן גראָז, און דערמאָנט יענע שיינע טעג, ווען זיי האָבן זיך דאָ געשפילט, ווען זיי זענען נאָך קינדער געווען, דעמאָלט האָבן זיי געטאנצט, געזונגען, זיך געיאָגט פרייע, אָן זאָרג און גליקלעכע פון לעבן.

ביידע האָבן זיי געוואָלט פארגעסן אין דעם איצט, כאָטש אויף עטלעכע שעה צוריק ברענגען די גאָלדענע צייט פון דער פארגאנגענהייט — וואָס איז ערשט געווען אויף דעם אויסגעלייגטן גראָז־טעפּיך, אונטער דעם זעלבן הימל — און דאָך איז עס שוין ווייט פון זיי... זיי ווילן זיך איינרעדן, אז זיי זענען ווידער גליקלעך, אָבער טיף אין הארצן, ווייסט יעדער פון זיי, אז עס איז אנדערש... נישט די זעלבע פרייהייט זיי לאכן טאקע, רעדן, אינטערהאלטן זיך, אָבער נישט ווי ס׳איז געווען, יעדער האָט עפּעס באהאלטן טיף אין הארצן. נעמי מיט איר ווייטיק און טרויער און עדנה מיט אירע זאָרגן און ליבע צו רפי׳ן.

ביידע האָבן געוווסט, זיי נארן זיך אליין, און געוואָלט ווייזן

איינע די צווייטע, ווי גוט ס׳איז אין הארצן און ווי פריילעך זיי זענען. אָבער אין אמת׳ן האָבן זיי זיך גוט פאַרשטאַנען, עס באהאלט זיך נישט, אַ ווייטיק וואָס טרעט נישט אָפּ, סיי באַטאָג און סיי באַנאַכט.

דאָך האָבן זיי געשפּילט זייערע ראָלעס אויסגעצייכנט.

ענדליך האָט עדנה געזאָגט: „איך האָב הונגער, מיר האָבן ז׳אָך נישט געגעסן, קום לאָמיר גיין אין עס צימער, ס׳איז שוין צייט צו עסן״.

עדנה און נעמי האָבן גענומען שפּאַנען, יידע פאַרזונקען אין געדאַנקען.

זיי זענען אריין אין גרויסן עסצימער, האָבן זיך געזעצט ביים טיש און גענומען עסן. מיטן עסן האָבן זיי זיך באַרואיקט, פון דעם טאָג איינדרוקן, און געפילט וואָס ס׳איז אדורך, דורך זיי ביידן.

קאַפּיטל 12

רפי׳ס לאגע איז געוואָרן שווער, די דאָקטוירעם האָבן אָנגעוואַנדן אַלץ וואָס מעגליך — אָבער ליידער קיין ענדערונג.

דאָס מיידל, וועלכע האָט אים געבראַכט אין קראַנקען הויז, האָט זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן צום קראַנקן. זי האָט דערמיט ארויסגערופן אויפמערקזאַמקייט, קיינער האָט נישט געוווּסט ווער זי איז, פאַרוואָס זי אפּפערט זיך אַזויפיל פאַר דעם קראַנקן.

אין אַ געוויסן טאָג האָבן די דאָקטוירעם באַשלאָסן פרעגן ביי איר, ווער ער איז, און וואָס געהערט איר דער קראַנקער אָן.

ווען דאָס מיידל איז געקומען אין שפּיטאָל, האָט איר די קראַנקן־שוועסטער געזאָגט: „מ׳רופט דיך, דער דאָקטאָר וויל רעדן מיט דיר״.

זי האָט אַקוק געטאָן אויף דעם קראַנקן, געפרעגט ווי די נאַכט איז אדורך, און גלייך זיך געלאָזן צום דאָקטאָר.

זי האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיר, און איז אריין.

ווענדנדיק זיך צום דאָקטאָר האָט זי געפרעגט: „איר ווילט רעדן מיט מיר, הער דאָקטאָר?"

„יאָ" האָט דער דאָקטאָר געענטפערט: ער האָט איר אנגעוויזן א שטול צום זיצן און זי האָט זיך געזעצט.

„ענטשולדיקט" האָט דער דאָקטאָר געזאָגט: „איך נעם מיר די רעכט צופרעגן: וואָס געהערט אייך אָן דער קראַנקער?".

די מיידל האָט א שמייכל געטאָן און געענטפערט: „דער גורל האָט געוואָלט, אז איך זאָל זיין די שולדיקע אין זיין איצטיקער לאגע, און דערפאר פיל איך די פאראנטווארטליכקייט אים צו העלפן".

„זייער פיין" האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. אזוי דאַרף זיין אין לעבן, אָבער ליידער זענען פאראן זייער ווייניק אזעלכע מענטשן, פיין, פיין" האָט דער דאָקטאָר איבערגערעדט עטלעכע מאָל.

„איצט נאָך א פראגע, ווער איז דער קראַנקער? מיר האָבן אים אריין גענומען אָן א נאָמען, מיר ווייסן נישט ווער ער איז".

„אמת" האָט דאָס מיידל געענטפערט. „איך האָב אָנגעגעבן נאָר מיין נאָמען, ווייל איך ווייס אויך נישט, ווער דער בחור איז, און ווי מ׳רופט אים, באַזונדערס, דאָקטאָר, וואָס אינטערעסירט דער נאָמען? אונז איז וויכטיק, ראַטעווען א מענטשן.

איך און איר, דאָקטאָר, מוזן רעטן דאָס יונגע לעבן, אויב עס וועט אונז געלונגען? וועלן מיר שפּעטער וויסן ווער ער איז".

דער דאָקטאָר האָט געקוקט אויף איר מיט באַוואונדערונג.

„יאָ" האָט דער דאָקטאָר געזאָגט: „דו האָסט רעכט" ער האָט זיך אויפגעשטעלט דערלאַנגט איר זיין האנט און געפרעגט: קען איך האָבן דעם כבוד צו ווי״ן מיט וועמען איך רעד?".

„געוויס" האָט זי געענטפערט „מיין נאָמען איז מערי ווילסאָן, און זי האָט צוגעגעבן: דערווייל פאַרשרייבט מיין אדרעס, צו יעדן מאָמענט בין איך צו אייער דיספּאָזיציע דאָקטאָר, איך „האָף די לאגע פון קראנקן וועט זיך ענדערן צום גוטן און דאַן וועלן מיר אלץ וויסן פון אים אליין".

„פיין, פיין" האָט דער דאָקטאָר געזאָגט מיט צופרידנהייט, קוקנדיק

אויף דער אומבאקאנטער, וועלכע איז געשטאנען פאר אים ווי אַ גוטער מלאך.

מערי האָט זיך געזעגנט און גענומען גיין צום טיר. אין מאָמענט איז זי צוריק און געפרעגט: „דאָקטאָר, זאָגט מיר ביטע, איז די לאגע ערנסט?"

דער דאָקטאָר האָט געקוקט מיט מיטלייד אויף די גוטע און איידעלע מערי. „אַך האָט ער ענטשלאָסן געזאָגט: מיר טאָרן נישט פארלירן די האָפנונג, טייערע". מערי האָט אַ זיפץ געטאָן און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי געבעטן: „דאָקטאָר! טוט אלץ וואָס נאָר מעגליך, איך וויל נישט ער זאָל שטארבן; איך וועל אין מיין גאנץ לעבן נישט געפינען קיין רו, ער מוז לעבן האָט זי זיך אָנגערופן. זי האָט מער נישט גערעדט, פארשטעלט אירע אויגן מיט די איידעלע שיינע הענט און נישט געקענט שטילן איר וויינען און זי איז אוועק.

אין קאָרידאָר האָט זי זיך געזעצט אויף אַ באנק, ארויסגענומען איר טיכעלע אויסגעווישט די אויגן. פארויכערט אַ ציגארעט, שווער געאָטעמט. אויסגערויכערט דעם ציגארעט און געלאָזן זיך גיין צום קראנקן.

אין דעם טאָג, האָט מערי געבעטן איבערפירן דעם קראנקן אין אַ באזונדערן צימער.

זי האָט זיך אין די שווערע טעג נישט גערירט פון דעם קראנקנס בעט. זי האָט געפילט, ווי זי ווערט צוגעשמידט צום קראקנן, נישט ווּיסנדיק פארוואָס זי טוט עס. אירע עלטערן האָבן באמערקט אין איר אַן ענדערונג. נאָר זי האָט זיי גאָר נישט דערציילט. זי איז געווען די איינציקע טאָכטער פון די רייכע ווילסאָנס משפחה. זייער נאָמען איז געווען באקאנט איבער דער גרויסער וועלט.

מערי איז געווען — אויסער רייך — אויך באשאָנקען מיט אלץ, וואָס אַ מענטש און פרוי נויטיקט זיך: שיין, קלוג, געלערנט, ערפאלג ביי מענטשן און מיט אַ גוט הארץ, און אַן איידעלע נשמה.

אירע עלטערן זענען געווען שטאָלץ מיט זייער טאָכטער, איר וואָרט איז געווען הייליק פאר יעדן. זי איז געווען סאָליד, נאָכגעביק,

DENVER
PUBLIC LIBRARY

איינפאַך, נישט געוואָלט קיינעם באַלעסטיקן מיט איר פּערזאָן. זי האָט פיינט געהאַט כבוד אַלע האָבן איר גערופן דער גוטער מלאך.

די ערשטע טעג, ווען מערי איז געווען פאַרנומען מיט דעם קראַנקן, האָט זי אירע עלטערן גאָרנישט דערציילט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז אירע עלטערן וועלן ליידן האָט זי געוואָלט דאָס אויסמיידן און שווייגן. אָבער אין אַ טאָג, ווען מערי איז געקומען אַ היים, האָט איר די מוטער געפרעגט: „מערי! טייערע, דו זעסט שלעכט אויס, קינד. וואָס מאַטערט דיך, טאָכטער?"

„אָ! מאַמא טייערע", זי האָט אַרומגענומען די מוטער און געזאָגט: „איך הער זייער פיל מענטשלעכע צרות און דאָס מאַכט מיך ליידן".

„טאָכטער מיינע" האָט די מוטער געזאָגט „דו ביסט אַזוי יונג און נעמסט זיך איבער מיט אַ וועלט פון צרות, זיי נישט נאַריש קינד; נישט דו און נישט נאָך הונדערטער־טויזענטער קענען די וועלט ענדערן און איר גליקלעך מאַכן. אַזוי איז עס אין לעבן, יעדער מענטש איז אַ וועלט פאַר זיך, און קען זיך נישט פאַרנעמען מיט פרעמדע ליידן".

„אמת מאַמאַ, דו האָסט רעכט, אָבער נישט יעדער מענטש איז אַ עגואיסט, איך בין עס נישט, און ליידן, וועמענס עס זאָל נישט זיין, זענען זיי ליידן, און דאָס ווירקט אויף מיר".

„נאַריש קינד, מיין גאַנץ לעבן הער איך וועגן ליידן, און קען נישט די אַלע אומגליקלעכע, גליקלעך מאַכן; קינד, לאָז ארויס פון קאָפּ די קינדערישע געדאַנקען און גיי דיין וועג, אין לעבן. אָבער אויב מ'קומט צו דיר בעטן הילף, זאָלסטו העלפן צרות זענען פאַראַן אַך אַ צאָל און אָן אַ ברעג" האָט די מוטער פאַרענדיקט, און צוגעגעבן: „איצט מיין טייערע, קען איך דיר זאָגן אַ נייעס; ג'ורג' קומט מאָרגן צו אונז, אויף די איינלאַדונג פון מיר און פון פאָטער"..

„אַך מוטער! צו וואָס האָט איר אים איינגעלאַדן? און מיר נישט געפרעגט",

„טייערע! האָט די מוטער אַרומגענומען מערין, און געקושט איר

קאָפּ. „טאָכטער! דו דאַרפסט פאַרשטייך מיר ווילן דיך גליקלעך זעען מיט ג׳ורג׳ן.

„יאָ מאַמאַ! אָבער נישט מאָרגן״.

„פאַרוואָס? קינד״ האָט די מוטער געפרעגט, פאַרוואונדערט.

„ווייל, ווייל״ האָט מערי געגומען שטאַמלען: „ווייל מאָרגן בין איך פאַרנומען״... זי האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער, נישט ווייסנדיק, וואָס זי זאָגט.

די מוטער האָט באַמערקט מעריס פאַרלעגנהייט. האָט זי פאַרשטאַנען זי זאָגט איר נישט אַלץ. זי האָט געקוקט שווייגנדיק אויף דער טאָכטער און געקלערט: מעגליך האָט מערי וואָס אויסבאַהאַלטן פאַר מיר. דאָס האָט איר וויי געטאָן און האָט געפרעגט: „טייערע! וואָס דריקט דיך? איך דאַרף אַלץ וויסן, איך פיל אַז דיינע ווערטער זענען נישט דערעדט״. מערי האָט אַ קוק געטאָן אויף דער מוטער און זעענדיק אירע גוטע מוטער־אויגן, — וועלכע זענען באַזאָרגט, און קוקן אויף איר שטרענג, — האָט זי זיך נישט געקענט איינהאַלטן און זיך אַ וואָרף געטאָן אין דער מוטערסט אָרעמס און זיך צעוויינט.

די מוטער האָט איר געדריקט צום האַרצן מיט ליבע און שרעק. געקושט איר קאָפּ, זאָגנדיק: „טייערע מיינע. וואָס האָט פּאַסירט? דערצייל, איך וועל אַלץ טאָן פאַר דיר; דו מיין גליק אין לעבן; דיינע טרערן דריקן מיין האַרץ; טייערע, רעדט. דערצייל, מיט וואָס קען איך דיר העלפן?״

„אוי טייערע גוטע מאַמאַ״ האָט מערי זיך געדריקט צו דער מוטער און מיט אַ שווערן זיפץ געזאָגט „מאַמאַ איך וועל דיר אַלץ דערציילן״ די מוטער האָט מערין געזעצט אין פאָטעל, און אליין זיך געזעצט אַנטקעגן איר. מערי האָט אויסגעווישט אירע אויגן און געזאָגט: „איך האָב געהאַט אַן עקסידענס״.

„אַך קינד מיינס״ האָט די מוטער פאַרבראָכן די הענט, „מיט דיין מאַשין?״

„שרעק זיך נישט, מוטער, מיר האָט גאָרנישט פּאַסירט. אָט זעסט איך דאָך מיט דיר נישט באַרירט״.

„האָסט זיך צעקלאפּט? רופן אַ דאָקטאָר? האָט די מוטער געפרעגט מיט שרעק.

„ניין! מאמא נישט מיר האָט עס געטראָפן, מיין מאשין האָט פארווונדעט אַ מענטשן".

„קינד מיינס, פארוואָס האָסטו עס אויסבאהאלטן, נישט דערציילט, לעבט דער מענטש?". יאָ, מאמא, ער לעבט און געפינט זיך אין קראנקן הויז".

„קום מיט מיר צום קראנקן, מיר וועלן זען וואָס צו טאָן" האָט די מוטער געזאָגט ערנסט באזאָרגט.

„גוט" האָט מערי געזאָגט.

גלייך זענען מוטער און טאָכטער אריין אין מאשין, און זיך געלאָזן פאָרן אין קראנקן הויז, וווּ רפי איז געלעגן אין אַ שווערן צושטאנד, צווישן טויט און לעבן, ער האָט נישט געפילט ווי צוויי פרעמדע פרויען שטייען ביי זיין בעט און באמיען זיך אים צוריק צוברענגען צום געזונט און צום לעבן.

מעריס מוטער האָט דערזען דעם קראנקן ליגנדיק, פול מיט באנדאזשן; דאָס האָט זייער געווירקט אויף דער איידעלער פרוי ווילסאָן. זי האָט זיך געוואָנדן צו מערין און געפרעגט: „ווייסטו ווער ער איז?"

„מאמא! ער איז א מענטש" האָט מערי טרויריק, געענטפערט.

„האָסט רעכט מערי" האָט די מוטער געזאָגט, און גלייך געפרעגט ווו איז דער דאָקטאָר? איך וויל מיט אים רעדן" מערי האָט איר געפירט צום דאָקטאָר און פון דעם טאָג, האָבן טאָכטער און מוטער דאָס בעט פון קראנקן נישט פארלאָזן.

די משפחה ווילסאָן האָבן אין אלעם פארגעסן, די איינלאדונגען, פארוויילונגען און נאָך פארשידענעס, וועלכע זענען געווען טאָג טעגליכע לעבנס־גאנג, האָט איצט נישט געשפילט קיין ראָל, רפי האָט איצט פארנומען דעם הויפּט פּלאַץ, נאָך דעם ווי מען האָט אים אָפּערירט און ליידער געצווונגען געווען צו באזייטיקן אַ טייל פון זיין פוס.

די טעג און נעכט זענען שווערע געווען ביז אין אַ טאָג, האָט ענדלעך רפי געעפנט די אויגן. מיט אַ האַנט, מערי האָט מיט פרייד דער־

לאנגט אים איר האנט. מערי האָט גלייך איבערגעגעבן די נייעס דעם דאָקטאָר.

קאפיטל 13

עדנה מיט נעמי האָבן פארענדיקט דאָס עסן, זיך באַגעגנט מיט חברים, דורך געדעדט זיך און צוריק אריין אין צימער. „איצט טייערע" האָט עדנה געזאָגט „מוז איך זיך צו לייגן, איך בין פארמאטערט פון היינטיקן טאָג. ביידע האָבן זיך געלייגט אפרוען. נעמי איז באלד איינגעשלאָפן מיט א טיפן שלאָף, עדנה איז אָבער געלעגן מיט אָפענע אויגן און נישט געקענט שלאָפן. איר קאָפּ איז געווען פול מיט געדאנקען; וואָס טוט מען? האָט זי זיך אליין געפרעגט. זי האָט געקלערט וועגן זיך, וועגן רפי'ן, וועגן נעמי'ן און גד'ן; וואָס וועט ווייטער זיין? א מיאוסער פלאָנטער, וואָס טוט מען פאר אים? פאר איר? אום זיי צו העלפן. זי האָט זיך פארגעשטעלט ווי דער קיבוץ וועט עס אויפנעמען.. און ווי נעמי וועט זיך פילן, פון די בליקן, וועלכע זי וועט באגעגענען — טאָג־טעגליך —. ניין! האָט זי אַ זיפץ געטאָן קוקנדיק אויף נעמי'ן, וועלכע איז געלעגן אין אַ טיפן שלאָף, נישט ווייט פון איר. צום סוף האָט זי זיך אהויב געטאָן און ארויס פון צימער. זי האָט זיך דערפרישט פון די ריינע לופט און געטראכט, אפשר אריין גיין צו רפי'ס עלטערן. ס'איז נאָך פרי זיי שלאָפן נאָך נישט. יאָ זי וועט גיין. זי האָט אָנגעקלאפט אין טיר און איז אריין.

עדנה! האָט רפי'ס מוטער אויסגערופן — מיט פרייד, „וואָס פאר אַ גאַסט?"

„גוט וואָס ביסט געקומען, עדנה! באמת איך פריי זיך דיך צו זעען, קום! נענטער", זי האָט אָנגעוויזן אויף אַ שטול און גערופן איר מאן, „קום און זע מיר האָבן א טייערן גאסט".

דער פאָטער איז אריין ער האָט עדנהן הארציק באגריסט און

געזאָגט: „דו ביסט אַ פיין קינד ,דו ביסט געקומען אונז זען". פאַרוואָס נישט קומען?" האָט עדנה געזאָגט: „איך בין דאָך אַ קינד פון קיבוץ. די וועלכע לעבן דאָ, זענען מיר נאָנט און טייער".

„אמת, אמת", האָט דער פאָטער געזאָגט: „אַזוי דאַרף זיין".

„אָבער דאָך איז עס אַנדערש" האָט די מוטער אַ קרעכץ געטאָן און צוגעגעבן: „יעדער האָט זיינע פּראָבלעמען ס'בלייבט נישט קיין איבעריקע צייט פאַר אַנדערע"... אַזוי ווי איך און מיין מאַן, שטענדיק פאַרנומען.

„אמת. אַזוי איז עס אין לעבן" האָט עדנה צוגעגעבן: „די חברים זענען פאַרנומען מיט אַרבעט, און ווי איר זאָגט, האָבן זיי אייגענע פּראָבלעמען, דאַריבער בלייבט באמת נשט קיין צייט אויף באַזוכן".

„עדנה איז אַ קלוגע, זי ווייסט, אַז מענטשן מוזן שאַפן, יעדער וואָס ער קען; די הויפּטזאַך מיר דאַרפן פּראָדוצירן. דאָס לאַנד איז יונג אין עס פאָדערט בויען" האָט דער פאָטער צוגעגעבן.

„גענוג"! האָט די מוטער איבערגעריסן, „וואָס הערט זיך ביי דיר עדנה?" האָט זי פריינטלעך געקוקט אויף עדנה'ן און טיף אין האַרצן געדענקט, ווי גוט וואָלט געווען, ווען רפי איז איצט דאָ... און פוןביידן ווערט אַפּאָר...

„ביי מיר איז קיין נייעס" האָט עדנה געענטפערט. „איך האָב אָנגעהויבן לערנען און האָף עס וועט גוט זיין".

„גאַנץ פאַרשטענדלעך" האָט דער פאָטער געענטפערט; דו ביסט יונג' דאָס לעבן געהערט דיר, עדנה! אַזוי האָבן מיר אַלע אָנגעהויבן.

„ווי פילט איר זיך? וואָס שרייבט רפי?" האָט עדנע געפרעגט.

„ביי אונז — טייערע — איז קיין נייעס. נאָך פון רפי'ן, ווייסן מיר גאָרנישט, וואָס דיר צו זאָגן" די מוטער און פאָטער האָבן אַראָפּ געלאָזן ז'עם קאָפּ — ווי פאַרשעמטע — און געבליבן שטיל און טרויעריק. עדנה האָט געקוקט אויף זיי מיט באַדוירונג און מיטגעפיל. זי האָט שטיל געפרעגט: „איר באַקומט דאָך זיכער פּאָסט פון אים?". „אַך האָט די מוטער אַ קרעכץ געטאָן, און נישט געקענט איינהאַלטן אירע טרערן. „דאָס איז די צרה, מיר באַקומען נישט קיין שרייבן פון אים, מיר ווייסן

נישט וואָס ער מאכט, ווער ווייסט אויב ער איז געזונד?" האָט די מוטער צוגעגעבן טרויעריק און פאַרזאָרגט.

„וואָס מאכט איר אַ טראַגעדיע, יאָ בריוו, נישט בריוו; רפי איז פאַרנומען מיט לערנען, שרייבט ער נישט; איר ווייסט דאָך יונגע חברה האָבן זייער לעבן זייערע אינטערעסן, בלייבט ווייניק צייט אויף סענטימענטן. שרייבן פאַרנעמט צייט! מעגליך ער האָט געשריבן און די פּאָסט איז נישט אָנגעקומען, אלע בריוו וועלן אָנקומען אויף איין מאָל". האָט עדנה די עלטערן געטרייסט און בארואיקט.

„דו ביסט א טייער קינד! עדנה" האָט די מוטער געזאָגט און א גלעט געטאָן איר קאָפּ מיט דאנק. זי האָט גענומען דעקן דעם טיש און געבעטן עדנה עסן מיט זיי.

עדנה האָט זיך אינטערהאלטן מיט די עלטערן און געפילט ווי זי געהערט צו זיי, ווי איינע פון דער משפחה. אין הארצן האָט איר וויי געטאָן, פאַרוואָס זי ליבט רפי'ן וועלכער געפינט זיך העט ווייט פון דערהיים, ווו אלע ווארטן אויף אים. קיין ברירה איז נישטאָ, מ'מוז ווארטן, וואָס די צייט וועט ברענגען וועט מען נעמען האָט עדנה ערנסט געטראכט.

רפי'ס עלטערן זענען געוועזן צופרידן פון עדנה'ס באזוך. זיי האָבן איר צוגעזאָגט, ווי נאָר זיי וועלן דערהאלטן אַ בריוו פון רפין. וועלן זיי איר גלייך שרייבן. זיי האָבן איר געבעטן זי זאָל אין זיי נישט פארגעסן און קומען, האָסט קיין עלטערן, טייערע אין מיר וועלן זיין די גליקלעכסטע אויב מיר וועלן קענען זייער פלאַץ פאַרטרעטן. צו יעדער צייט קענסטו זיך ווענדן צו אונז, און מיר וועלן דיך צונעמען ווי אַ טאָכטער".

עדנה האָט א קוש געטאָן די גוטע מענטשן און מיט דאנקבארקייט צוגעשטימט צו זייער פאָרשלאג.

פאַרלאָזנדיק זייער היים, האָט זי געטראכט ער שרייבט נישט. אויך צו די עלטערן שרייבט ער נישט. פאַרוואָס? עפּעס האָט מיט אים פּאסירט? פאַרשידענע געדאנקען זענען אדורך, דורך איר קאָפּ. פלוצלינג האָט זי דערפילט מען כאפּט איר ארום און דערהערט אַ באַקאַנטע —

שטימע: „עדנה! דו זעסט שוין קיין מענטשן מער?" פאר איר איז געשטאנען שרה.

אך שרה! האָט עדנה זיך אָנגערופן, „וואָס מאכסטו? ווי גייט עס דיר?" האָט זי געפרעגט.

„מיר גייט עס זייער גוט! ס'קען אויך זיין בעסער. ווי גייט עס דיר עדנה?" האָט שרה געפרעגט. „שוין לאנג זיך נישט געזעען" „אדרבא! קום צו מיר היינט ביינאכט, וועלן מיר זיך אדורך רעדן".

„גוט שרה! איך קום" האָט עדנה איינגעשטימט. זיי האָבן זיך געזאָגט שלום און יעדער איז אוועק אין זיין וועג.

ווי ס'איז געוואָרן טונקל, אין אָוונט האָט עדנה זיך געלאָזן גיין צו שרה'ן. דער וויזיט איז געווען א סוד. זי האָט נישט געוואָלט, אז נעמי זאָל וויסן פון דעם איצטיקן וויזיט. זי איז צו, צו שרהס טיר, אָנגעקלאפט און אריין. שרה איז געווען אין צימער, ווו זי האָט געוואַרט אויף עדנה'ס קומען.

„שלום האָט עדנה געזאָגט און געפרעגט ווו איז גד?" „גד איז אין ביבלאטעק" האָט שרה געענטפערט, און געבעטן זי זיצן.ביידע האָבן זיך געזעצט. „וואָס הערט זיך שרה?" האָט עדנה געפרעגט.

שרה האָט אראָפּגעלאָזן די אויגן, געבליבן שטיל, געקוקט אויף אירע הענט פארטראכט.

„וואָס שווייגסטו שרה? רעדט! איך בין דאָך געקומען הערן פון דיר וואָס דו טוסט? וואָס מאכן די קינדער און גד?"

טייערע איך ווייס נישט, אויב ס'וועט דיך אינטערעסירן מיין רעדן"

„וואָס האָט פאסירט? דערציילו, דו מאכסט מיך נייגעריק" האָט עדנה געזאָגט מיט א שמייכל. שרה האָט אויך אַ שמייכל געטאָן, און געזאָגט „האָסט רעכט, איך טראכט וואָס אָנצוהויבן, אָבער הער טייערע, גד האָט זיך לעצטנס שטארק פארענדערט צו מיר און דערפאר בין איך פארזאָרגט".

„מיט וואָס האָט ער זיך פארענדערט?" האָט עדנה געפרעגט.

„איך ווייס אליין נישט" האָט שרה געענטפערט, און צוגעגעבן:

„קיין זאך באפרידיקט אים מער נישט ביי מיר". זי איז שטיל פארבליבן זיצן.

צום ביישפיל וואס?" האט עדנה געפרעגט.

„עס איז מיר אונמעגלעך דיר צו ערקלערן" האט שרה געזאגט, „עפעס דריקט אים. נישט איינמאל האב איך אים געפרעגט און געבעטן זאג מיר וואס איז דיר? זאג דערציילל, אפשר וועל איך דיר קענען העלפן. אבער ער שוייגט, ווי איך נעם רעדן, פרעגן, אנטלויפט ער און איך בלייב מיט גארנישט" האט שרה טרויריק פארענדיקט.

אפשר האט ער זיך פארדרייט מיט א לינקע ליבע?" האט עדנה שטיל געפרעגט. שרה האט אויפגעהויבן איר קאפ, געקוקט אויף עדנה'ן, ווי זי וואלט איר דאס ערשטע מאל געזעען „ווייסט" האט שרה געזאגט, „דאס איז מיר גאר נישט געקומען אויפן געדאנק, איך האב געדענקט ער איז קראנק".

„אוי פרויען, פרויען, איר טרויט צופיל אייערע מענער, א מאן איז נישט מער ווי א מאן" האט עדנה מיט א שמייכל פארענדיקט.

„איך האב נישט קיין פארדאכט אויף גד'ן" האט שרה רואיק געזאגט, „ווען ס'וואלט אמת געוועזן?" האט עדנה געפרעגט. „דו ווייסט דאך — עדנה — מיר זענען מאדערנע מענטשן, מיר האבן נישט גענומען חופה, כדי זיך נישט צו בינדן, יעדער האט זיך זיינע רעכט, איך וואלט עם גלייכגילטיק אויפגענומען, ווען עס וואלט געשעען. נישט רעאגירט און נישט פראטעסטירט" האט שרה ערנסט געענטפערט. „זייער פיין פון דיר שרה, דו ביסט א אינטעליגענטע פרוי, אזוי דארף זיין, ווייל לעבן מיט א מאן וועלכער פאראט זיין פרוי, איז א גרויסער פארדרוס" האט עדנה געזאגט. „נישט דאס דענק איך, עדנה, איך דענק, אז א מאן אדער א פרוי, אויב זיי ווערן זיך אומטריי, איז נישטא מער קיינע געפילן, נארן זיך אליין איז נישט כדאי".

„איז וואס וואלסטו געטאן אין אזא מאמענט?" האט עדנה געפרעגט. „איך וואלט געפאדערט ער זאל גיין, ווייל לעבן אן ליבע האט קיין ווערט פארביידן" האט שרה פארענדיקט. און עדנה האט צו־

געגעבן: „דו האָסט רעכט, אויך איך דענק אזוי". אָבער „דו שׂרה מוזט וויסן דעם סוד פון גד'ס שווייגן, דו מוזט אים ברענגען צום רעדן", האָט עדנה געזאָגט.

„טייערע! ווי אזוי? איך ווייס נישט ווי אָנצוהויבן".

גאנץ געוועגליך האָט עדנה געזאָגט: „זאָג אים, אַז דו ווייסט פון אַלעם... דו וועסט אים פארלאָזן ער קען גיין. דו און די קינדער זענען פארזאָרגטע".

„טייערע" האָט שׂרה זיך צעוויינט, ארום גענומען עדנה'ן און איר געקושט. „דו וויינסט?" האָט עדנה געפרעגט, קוקנדיק אויף איר מיט רחמנות. „איך וויין, נישט ווייל איך וועל אים פארלירן, איך וויין וואָס איך האָב גד'ן געטרויט, איך האָב געגלויבט און געדענקט, אַז מיין גד איז דער איינציקער ערליכער מאן, דערפאַר האָב איך אים ליב געהאַט, אָבער איצט מיט דעם געדאַנק פון פאראט, וועלכן דו האָסט מיר געגעבן — בין איך גערירט; ס'איז בעסער צו וויסן דעם אמת, ווי זיין גענארט און גלויבן". האָט שׂרה פארענדיקט און אויסגעווישט די טרערן פון אירע אויגן.

„יאָ שׂרה! אזוי איז דאָס לעבן; מיר פרויען גלויבן און טרויען צופיל". עדנה האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: „איצט טייערע געדענק וואָס דו האָסט צוטאָן. איך מוז גיין, עס איז שפעט" זיי האָבן זיך הארציק געזעגנט און עדנה איז אוועק.

פארלאָזנדיק שׂרה'ן, האָט זי געפילט אין וואָס פאר אַ לאַגע זי האָט זי געלאָזן. זי האָט געהאט פארדרוס, און געטראַכט צו וואָס האָב איך שׂרה'ן געעפנט די אויגן; זי זאָל זען וואָס דאָ קומט פאַר מיט גדן. פון דער צווייטער זייט, איז זי געוועזן צופרידן, וואָס זי האָט אויפגעוויקלט דעם פלאָנטער אין וועלכן גד האָט ארייגעפירט נעמין איצט מוז זיך אַלץ ענדערן.

קאפיטל 14

רפי׳ס געזונד האָט זיך פארבעסערט. אַ דאַנק זיין יונג שטאַרקן קערפּער. ער האָט איבערגעלעבט אלע אָפּעראַציעס און לאנגזאם, לאנגזאם צוריק געקומען צום געזונט.

די משפחה ווילסאָן איז צופרידן מיט רפי׳ס געזונט בעסערונג. רפי׳ן האָט מען געהיטן ווי אַ קינד, מערי האָט געשטראַלט פון גליק, זעענדיק ווי פון טאָג צו טאָג ווערט ער געזונטער; ער עפנט די אויגן, פרעגט וואָס האָט מיט מיר פּאַסירט און ווו געפין איך זיך. אלץ איז אים פרעמד, ער געדענקט גאָרנישט. וואָכן האָט עס גענומען ביז דער דאָקטאָר האָט אים ערלויבט ארויספירן אויף דער לופט. מ׳האָט זיך געשראָקן, ווען ער וועט דערזעען זיין פוס, ווי וועט ער עס אויפנעמען?

מערי און אירע עלטערן האָבן עס געוווּסט, ביי זיי איז נאָר פאַר־בליבן איין געדאַנק צו ראַטעווען דאָס יונגע לעבן. די גאַנצע צייט פון זיין ליגן אין קראַנקן הויז, האָט ער נישט געוווּסט אז ער האָט פארלוירן אַ פוס און היינט האָט ער זיך דערוווּסט דאָס האָט זייער שווער געווירקט אויף אים, ער איז געוואָרן פארצווייפלט און האָט קיינעם נישט געוואָלט זען און נישט רעדן. נישט עסן און נישט טרינקען, די לאגע איז געוואָרן ערנסט, די דאָקטוירעם האָבן אים געגעבן פארשידענע באַרואיקסמיטלען, אָבער ליידער זיין צושטאַנד איז געוואָרן ערנסט. מערי האָט נישט געוואָלט ער זאָל אויסגיין פון הונגער, אין דער צייט ווען מ׳האָט אים פון טויט ארויסגעריסן. אלע האָבן געפּרוּווט ווירקן אויף אים און בעטן, ער זאָל נישט זיין פארצווייפלט, ער איז נישט דער איינציקער, פאראַן נאָך אזעלכע ווי ער און מיט א פארטעזע פילט מען זיך ווי אלע מענטשן. ער האָט נישט געוואָלט הערן און נישט געענטפערט.

מערי האָט זיך גענומען מוט, צו צום בעט, גענומען אַ גלאָז מילך אין האנט און געזאָגט: „אויב דו טרינקסט די מילך, בלייבן מיר פריינט, און דאָס וועט זיין אַ דאַנק פאַר אלעם וואָס איך האָב געטאָן פאַר דיר, אויב דו ווילסט נישט טרינקען, באַדויער איך פאַר דער צייט וואָס איך — און מיינע עלטערן — האָבן דיר געשאָנקן". זי האָט געוואַרט.

רפי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן נישט געענטפערט, ער איז געווען אַזוי שוואַך, אַז ער האָט נישט געקענט ענטפערן. ס'האָבן זיך אין זיינע אויגן באוויזן טרערן, וועלכע האָבן אלץ פאַרענטפערט. ער האָט געקוקט אויף מערין און די טרערן זענען געפאלן אויף דעם קישן.

מערי האָט זיך איינגעבויגן צו אים, אויסגעווישט זיינע טרערן, האָט דערלאַנגט דאָס גלאָז מילך צו זיין מויל. רפי האָט געטרונקען. פון דעם טאָג, איז רפי צוריק געקומען צום לעבן. מערי האָט אים געפלעגט, ווי אַ מוטער פלעגט אַ קינד, גליקלעך איז זי געווען, ווען ער האָט גערעדט געגעסן און מיט דער צייט אַ שמייכל געטאָן; זי האָט געפילט, אַז זי האָט דאָס מאָל אַ חלק אין זיין לעבן.

ווער ער איז, פון ווו ער קומט, האָט זי אים נישט געפרעגט, זי האָט זיך געשראָקן פאַר דעם געדאַנק, זי האָט עס געלאָזן אויף שפּעטער ווען ער וועט זיך גוט פילן, וועט ער זאָגן.

אַזו האָט עס גענומען וואָכן און מאָנאַטן, ביז אין אַ טאָג האָט ער געפרעגט: דארף איך נאָך לאַנג זיין אין קראנקן הויז? מערי האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. זי איז געווען גענוג קלוג, און אים באַרואיקט. „איך וועל פרעגן די דאָקטוירעם וועל איך דיר זאָגן". „גוט" האָט רפי איינגעשטימט און געטראכט: וואָס אייגנטלעך האָב איך זיך צו איילן? ווהין האָב איך צו גיין? נישט קיין היים, נישט קיין פריינט. פון זיינע עלטערן ווייסט ער גאָרנישט, זיי פון אים אויך נישט, וואָס וועט זיין ווייטער? האָט ער זיך אליין געפרעגט. אַ שווערער שאָטן האָט פאַרצויגן זיין פנים; ער האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ פאַרזאָרגט און שטיל איז ער געבליבן זיצן אין זיינע צרות.

מערי האָט עס באמערקט און געפרעגט „וואָס איז דיר? וואָס טוט דיר וויי?" רפי האָט געקוקט אויף איר און צום ערשטן מאָל האָט ער זיך פאַרטראַכט, ווער איז זי? ווי רופט מען איר? פאַרוואָס פאַרנעמט זי זיך מיט מיר? ווער האָט איר געשיקט צו מיר? זיין קאָפּ האָט גענומען ארבעטן און פרעגן זיך אליין, ווי אזוי בין איך געקומען אין קראנקן הויז וואָס טוט זיך מיט מיר בכלל? די אלע פראגן

האָבן אים גענומען פייניקן. ער האָט אליין נישט פארשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר מיט אים.

מערי האָט צוגעריקט אַ שטול נאָענט צו זיין וואָגן אויף וועלכן ער איז געזעסן — אַ שמייכלדיקע, האָט זי ארויף געלייגט אירע ווייסע הענט אויף זיינע, און גלעטנדיק זיי, האָט זי געזאָגט: „זאָרג נישט: אַלץ גייט גוט, נאָך אביסל ווערסטו באפרייט פון קראנקן הויז". רפי האָט זיך געוואָלט אַ הויב טאָן. אָבער גלייך צוריק געזעצט זיך אַ טרויריקער. מערי האָט אים געפרעגט: „ווילסט בלייבן דאָ?" „ניין" האָט רפי געענטפערט. אָבער, איך האָב קיין היים, וווהין וועל איך גיין?" „זאָרג נישט טייערער, אַלץ וועט ווערן ערליידיקט פאַר דיר, אין גאַס וועסטו נישט בלייבן" האָט מערי געענטפערט און מיט רחמנות געקוקט אויף אים. רפי האָט איר ווידער נישט פארשטאַנען. ער האָט געקוקט אויף זיין פוס און געטראַכט, ווי וועל איך לעבן? אָן אַ היים, אָן עלטערן אָן אַ פוס. ער האָט געפילט ווי זיין הארץ פרעסט אים פון ווייטיק. אָבער ווען ער האָט דערזעען מעריס שמייכלדיקן פנים, האָט ער געטראַכט און נישט פאַרשטאַנען דאָס רעטעניש. פול סודות האָט ער געזעען אין דעם מיידל, נאָר פרעגן האָט ער זיך געשראָקן, ווער ווייסט ווער איז זי? וואָס פרעגן? אויב זי שווייגט וועל איך אויך שווייגן, זי מוז זיכער ויסן וואָס ס'האָט מיט מיר פאַסירט, אַ פרעמדע וואָלט זיך נישט פארנומען מיט מיר; און אפשר האָט דער קיבוץ איר געשטעלט און צאָלט איר? רפי האָט נישט געוווסט וואָס דאָס באַדייט, בעסער שווייגן, ווען מען פרעגט מיך נישט, איז אַ סימן, מ'דארף שווייגן.

מערי האָט באַמערקט און געפילט וואָס ס'גייט דורך אין רפי'ס הארץ, זי האָט אים געפרעגט: „ווילסט עפעס זאָגן? פרעגן? זאָג, פרעג". איך וועל דיר ענטפערן.

רפי האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן געקוקט אויף מערין און באשלאָסן פרעגן. „ווי רופט מען דיך?"

מערי האָט זיך צעלאַכט און געענטפערט: „דאָס האָסטו אזויפיל געטראַכט צו ויסן מיין נאָמען? מיך רופט מען מערי ווילסאָן, ס'געפעלט דיר מיין נאָמען?"

„יאָ״ האָט רפי געענטפערט, „מיך רופט מען רפי״.

„אַ זייער אַ שיינער נאָמען, קורץ און אנגענעם״ האָט מערי געזאָגט „גוט וואָס איך ווייס דיין נאָמען״. זי האָט געקוקט אויף רפי׳ן און צוגעגעבן: „מיר האָבן נישט געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען ביז דעם היינטיקן טאָג״. מעריס שמייכל האָט פאַרטריבן רפי׳ס אומרואיקייט און טרויער.

„איצט רפי״ האָט מערי זיך געוואָנדן צו אים „אַזוי ווי מיר קענען זיך שוין, זאָלסטו נישט זאָרגן, אַלץ וועט ווערן ערליידיקט פאַר דיר, ס׳וועט דיר גאָרנישט פעלן, וואָס דו וועסט וועלן. שטיי איך און מיינע עלטערן צו טאָן פאַר דיר״. „אָו״ האָט רפי אויסגערופן און נישט פאַרשטאַנען ווער די גוטע מענטשן זענען, אַ רעטעניש, האָט ער געטראַכט. נאָך פרעגן האָט ער זיך געשראָקן. און ווידער איינגעשטימט אויף אַלעם, וואָס וועט קומען וועט מען זען.

קאַפּיטל 15

אין קיבוץ האָט מען געזאָרגט מיט רפי׳ס שווייגן, ווו איז ער? נאָך לאַנגע וואָכן און מאָנאַטן, נישט צו דערהאַלטן אַ לעבעדיקן סימן. די חברים האָבן נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס שרייבט ער נישט? אויך קיינער פון די ישראלים אין אמעריקע, לאָזן נישט וויסן פון אים קיין איין וואָרט. די חברים — אין קיבוץ — האָבן באַשטימט צו באַטראַכטן דאָס געשעעניש און זוכן א וועג ווו זיך צו דערוויסן פון רפי׳ן. זיינע עלטערן האָבן געשריבן צו אים, אָבער אויך זיי האָבן נישט באַקומען קיין ענטפער. די מוטער האָט זיך ווי אַלע מאָל אַדורך גערעדט מיט די פאַרשטאָרבענע, ווי זיי וואָלטן געוועזן לעבעדיקע און טאָג טעגליך געגאַנגען צו די קברים זי האָט געווישט די אויגן און מיט אַ זיפץ געזאָגט: פון רפי ווייסן מיר גאָרנישט, ווער ווייסט?... זי האָט פאַרשטעלט איר פנים מיט אירע הענט, וועלכע האָבן געציטערט פון ווייטיק און צער.

דער פּאָטער האָט געגלעט די קברים די קאַלטע ערד, געווישט די שטיינער, באַגאָסן די בלומען און שטיל אָן ווערטער זיך געזעגנט מיט די פאַרשטאָרבענע זין. ער האָט אָנגענומען דעם אָרעם פון די פאַרוויינטע מוטער און זי געפירט צוריק אַ היים. זיי זענען געגאַנגען שטילע מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ. פּלוצלינג האָט די מוטער זיך אָפּגעשטעלט, אָנגע־וויזן מיט איר האַנט און אויסגערופן „אָט דאָ — אויף דעם פּלאַץ — האָט רפי מיר צוגעזאָגט, יעדן טאָג וועט ער שרייבן. אָט דאָ, האָט ער זיך מיט אונז געזעגנט" זי האָט פאַרשטיקט אירע טרערן.

דער פּאָטער האָט איר ווידער אָנגענומען ביים אָרעם, ווייטער געגאַנגען שטיל פול מיט טרויער, ווי זיי וואָלטן גיין פון אַ לוויה. חברים וועלכע האָבן זיי באַגעגנט אין וועג, האָבן שוין געוווּסט פון וווּ זיי קומען יעדער האָט זיי שטיל באַגריסט און ווייטער געגאַנגען. אָבער זיי העלפן קען קיינער נישט. נאָך איין גליק — האָט דער פּאָטער געטראַכט — וואָס ער און זיין פרוי האָבן דאָקטאָראַט; ער געפינט אביסל טרייסט אין זיין אַרבעט אַלס אַגראָנאָם און זי ביי די קראַנקע, וועלכע וואַרטן אויף איר הילף. דאָס מאַכט זיי אַביסל פאַרגעסן זייער אומגליק. וואָס טוט מען? האָבן די עלטערן געטראַכט. אָבער נישט געהאַט ווער ס'זאָל זיי ענטפערן.

אין אָוונט, ווען די חברים האָבן זיך פאַרזאַמלט וועגן רפיס פאַרשווונדן איז אויך עדנה געקומען. זי האָט זיך צופעליק דערוווּסט האָט זי געוואָלט וויסן וואָס דענקען זיי טאָן. ווען עדנה האָט זיך באַוויזן, האָבן אַלע — ווי איינער — אויסגערופן: גוט עדנה דו ביסט געקומען אפשר וועסטו אונז געבן אַ גוטן געדאַנק וואָס צו טאָן? עדנה האָט געקוקט אויף די חברים ווי אויף אומבעהאָלפענע שעפעלעך, און טיף אין האַרצן האָט זי געפילט א צופרידנהייט, זאָלן זיי האָבן אַ ביסל צרות פון רפין. גוט אייך, האָט זי געטראַכט ווייל איר האָט אים ארויס געשיקט פון לאַנד. איך האָב אויך געליטן ווען איר האָט אים ארויסגעשיקט און ווען איך האָב געבעטן פאָרן צו אים האָט איר מיר נישט ערלויבט; גוט אייך! איר האָט דאָס אליין פאַרדינט. אָבער, אין דער אמת'ן האָט זי אויך ווי געטאָן, און זי אליין איז נישט רואיק געווען און געוואָלט וויסן, וואָס האָט פּאַסירט

מיט אים, נאָך מער ווי אלע אַנדערע, זי איז געווען גרייט אויף אלעם, כדי צוגעפינען רפי'ן, אפילו פאַרן אים זוכן. זי האָט אָבער געוואַרט, און געוואָלט הערן וואָס וועלן די חברים באַשליסן. זי האָט זיך געזעצט צווישן אנדערע און געהערט ווי איינער באַשולדיקט דעם צווייטן אין צום באַשלוס קומט עס נאָך אַלץ נישט. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן מיינונגס אויסטוישן צווישן די חברים, איז עדנה געזעסן רואיק און נישט אנטייל גענומען אין זייערע רייסערייען, ווייל יעדער האָט אנדערש געזאָגט און אנדערש געטראַכט, צום סוף האָט איינער פון די חברים אויסגערופן: וואָס איז דאָ אַזויפיל צום רעדן, זאָל ווער פון די חברים פאָרן און אויסגעפינען רפי'ן. דער געדאַנק איז אלעמען געפעלן. און מ'האָט גענומען זוכן דעם פאַסיקן פערזאָן וועלכן מען קען איבערגעבן די אויפגאַבע. אין דעם מאָמענט האָבן עטלעכע פאַרזאַמלטע זיך געוואָנדן צו עדנה'ן און געזאָגט: „עדנה, דו ביסט די פאַסיקסטע פערזאָן צו פאָרן".

ניין! האָט זיך דערהערט אויסרופן, אַ פרוי איז נישט פאַסנד צו אַזאַ פונקציע. איז ווערמען יאָ? האָט זיך דערהערט פראַגן, אַ מאַן? ווער זאָל ער זיין?. דאָ, האָט זיך ווידער דערהערט אויסרופן: „ניין" מיר קענען נישט שיקן אַ יונגן מענטש, מיר נויטיקן זיך אין ארבעטס הענט.

עדנה האָט נישט געקענט זיין גלייכגילטיק, זי האָט זיך אויפגעשטעלט און אויסגערופן: „רואיק זאָל זיין" אלע זענען שטיל געוואָרן „ווי איך זע, ווייסט איר אליין נישט וואָס צו טאָן. איך דענק, אַז אַלע אייערע רייד זענען איבעריקע, מיר מוזן טראַכטן לאָגיש, וועלן מיר דערגרייכן צום ציל. מיין פאָרשלאַג איז, מיר זאָלן זיך ווענדן צום ישראל קאָנסול אין אמעריקע, ערקלערן אים, אין וואָס ס'האַנדלט זיך, איך גלויב, אַז דער איינציקער וועלכער קען אונז ריכטיק אינפאָרמירן איז נאָר דער קאָנסול".

בראַוואָ! בראַוואָ! אלע ווי איינער האָבן איינגעשטימט מיט עדנה'ס פאָרשלאַג „אויב מיר וועלן נישט מצליח זיין ביים ישראל קאָנסול, וועלן מיר זיך ווענדן צום אמעריקאַנער קאָנסול. אָבער ערשט צום ישראל קאָנסול אין אמעריקע".

נאָך דעם באַשלוס האָט עדנה זיך געזעגנט מיט די חברים און

אויף מאָרגן איז זי צוריק צו איר לערנען. זיצנדיק אין אויטאָ, האָט זי געטראַכט ארום די פאָר טעג, וועלכע זי האָט פאַרבראַכט אין קיבוץ. אַ צופרידענע האָט זי זיך געפילט קומענדיק צוריק אין איר צימער. זי האָט צו זיך אזאָג געטאָן גענוג פאר מיר אַלע טראַגעדיעס! און איצט גיי איך צוריק צו מיינס.

קאפיטל 16

שרה האָט געפילט ווי זי וואָלט אַ שאָק באקומען, נאָך עדנה׳ס אוועק גיין; זי איז געזעסן, נישט קענען זיך רירן פון פלאץ. די קינדער האָבן זיך געלייגט און איינגעשלאָפן. אָבער זי האָט נישט געהאַט דעם כוח צו רירן זיך. זי האָט זיך געוואָלט לייגן, אָבער איר קערפּער איז מאַכטלויז געווען. זי האָט זיך נישט געקענט באַרואיקן פון דעם געדאַנק; אַכט יאָר האָט זי געלעבט מיט גד׳ן, זייער צוזאַמען לעבן איז געווען אַ גן־עדן; זי האָט נישט געקענט גלויבן, אַז איצט איז אַלץ געענדיקט... איר האַרץ איז צובראָכן, זי האָט זיך געשראָקן, אַז איר ליבע זאָל נישט ווערן פאַרוואַנדלט אין שנאה. אזוי איז זי געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט. נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן מיט זיך פלוצלינג האָט זי דערהערט, ווי די טיר עפנט זיך, און גד קומט אריין. זי האָט איר קאָפּ נישט אויפגעהויבן און נישט געפרעגט גד׳ן, ווו ער איז געווען אזוי שפּעט... זי האָט פאַרשטאַנען פון ווו ער קומט... נאָר דאָס וואָס זי האָט נישט געוווּסט וועך איז די צווייטע? פאר וועמען ער האָט איר פאַרטוישט דאָס האָט איר ווײ געטאָן. גד האָט זיך אויסגעטאָן, אריין אין בעט און נישט געקענט איינשלאָפן, ער האָט זיך געוואָרפן אומרואיק. ער האָט געפילט עפּעס האָט פאַסירט מיט שרה׳ן. אָבער ער האָט זיך געשראָקן פרעגן, ווייל ער האָט געפילט זיין שולד קעגן איר. און דאָך האָט ער געפרעגט: „פאַרוואָס גייסטו נישט שלאָפן?״.

שרה האָט נישט געענטפערט. זי האָט זיך געפילט באַליידיקט.

טיף אין הארצן האָט זי געליטן און געטראַכט: פאַרוואָס האָב איך אים געגלויבט? זי האָט נישט געקענט קוקן אין דער זייט ווו ער איז געלעגן. אַלץ איז איר מיאוס געוואָרן אין דעם מאָמענט. גד האָט איבערגעדעקט דעם קאָפּ און געטראַכט: ווי אלע מאָל, ווען ס'איז אויסגעקומען אַ פּאַרדרוס אַ מיספאַרשטענדניש, איז שרה געווען די, וועלכע האָט אַלץ צוריק גוט געמאַכט, — מיט אַ געלעכטער — אין אַ גלעט געטאָן זיין קאָפּ, זאָגנדיק: מיין קליין יינגעלע ווילכט שפּילן אַ ברוגז? דאָס איז געווען פאַר גד'ן, אַלץ זאָל זיך צוריק אומקערן צום גוטן, אויך איצטער האָט גד געוואַרט דאַרויף, אָבער אומזיסט. שרה איז געזעסן און זיך נישט גערירט פון אָרט. גד האָט געפילט, אז הייגט מוז ער זי איבערבעטן.

האָט ער געזאָגט: „קום שלאָפן שרה, ס'איז דאָך שפּעט דו ביסט מיד פון דער אַרבעט”. שרה האָט נישט געענטפערט. זי האָט זיך נערוועז באַוויגן און געבליבן אויף איר פּלאַץ זיצן. גד האָט זיך דערשראָקן, ער איז אַרויס פון בעט צוגעגאַנגען צו שרהן און געפרעגט: „וואָס האָט פּאַסירט?” ער האָט אָבער קיין ענטפער באַקומען. „פילסט זיך שלעכט? ברענגען אַ דאָקטאָר?” ער האָט אָנגעגאָסן אַ גלאָז וואַסער און געזאָגט „טרינק”. שרה האָט נישט געעפנט איר מויל. „זאָג שרה, וואָס האָט פּאַסירט? רעד! זאָג וואָס איז דיר?

שרה האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געענטפערט: „דו פרעגסט מיך? ווער ווייסט מער ווי דו אַליין”, „שרה! מאַך זיך נישט נאַריש, קום שלאָפן האָט גד רואיק געזאָגט: „ניין היינט וועלן מירביידע נישט שלאָפן, נישט דו און נישט איך”. „פאַר וואָס?” האָט גד געפרעגט? „וייל היינט מוזטו מיר אויסזאָגן דעם אמת, געַנוג פאַרשוויגן און געליטן”.

„וואָס זאָל איך דיר זאָגן?” האָט גד געפרעגט. „דעם אמת” האָט שרה געזאָגט נערוועז און מיט אירע הענט האָט זי זיך געהאַלטן ביים טיש. נישט צו פאַלן. גד האָט געקוקט אויף איר. אַ רחמנות געפיל האָט אים אַרומגענומען ער האָט זיך געפילט שולדיק קעגן איר. דערפאַר איז אים שווער געווען צו פאַרטיידיקן זיך פאַר איר.

שרה האָט נישט געשוויגן, אירע נערוון האָבן שטאַרק געאַרבעט

זי איז צו, צו גד'ן — וועלכער איז געזעסן ווי א באשולדיקטער אויפן בעט — און געזאָגט שטרענג „איך פאָדער פון דיר דו זאָלסט פאַרלאָזן די שטוב!" „גוט" האָט גד געענטפערט, „מאָרגן וועלן מיר זיך אדורך־רעדן, און באשטימען. איצט, איז נאכט, ווו וועל איך גיין?"

„ניין" נישט מאָרגן, נאָר שוין איצט" האָט שרה באפוילן! „ווו זאָל איך גיין ביינאכט?" האָט גד געפרעגט פארצווייפלט. „דו האָסט ווו צוגיין גיי צוריק פון וואנען ביסט געקומען".

גד האָט אנגעקוקט שרה'ן מיט צועפנטע אויגן, און געפרעגט: „דו טרייבסט מיך פון שטוב?" „יאָ! אזוי ווי איך האָב דיך אריין געבראכט, אזוי טרייב איך דיך ארויס". ער האָט גענומען רעדן צו איר געוויסן געבעטן: „צוליב אונזערע קינדער, טאָרסטו עס נישט טאָן, דאָס איז דאָך מיין היים". „נו און צוליב אונזערע קינדער קענסטו מיך נארן, און פארראטן דיין משפחה?, וואָס פאר א ווערט האָט אזא פאָטער? וועלכער איז נישט טריי זיין משפחה". האָט זי געציטערט געשריגן פון כעס. „שרה ס'איז דאָך נאכט" האָט גד זיך געבעטן. „דיך האָט אויך נישט אינטערעסירט, אז ס'איז נאכט און איך בין אליין, איך דיין שרה — די מוטער פון דיינע קינדער, וועלכע ווארטן אויף דיר, וועלכע האָבן דיך ליב און גלויבן אין דיר, די קינדער וועלכע זענען אַזוי שטאָלץ מיט זייער פאָטער ווייסן גאָרנישט, אז דער פאָטער האָט זיי געלאָזן הפקר צוליב אַ צווייטע, וועלכע האָט צו אים געשמייכלט און פאר דעם שמייכל, האָט ער פארטוישט זיין היים, וועלכע מיר האָבן געבויט יאָרן לאנג. איז דאָס נישט אַ פארברעכן? דאָס איז אַ פאַרברעך נישט נאָר קעגן איין מענטש, נאָר קעגן אַ גאַנצער משפחה, דו האָסט געדענקט מ'וועט נישט וויסן, אָבער די זינד — אין דער פינצטער — מוז ארויס אויף די ליכט". האָט שרה נערוועז געזאָגט.

גד האָט געהערט שרה'ס באשולדיקונג קעגן אים. האָט ער פאַר־שטאַנען, פריער אָדער שפעטער וועט מוזן קומען צום אויסברוך און עס איז געקומען. ער האָט פארשטאנען, אַז זי איז דערגאַנגען צו זיין זייטיקע ליבע און ווייסט דעם סוד ער האָט אָבער נישט געוואָלט. מ'זאָל הערן און וויסן וואָס ס'טוט זיך ביי אים אין שטוב.

„הער זיך איין שרה!" האָט ער געזאָגט: „מיר זענען דערוואַקסענע מענטשן, פריי און אונזער געדאַנק. מיר האָבן נישט התונה געהאַט אָפּיציעל, ווייל נישט דאָס רינגל גיט גליק; דערפאַר האָבן מיר רעכט טאָן, וואָס אונזערע הערצער זאָגן און וואָס מיר פילן. איצט זיי וויסן, איך האָב דיך נישט פאַרטוישט פאַר אַ שמייכל, איך האָב דיך ליב און אונזערע קינדער, זענען מיר טייער; דו ביסט ביי מיר די זעלבע שרה, ווי איך האָב דיך באַקענט מיט יאָרן צוריק, נאָר ס'האָט פּאַסירט. איך בין אַ מאַן ווי אַלע אַנדערע מענער. איך ווייס נישט ווער איז שולדיק? מעגליך די צייט, וועלכע נעמט אונז אַרויס פון די היימען, מיר לעבן אין אַ אייביקע מלחמה, דאָס לעבן פון מענטש האָט קיין גרויסע ווערט, דער מענטש מאַכט ווייניק חשבונות איך האָב זיך אין די פינצטערע נעכט, ביים היטן די גרענעץ באַגעגנט מיט נעמי'ן, וועלכע האָט צוזאַמען מיט מיר פּאַטראָלירט. און די נאַטור האָט געטאָן אירס; און וואָס ס'האָט פּאַסירט האָט פּאַסירט... וואָס זאָל איך טאָן? גיין צו נעמי'ן אָדער בלייבן מיט דיר?" גד איז שטיל געוואָרן און געוואַרט אויף ענטפער.

שרה האָט געקוקט אויף גד'ן, און איר כעס האָט זיך צוביסלעך איינגעשטילט, זי האָט זיך גענומען דרייען איבערן צימער און נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. גד איז געשטאַנען רואיק געקוקט אויף שרה'ן מיט באַדוירונג. ער האָט געוואָלט זי אַרומנעמען.

„ניין", האָט שרה געשריגן: „דו זאָלסט מיך נישט אָנרירן; איך האָב מער קיינע געפילן צו דיר, קיין בעשותפותדיקעס האָבן מיר מער נישט" זי האָט זיך צעוויינט. גד האָט געזאָגט: „גוט, שרה, ווי דו ווילסט, אָבער נאָר די נאַכט ערלויב מיר בלייבן. מאָרגן וועלן מיר אַלץ ערליידיקן שרה האָט איינגעשטימט, און אריין צו די קינדער אין צימער, לאָזנדיק גד'ן אַליין. גד האָט געפילט אַ ווייטיק אין האַרצן. ער האָט שרה'ן ליב געהאַט, ער האָט נישט געטראַכט זי און די קינדער צו פאַרלאָזן, אָבער אירע ווערטער האָבן אים צובראָכן. ער האָט געוווּסט, נעמי וועט אים שטענדיק צונעמען מיט אָפענע אָרעמס, אָבער נעמי איז נישט שרה; און וואָס וועט זיין ווייטער? וועט ער קענען לעבן מיט נעמי'ן, ווי ער האָט

געלעבט מיט שׂרה׳ן? ער האָט זיך געפּילט צובראָכן. און באַדויערט וואָס עס האָט פּאַסירט און פון מידקייט איינגעשלאָפן.

קאַפּיטל 17

קומענדיק צוריק פון קיבוץ איז עדנה אַריין אין צימער אַ מידע, אַראָפּגעוואָרפן די קליידער פון זיך, די שיך און אַריין אין בעט. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן און געוואָלט איינדרימלען, אָבער עס איז איר נישט געלונגען. אירע אויגן האָבן זיך צוריק געעפנט און זי איז געבליבן ליגן פאַרטראַכט. „אַך" האָט זיך איר אַרויסגעריסן אַ זיפץ פון האַרצן, אַזוי יונג און אַזויפיל קאַפּוויטיק און צרות; און וואָס וועט זיין ווייטער? האָט זי געפרעגט, איך בין אַ פאַרפאַלענע! האָט זיך איר אַרויסגעכאַפּט פון מויל. זי האָט אַריין געשטעקט אירע הענט טיף אין די האָר, ווי זי וואָלט דאָרט וועלן געפונען אַן ענטפער. אין צימער איז זי אַליין. ס׳איז נישטאָ צו וועמען אַוואָרט אויסצורעדן. זי האָט זיך אַ הויבגעטאָן, גענומען זיך דרייען איבערן צימער נערוועז. זי איז צו צום פענצטער און געבליבן שטיין. אין דרויסן, האָט זי דערזעען אַ וועלט מיט לעבן. זי האָט צום ערשטן מאָל געקוקט פאַרוואונדערט אויף מענטשן, ווי זיי איילן, יאָגן זיך, אַהין און צוריק, איינער דעם צווייטן זעט נישט, מען שטעלט זיך נישט אָפּ אויף איין מינוט. וווהין לויפן זיי די מענטשן? מיט וואָס זענען זיי אַזוי פאַרנומען? זי איז זיי מקנא, איר איז אַזוי לאַנגווייליק, קיין זאַך אינטערעסירט איר נישט, אַלץ איז פּוסט געוואָרן פאַר איר. רפי איז ווייט, די שטאָט איז איר פרעמד, איז וואָס פאַר אַ אינטערעס האָט דאָס לעבן, האָט זי געטראַכט און באַדויערט זיך אַליין, פּלוצלינג האָט זי פון ווייטן דערזעען איר מיטוווינערן — די סטודענטין — דערנענטערט זיך גייט אַריין אין הויז.

באַלד האָט זיך די טיר געעפנט און פּעני איז אַריין, אַ פריילעכע, פול מיט לעבן זי איז צוגעלאָפן צו עדנה׳ן, האָט איר אַרומגענומען און זיך

האַרציק צוקושט, אויסרופנדיק: „עדנה טייערע! אַזויפיל צייט זיך נישט געזען, איך האָב געבענקט נאָך דיר, דערצייל וואָס האָסטו דאָרט געטאָן? אין דיין קיבוץ".

„אַך" האָט עדנה רואיק געענטפערט. „דער קיבוץ איז נישט די שטאָט, דאָרט איז אַלץ אַנדערש ווי דאָ אין שטאָט". „בעסער אָדער ערגער?" האָט פעני געפרעגט. „אין שטאָט אין פאַראַן גוטס און שלעכטס. און אין קיבוץ דאָס זעלבע. ליידן פעלן נישט אויך דאָרט האָט עדנה טרויריק געענטפערט. „אַך עדנה" האָט פעני זיך אָנגערופן: וואָס דאַרף דיך אינטערעסירן פרעמדע ליידן, העלפן קענען מיר דאָך סיווי נישט, זאָלן מיר דערווייל געניסן פון אונזער צייט. גענוג, יענער ליידט, זאָלן מיר דערווייל פריילעך זיין, ווען נישט וועט די וועלט טונקל ווערן פאַר אַלע". פעני האָט זיך צעלאַכט.

עדנה האָט געקוקט אויף פענין מיט באַוווּנדערונג, זי האָט געזען ווי די „יוגנט" שרייט אַרויס פון איר. אירע בלאָנד־גאָלדענע האָר האָבן זיך געוואָרפן אומרואיק אַרום איר שטערן די גרויסע שיינע אויגן האָבן געקוקט ווי די גאַנצע וועלט געהערט זיי, דאָס רונדע מויל מיט פורפורליפן, האָבן אייביק געשמייכלט גליקלעך און צופרידן.

פעני האָט דערפילט עדנה'ס בליקן, זי האָט זיך אַ הויב געטאָן און אויסגערופן „אַך עדנה, עדנה! וואָס מיר זאָרגן, קוק ווי די וועלט איז שיין, מיר זענען דאָך יונג, קום עדנה מיר וועלן עסן און זיך זעצן לערנען. נישטאָ וואָס צו זאָרגן די וועלט געהערט אונדז".

זי האָט עדנהן אָנגענומען פאַרן האַנט, צוגעפירט צום שפיגל און געזאָגט: „קוק! ווי דיין פנים איז פאַרזאָרגט, ווי ביי אַן אַלטער פרוי, איך שעם זיך באמת, דו מוזט זיין שיין עדנה! דו ביסט יונג, העללאַ האָפּ! אָנטאָן זיך, און אַרויס מיט מיר אין שטאָט ס'ווערט שפעט".

עדנה האָט געוווּסט אַז אַנדערש קען נישט זיין, אויב פעני וויל אַזוי, וועט זי אויספירן. זי האָט זיך גענומען אָנטאָן און ביידע זענען אַרויס. ווען זיי זענען צוריק געקומען האָט עדנה געטראַכט אין דעם טאָג האָב איך דערזען דאָס לעבן אין צוויי פנים'ער: שלעכטס און גוטס, שיין און מיאוס, זייענדיק אין דער נאָענט פון פענין, קען מען נישט טרויריק זיין,

פון פענין שפריצט דאָס לעבן, זי ווייסט ווי דאָס לעבן שיין צו מאכן. זי איז געקומען פון דער גרויסער וועלט, ערצויגן אין אַ אטמאָספערע וועלכע האָט איר געוויזן דאָס שיינע גוטע לעבן, זי פאָדערט אנדערש פון לעבן און דאָס לעבן גיט איר וואָס זי וויל. אַ גליקלעכע איז זי, האָט עדנה געטראַכט, איך בין געבוירן און ערצויגן אין דאָרף, דער קיבוץ האָט מיר געגעבן די נאַטור אָבער נישט מער. און אזוי בין איך פארבליבן. פאַר עדנה׳ן איז פעני געווען אַ גליק איבערהויפּט אין איר איצטיקער לאגע. ביידע האָבן צוזאמען געלערנט, אין איין סעמעסטער, צוזאמען געוווינט אין איין צימער; פעני האָט געהאַט אַ גרויסן קרייז חברים און באקאנטע, זי האָט אויך עדנה׳ן אריינגעצויגן אין לעבן ווי אַ גוטע פריינדין און שוועסטער, נישט איינמאָל האָט עדנה געזאָגט פענין: „איך בין גליקלעך, איך האָב דיך באַגעגענט; וואָס וואָלט איך געטאָן אָן דיר?

פעני האָט זיך צעלאכט, פארצויגן איר נעזל און געענטפערט:

„מיין טייערע קלוגע פריינדין אויך איך בין אָלרייט, וואָס איך האָב דיך באקענט, ווער וואָלט אויף מיר אכטונג געגעבן, נישט צוטאָן נארישקייטן, ווען נישט דו עדנה״ און פארענדיקט — ווי שטענדיק מיט אַ הייסן קוש. זי האָט זיך צעזונגען און געלאָזן זיך אין אַ טענצל מיט עדנהן איבערן צימער; ביידע זענען ארויפגעפאלן אויפן בעט מיט אַ געלעכטער. „אַט אזוי״ האָט פעני געזאָגט. איצט העלף מיר אין מיין לערנען, ווייל אין גיכן זענען די עקזאמענס און איך וויל גוט אדורך.

ביידע האָבן זיך געזעצט, צו דער ארבעט. ווי געווײנלעך, עדנה אַן ערנסטע, פעני אפּרייליכע האָבן זיי זיך פארטיפט אין לערנען. ווען דער זייגער האָט געקלונגען האָבן זיי זיך דערמאָנט, ס׳איז שפּעט מ׳מוז גיין שלאָפן. מידע זענען זיי אריין אין די בעטן און גלייך איינגעשלאָפן.

קאפּיטל 18

ענדלעך איז געקומען דער גליקלעכסטער טאָג און רפֿי האָט פארלאָזן דאָס קראנקן הויז, פון דאָרט האָט מען אים געבראַכט צו זיך אַ היים.

מען האָט אים אויפגענומען אין הויז ביי די ווילסאָנס ווי אַן אייגן קינד און געזאָרגט פאַר זיין געזונד און באַקוועמלעכקייטן. מערי און אירע עלטערן האָבן אַלץ געטאָן כדי רפי זאָל זיך גוט פילן. זיי האָבן געוואַרט אויף אַ מאָמענט ווי רפי זאָל דערציילן, ווער ער איז, פון וואו ער קומט. רפי האָט אָבער געשוויגן, ער האָט באַוואונדערט די שיינע היים און די טייערע גוטע מענטשן און געדענקט אַלץ וואָס ער זעט און פילט איז אַ חלום, אַ לעגענדע, אָבער דאָך איז עס אמת. ער האָט זיך צוגעוווינט צו זיין לאַגע מיט דער פּראַטעזע. האָט אַ סך געלעזן, שפּאַצירט, געקוקט אין טעלעוויזיע. נישט איינמאָל האָט זיך ביי אים אַריינגעגנב׳עט אַ געדאַנק, וועלכער האָט אים געגעסן ווי אַ וואָרם, און געפרעגט: פאַרוואָס שווייגסטו? פאַרוואָס שרייבסטו נישט צו דיינע עלטערן, צו דיינע חברים? אָבער ווי ער האָט נאָר גענומען די פעדער אין האַנט האָט ער זיך פאַרקוקט אויף זיין פוס, און דערמיט האָט עס זיך פאַרענדיקט. רפי האָט זיך געשראָקן פאַר דעם שרייבן. וואָס זאָל ער שרייבן די חברים? ער האָט פאַרשטאַנען, ווי ער וועט נאָר שרייבן אין קיבוץ, וועט מען אים גלייך אהיים נעמען, דאָ האָט זיך מערי געשטעלט פאַר זיינע אויגן. ער האָט געפילט אַ ווייטיק. איר וויל ער נישט פאַרלאָזן. מערי האָט איצט געשפּילט די הויפּט ראָלע אין זיין עלנדן אָרעמען לעבן. איר פערזאָן איז פאַר אים געוואָרן אַלץ, ער האָט אין איר געזעען זיין טרייסט. פון אַזויפיל ליידן, אַדאַנק איר איז אַלץ גוט געוואָרן. איצט זי פאַרלאָזן, דאָס קען ער פאַר קיין פאַל נישט טאָן. ווען ער האָט געעפנט זיינע אויגן און זי דערזעען, איז זי פאַר אים געווען אַ מלאך, זי האָט אים געטרייסט און געהאָלפן אין זיין שווערער לאַגע. ער האָט געפילט, ער וועט נישט קענען לעבן, אויב מערי וועט אים פאַרלאָזן; זי פלעגט אים — ווי אַ גוטע מוטער — ברענגען יעדן פרימאָרגן דעם פרישטיק צום בעט, העלפן אָנטאָן, פאָרט מיט איר מאַשין שפּאַצירן אין די אָוונטן אַויף קאָנצערטן, טעאַטער, צו באַקאַנטע, זי טיילט זיך מיט אים אין זיינע ליידן. שיידן זיך מיט איר קומט נישט אין פראַגע, זי איז פאַר אים אַלץ.

דאָך איז אים שלעכט ער וויל צוריק אריין אין לעבן, ווי יעדער נאָרמאַלער מענטש. אַרבעטן שאַפן און נישט זיין אָנגעוויזן אין הילף

פון אנדערע. און ער האָט זיך צעוויינט באַטראַכטנדיק זיין לאַגע. אין דעם מאָמענט איז מערי אריין אין צימער, דערזעענדיק רפי׳ן וויינען איז זי צו, צו אים „רפי״ האָט מערי געזאָגט וואָס האָט פּאַסירט? וואָס וויינסטו?״ רפי האָט זיך פאַרשעמט, געקוקט אויף דער פּראָטעזע. מערי האָט עס באַמערקט, זי איז צו, צו אים, גענומען זיין קאָפּ אין אירע הענט, געקוקט אין זיינע אויגן, און געבעטן: „זאָג מיר טייערער וואָס דריקט דיין האַרץ? איך בין אייביק גרייט דיר צו העלפן, אויך מיינע עלטערן ווילן דיר העלפן״.

רפי האָט געקוקט — מיט ליבע — אויף מערין, און באַוואונדערט איר מויל, וועלכע האָט ארויסגעזאָגט די גוטע וואַרעמע ווערטער. מערי האָט, צוגעדריקט צו זיך רפי׳ס קאָפּ, געגלעט זיינע געדיכטע לאָקן, זאָגנדיק: „רפי דו ביסט מיר טייער, איך ווייס נישט פאַרוואָס, דער גורל האָט אונז צונויפגעפירט. זיי האָבן געפילט ווי זייערע הערצער קלאַפּן מיט דעם זעלבן טיק—טאַק; דאָס לעבן האָט זיי געבונדן, ביידע האָבן זיך פאַרשטאַנען אָן ווערטער. מערי האָט געפילט, ווי איר האַרץ לאָזט זיך מער נישט נאַרן, זי ליבט דעם אומבאַקאַנטן; ער האָט זיך איינגעגעסן אין איר האַרץ. זי וועט נישט קענען לעבן אין דעם רייכן גרויסן הויז אָן רפי׳ן. רפי האָט פאַרנומען ביי איר דעם ערשטן פּלאַץ. זי האָט געזאָגט: „רפי איך ליב דיך מיט מיין גאַנץ האַרץ און נשמה״ רפי האָט געקוקט אויף איר און שטיל געזאָגט: „טייערע דו ביסט שיין, יונג, רייך און קלוג, אַלץ פאַרמאָגסטו, ס׳פעלט דיר גאָרנישט, וואָס קען איך — אַן אומגליקלעכער דיר געבן אין לעבן?״

מערי האָט ארויפגעלייגט אירע שיינע ווייסע הענט אויף רפי׳ס מויל און נישט געלאָזן פאַרענדיקן, זי האָט געזאָגט: „דו ביסט דער וועלכן איך ליב. מיט דיר האָב איך אַלץ, אָן דיר האָב איך גאָרנישט...״ רפי האָט פאַרשטאַנען, אַז מערי האָט דאָס וואָרט ער איז גליקלעך, אַ דאַנק איר לעבט ער, דערפאַר געהערט ער איר. ער האָט מערין צוגעדריקט צו זיך. ביידע האָבן געפילט, אז עס בינד זיי אַ ליבע אַן אמתע פון נישט פרעגן און נישט דענקן. דאָס לעבן געהערט זיי.

קאפיטל 19

די עלטערן פון רפי האָבן נישט געקענט מער ווארטן אויף אַ בריוו פון זייער זון. וועלכער איז העט ווייט. זיי האָבן פארשטאנען דאָס רפי׳ס שווייגן איז נישט קיין גוטער סימן. זיי האָבן געפאָדערט פון די חברים מעשים. „זאָל זיין וואָס עס זאָל זיין, גיט אונז צוריק אונזער זון״. די חברים האָבן זיי בארואיקט, אָבער נישט מער, ווייל זיי אליין זענען געווען באזארגטע און האָבן געוואַרט אויף ענטפער פון ישראל קאָנסול אין אמעריקע.

ענדלעך האָבן זיי באקומען דעם ענטפער נאָר ליידער נישט קיין גוטן. אָט וואָס מען ענטפערט זיי: מיט באַדויערונג מוזן מיר אייך מעלדן אז דעם פערזאָן. אין וועלכן איר זענט פאראינטערעסירט, האָבן מיר נישט געפונען, מיר האָבן אים געזוכט, אָבער ליידער נישט געפונען. אויב מיר וועלן עפעס וויסן פון אים, וועלן מיר אייך צוווסן געבן. דאָס איז געווען דער ענטפער פון ישראל קאָנסול אין אמעריקע. די חברים האָבן פארשטאנען, אז עפעס האָט פאַסירט מיט רפי׳ן, עס איז נישט פאר־שטענדלעך זיין פארשווונדן. וואָס וועט איצט זיין? האָבן זיי מיט באדוירונג געפרעגט. מען מוז אלץ טאָן אים צוגעפינען, האָבן אלע — ווי איינער — איינגעשטימט. מען מוז זוכן אַ וועג, ווי דאָס רעטעניש קלאָר צו מאכן. ווו איז רפי אהינגעקומען? רפי׳ס עלטערן האָט מען נישט דערציילט וועגן בריוו פון קאָנסול.

נאָך לאנגע בארעטונגען איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן נאָך עדנ׳ן. און מיט איר זיך אדורכרעדן וועגן רפי׳ן זי וועט אלץ טאָן, אים צוגעפינען, מ׳האָט געשריבן און געבעטן זי זאָל קומען, דער קיבוץ דארף איר וועגן אַ וויכטיקן פראָבלעם. עדנה דערהאלטנדיק דעם בריוו האָט פארשטאנען אין וואָס ס׳האנדלט זיך... שווער איז איר געווען. זי האָט נאָרוואָס אָנגעהויבן לערנען. זאָל זי ווידער איבערייסן? אָבער דאָך האָט זי באַשלאָסן פאָרן. ווען פעני איז אריין אין צימער, האָט זי געקוקט פארווונדערט און געפרעגט: „ווו גייסטו?״

„איך פאָר אין קיבוץ די חברים רופן מיך״. האָט עדנה געענטפערט.

„און דיין לערנען?" האָט פעני געפרעגט. „הער טייערע! איך ווייס נישט וואָס מ'וויל פון מיר. זיכער וועגן רפי" האָט עדנה טרויעריק געענטפערט.

„דערציייל! וועל איך הערן" האָט פעני געזאָגט: „אפשר וועל איך דיר קענען העלפן".

„גוט" האָט עדנה געזאָגט, און האָט פענין דערציילט וועגן רפיס פארשוווּנדן, „ס'איז שוין אַ לאַנגע צייט ווי ער לאָזט נישט הערן פון זיך. די חברים זוכן אים, אָבער אומזיסט; ער איז פארשוווּנדן, קיינער ווייסט נישט וואָס האָט מיט אים פּאסירט. עדנה האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן און געבליבן שטיל, זי האָט אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, אירע געדאנקען האָבן זי אוועקגעטראָגן העט ווייט צו דעם נישט באקאנטן פלאץ ווו רפי — איר רפי — געפינט זיך. אַ טרער איז געפאַלן פון איר אויג.

פעני האָט באמערקט עדנה'ס טרויער, זי האָט ארויפגעלייגט איר האנט אויף עדנה'ס קאָפּ און קוקנדיק איר אין די אויגן, האָט זי געפרעגט: „זאָג מיר דעם אמת די ליבסט דעם בחור?" עדנה האָט פארביסן אירע ליפּן, און די אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן זי האָט פענין נישט געענטפערט. פעני האָט אָבער דאָס איבעריקע פארשטאנען, זי האָט מער נישט געפרעגט, נאָר געגלעט עדנה'ס קאָפּ און איר אַ קוש געטאָן. ביידע האָבן זיך פארשטאנען. עדנה האָט איר אַלץ דערציילט. וואָס איז אדורך אין איר יונג הארץ מיט רפי'ן. און דערפאר איז זי געקומען לערנען אין ירושלים. אים צו פארגעסן.

„איך פארשטיי דיך" האָט פעני געזאָגט ערנסט און געפרעגט: „וואָס ווילן זיי איצט פון דיר אין קיבוץ?

עדנה האָט געוויזן פענין דעם בריוו, וועלכן זי האָט דערהאלטן. די חברים ווילן דו זאָלסט פאָרן זוכן רפי'ן?" האָט פעני געפרעגט. „איך דענק אזוי" האָט עדנה געענטפערט. „טייערע" האָט פעני געזאָגט: „וואָס דענקען זיי, — די חברים — אמעריקע איז ישראל?" און זי האָט זיך צעלאכט. „זיי נישט קיין קינד, עדנה! אויב מען ווייסט נישט זיין אדרעס; אין אמעריקע? צו וואָס פאָרן?" האָט פעני געפרעגט.

„עדנה דו פאָרסט נישט, אַ רחמנות אויף דיר, ביסט נאַיוו, דו ביסט נאָך קיינמאָל נישט געווען אין דער גרויסער וועלט, וואָס ווייסטו

טאָן אין דעם גרויסן אַמעריקע? צו וועמען וועסטו זיך ווענדן? ווער האָט דאָרט צייט פאַר דיר? דו וועסט דאָרט פאַרפאַלן ווערן, טייערע! הער מיך!״ האָט פּעני געזאָגט: „דו פאַר אין קיבוץ ערקלער זיי, אַז דו קענסט זיי נישט העלפן, און אויב דו ווילסט וועל איך מיטפאָרן מיט דיר, איך וועל זיי ערקלערן וואָס עס הייסט אַמעריקע. איך וועל זיי אָנווייזן ווו זיך צו ווענדן, צו באַקומען וועלכע ס׳איז אינפאָרמאַציע״.

עדנה איז געווען זייער צופרידן און געזאָגט: „טייערע פּעני איך פּיל אין דיר אַ גוטע פריינדין״.

קאַפּיטל 20

ווען גד האָט דערזעען דעם מאָרגן, האָט ער געוואַרט אומגעדולדיק, שרה זאָל זאָגן וואָס זי האָט באַשלאָסן. פאַר אַלעם האָט שרה געשיקט די קינדער אין שולע. די קינדער פריילעכע, האָבן געגעסן, געטרונקען, זענען צו, צו גדן — ווי אַלע פרימאָרגן — געגעבן אים אַ קוש. ער האָט די קינדער געדריקט צו זיך, ווי ער וואָלט זיך מיט זיי געזעגנט אויף אייביק. זיי זענען אַרויס פריילעכע און נישט געפילט וואָס עס קומט פאַר צווישן פאָטער און מוטער.

שרה און גד זענען געבליבן אַליין. ביידע האָבן געשוויגן. אַ טויטשטילקייט האָט געהערשט אין צימער. גד האָט באַשלאָסן רעדן, ער האָט זיך געשטעלט פאַר שרה׳ן ווי אַ באַשולדיקטער און געפרעגט: „זאָל איך גיין, אָדער בלייבן?״ שרה האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ, געקוקט גדן אין די אויגן און געזאָגט: „קענסט גיין״ גד האָט זיך נישט גערירט פון פּלאַץ. שרה האָט זיך געגרייט צו איר אַרבעט. גד האָט איר פאַרהאַלטן און געבעטן: „שרה זיי מיר מוחל״. זי האָט נישט געענטפערט, „שרה״ האָט גד אויסגערופן, און געוואָלט איר אַרומנעמען. אָבער, שרה האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע פעסטע הענט און געזאָגט: „גענוג, מער וויל איך דיך נישט זען גיי פון דאַ״. „ווען דו ווילסט אַזוי? גיי איך, אָבער זאָלסט

וויסן שרה! איך ליב דיך, איך ליב אונזער היים, איך ווייס מיט מיין אוועק גיין וועט — די גאנצע משפחה — ליידן. געדענק שרה! אונזערע לעבנס ליגן אין דיינע הענט, צוברעך נישט די משפחה פיר נישט צו אן אומגליק" האט גד טרויריק געזאגט.

שרה האט מיט ווילדקייט און כעס געשריגן: „דו האסט עס שוין צעבראכן אויף אייביק".

„שרה איך וועל צוריק גוט מאכן, וואס איז שלעכט געווען" פארגעס אין אלעם זאלן מיר בלייבן צוזאמען.

„ניין, ניין" האט שרה געשריגן מיט ווייטיק: „דו האסט געטויט מיינע געפילן צו דיר, געטויט מיין ליבע צו דיר. מער האסטו קיין פלאץ אין מיין הארץ, גיי פון מיר!"

גד האט פארשטאנען, אז אנדערש וועט שוין נישט זיין, ער איז צו צום טיר און ארויס.

שרה איז פארבליבן אליין מיט איר ווייטיק. זי האט זיך נישט געקענט באהערשן און ארויס מיט א היסטעריש געוויין. נאך א פאר מינוט האט זי זיך בארואיקט, זי האט זיך א הויב געטאן, אויסגעווישט די אויגן, אויסגעגלייכט זיך, א קוק געטאן אין שפיגל און געזאגט: „בעסער היינט ווי שפעטער, איך בין נאך גענוג יונג, די קינדער נאך קליינע, זאל עס גיין ווי ס'גייט. זי האט ענערגיש געעפנט די טיר און איז אוועק צו איר ארבעט.

דער הימל איז געווען העל ליכטיק; אלץ האט געשמעקט מיט זומער. די בוימער פול פרוכט, די פעלדער גרינע. דאס קארן האט זיך פון א ווינטל געבויגן. אלץ איז ווי זי האט עס נעכטן געזען, קיין זאך האט זיך נישט געענדערט, נאר מיין לעבן האט אנגענומען אנדערע פארמען. דורך די איינע נאכט, ווי זי האט גד'ן ענטזאגט איר ליבע, איז זי ווידער פריי און געהער נאר זיך אליין, איך קען טאן וואס איך וויל, און אפצוגעבן עמעצן א דין וחשבון. אכט יאר צייט געגלויבט אין זיין ליבע און טריישאפט און אין איין טאג אלץ פארלוירן. איצט וואס איז פאר־בליבן? גארנישט. זי וואלט נאך לאנג געטראכט פון דער פארגאנגענהייט, ווען נישט נעמי וועלכע האט איר גערופן: „שרה! קום צו דער ארבעט,

ט'וועדט שפּעט, דער טאָג גייט אַוועק!" הערנדיק די שטימע האָט שׂרה אַ ציטער געטאָן ווי זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און זי איז גלייך אַוועק מיט נעמען צו דער ארבעט.

קאפּיטל 21

מעריס עלטערן האָבן באַמערקט, אַז עפּעס קומט פאָר צווישן רפי'ן און זייער טאָכטער. אין אַ טאָג, האָבן פאָטער און מוטער באַשלאָסן רעדן מיט מערין. זיי האָבן געשיקט איר רופן. מערי איז גלייך אריין צו די עלטערן. „מערי האָט די מוטער אויסגעצויגן אירע הענט מיט ליבע. מערי איז צוגעלאָפן צו דער מוטער אויסרופנדיק „טייערע מאַמאַ" מוטער אין טאָכטער האָבן זיך צעקושט. „וואָס איז מיט דיר קינד?" האָט די מוטער געפרעגט: „מ'זעט דיך נישט די לעצטע צייט? ווו ביסטו?" „איך בין פאַרנומען, מאַמאַ, איך מיט רפין האָבן גענומען לערנען צוזאַמען". „וואָס?" האָט די מוטער פאַרוווּנדערט געפרעגט. „מיר האָבן באַשלאָסן צוזאַמען ענדיקן דעם אוניווערסיטעט" האָט מערי מיט אַ שמייכל געענטפערט.

„פאַרוואָס האָט איר אונז נישט דערציילט?" האָט די מוטער געפרעגט. „מיר האָבן געוואָלט אייך מאַכן אַ סורפּרייז" האָט מערי געענטפערט אין געלעכטער. „הער זיך איין, טאָכטער מיינע", האָט די מוטער געזאָגט: „דאָס אַלץ איז גוט און פיין אָבער עס באַפרידיקט אונז נישט. אויך דער פאָטער וויל מיט דיר רעדן", האָט די מוטער אַ פאַרזאָרגטע געזאָגט. אין דעם מאָמענט האָט זיך די טיר געעפנט און מעריס פאָטער איז אריין.

מערי איז צו — מיט ליבע — צום פאָטער און אים אַ קוש געטאָן. דער פאָטער האָט איר ארומגענומען, און זיך געזעצט אויף דער סאָפע.

„מערי טייערע" האָט דער פאָטער זיך געוואָנדן צו איר, „ווו ביסטו מיין קינד? מיר זעען דיך נישט גאַנצע טעג; וואָס האָט פּאַסירט? צופיל

פאַרנומען ביסטו מיין טאָכטער״ האָט ער — מיט זאָרג — געקוקט אויף איר. און די מוטער האָט צוגעגעבן: „יעדן טאָג, ווי עס קומט דער פרימאָרגן, שענקסטו אונז דורכן טעלעפאָן „אַ גוט מאָנינג׳ און ביז מיטאָג זעען מיר דיך נישט, און אַ סך מאָל, אויך נישט ביז נאַכט. דאָס איז נישט געווענליך, מערי! מיר זענען נישט געוווינט אונזער קינד זאָל אַזוי ווייט און פרעמד ווערן צו אונז.

„הער מערי!״ דער פאָטער האָט זיך אויפגעשטעלט זיך געוואָגט אין שפּרייזן איבערן סאַלאָן. ער האָט געזאָגט: „הער מיין טאָכטער, ווי איך זע ביסטו אוועק פון דעם טאָג־טעגליכן לעבן, פאַרוואָס זאָלסטו נישט דערציילן — דיינע עלטערן —, וואָס דו טוסט? און וואָס דענקסטו ווייטער טאָן?

מערי האָט אַראָפּגעלאָזן איר קאָפּ פאַרשעמט און געפילט זיך שולדיק. זי האָט געזאָגט: „טייערע! איך האָב נישט געדענקט, אַז איר טראַכט שלעכט וועגן מיר, איך בין גרייט אַלץ אייך צו ערציילן, דער עיקר איך ליב רפי׳ן, און רפי ליבט מיך, דאָס איז אַלץ וואָס איך האָב אייך צו דערציילן״. שטיל איז געוואָרן אין צימער. די עלטערן האָבן זיך איבערגעקוקט. דער פאָטער האָט זיך געזעצט אין פאָטעל, אַרויפגעלעגט אַ פוס אויף אַ פוס, אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, און פאַרטראַכט האָט ער געקוקט העט ווייט.

די מוטער האָט אַ ציטער געטאָן. אירע אויגן האָבן געקוקט אויף מערין, די ליפּן האָט זי פאַרביסן, און אָנגעכאַפּט דעם טיש — ביי וועלכן זי איז געשטאַנען — זיך אַראָפּגעלאָזן אין פאָטעל, וועלכער איז געשטאַנען נעבן איר.

ווי אַ דינער האָט געטראָפן די עלטערן, מעריס ערקלערונג. שטיל איז געוואָרן אין דעם אַרום. ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ שרעקליכער אומגליק האָט אַרומגענומען די משפחה ווילסאָן. מערי איז אויך געבליבן זיצן אין אַ פּויזע פון שרעק. זי האָט געקוקט אויפן פאָטער און פון פאָטער האָבן אירע אויגן געקוקט אויף דער מוטער. זי האָט נישט פאַרשטאַנען; וואָס האָט פאַסירט, און נישט פאַרגעשטעלט זיך דאָס אירע ווערטער זאָלן אַזוי שווער טרעפן די עלטערן... זי האָט זיך

לאַנגזאַם אויפגעשטעלט און געפרעגט: „וואָס זענט איר אַזוי גערירט פון מיין ליבע צו רפי׳ן. איר וואַרפט אַן אַ שרעק אויף מיר מיט אייער שווייגן״. זי האָט געוואַרט אויף ענטפער, אָבער קיין ענטפער איז נישט געקומען.

מערי האָט גענומען גיין צום טיר.

„מערי״ האָט זיך דערהערט אַ רוף פון דער מוטער. מערי האָט זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט.

די מוטער האָט מער נישט געקענט האַלטן זיך און צוזאַמענגעבראָכן אין אַ געוויין. מערי איז צו, צו איר, אַרומגענומען זי, געקושט און געזאָגט: „מוטער טייערע! וויין נישט, איך האָב געטראַכט, דאָס מיין ליבע וועט אייך ברענגען פרייד נישט טרערן״. די מוטער האָט זיך נישט געקענט באַרואיקן.

דער פאָטער וועגדנדיק זיך צו מערין האָט געזאָגט: „נישט דאָס האָבן מיר ערוואַרט פון דיר, מערי! ווייסט קינד מיר ווילן דיין גליק, ווער איז רפי? פון ווו קומט ער? ווער זענען זיינע עלטערן? אַ מאַן אַ אינוואַליד אַזאַ איינעם ווילן מיר נישט פאַר אונזער טאָכטער מערי!״ דער פאָטער האָט גערעדט ערנסט און ענטשלאָסן, זיין שטימע האָט געקלונגען ווי אַ באַפעל.

„פאפאַ״ האָט מערי אויסגערופן! „דאָס לעבן קען מען נישט נעמען ווי מ׳וויל נאָר ווי עס קומט״.

„אמת״ האָט דער פאָטער איינגעשטימט. אָבער דער מענטש דאַרף זיך אויסוויילן דאָס גוטע נישט דאָס שלעכטע״.

„פאפא, ליבע וויילט מען נישט, דאָס וואָס מען ליבט, איז דאָס בעסטע און דאָס שענסטע״. האָט מערי געענטפערט.

דאַ האָט די מוטער געזאָגט: „טאָכטער! דו ביסט ביי אונז, אונזער לעבן, מיר ווילן דיך זעען גליקלעך, נישט אומגליקלעך״...

„מאמא טייערע רפי איז מיין גליק! מיט אים וועל איך זיין די גליקלעכסטע, איך ליב אים, און ער ליבט מיך״...

„קינד! ער איז אַ אינוואַליד״ האָט די מוטער אין טרערן געזאָגט און געווישט די אויגן. „אמת ער איז אַ אינוואַליד, אָבער אין זיין אומגליק

בין איך דאָך שולדיק, איך האָב אים געמאַכט פאַר דעם אינוואַליד, איך בין אים שולדיק מיין גאַנץ לעבן״ האָט מערי געזאָגט מיט טרערן.

די עלטערן האָבן איר געבעטן באַרואיק זיך, אָבער מערי האָט זיך נישט געקענט באַרואיקן, און מיט טרערן געזאָגט: „אויב איר ווילט נישט צונעמען רפין, וועט איר מיך אויך פאַרלירן. איך געהער אים, און ער מיר, ווייל אַזוי האָט דער גורל געוואָלט; דאָס אומגליק האָט אונז צונויפגעפירט, און קיין שום כוח וועט אונז נישט שיידן״. נאָך אַ מאָמענט האָט זי צוגעגעבן: „רפי איז אַ קלוגער, אַ שיינער און אַ געלערנטער, דורך זיין אומגליק איז געקומען מיין גליק. ווען נישט דער אקצידענט וואָלטן מיר זיך קיינמאָל — אין לעבן — נישט באַגעגנט, און איצט וויל איך איר זאָלט מיך פאַרשטיין אין צונעמען רפין ווי מיך״. מערי האָט נישט געקענט זיך באַרואיקן פון וויינען.

דער פאָטער האָט איר אַרומגענומען, אָנועקגעזעצט נעבן זיך, געגלעט איר קאָפּ און געזאָגט „הער קינד! מיר האָבן געוואָלט פאַר דיר ג׳אָרג׳ן ער איז דער פאַסענדער מאַן פאַר דיר נישט רפי. ג׳ורג׳ איז אַ זון פון אַ פיינער רייכע משפחה, אַ געבילדעטער, אַ שיינער, ביי אים ביסטו — מיין קינד — פאַרזאָרגט אויפן גאַנצן לעבן, דו פאַרשטייסט? מיר ווילן ג׳אָרג׳ן נישט רפין אַ פרעמדן און נאָך אַ אינוואַליד דערצו״. אויך די מוטער האָט מערין אַרומגענומען, צוגעדריקט צום האַרצן מוטערלעך זי געקושט און געזאָגט מיט אַ שטילע בעטנדע שטימע: „מערי טאָכטער מיינע! זיי וויסן דו מאַכסט זיך און אונז אומגליקלעך, אויב דו באַפרייסט זיך נישט פון אים״.

מערי האָט דאָס ערשטע מאָל — אין איר לעבן — אַרויסגעריסן זיך פון איר מוטערס הענט. זי האָט געקוקט אויף אירע עלטערן מיט וויטיק און געזאָגט: „שטעלט אייך פאָר ווען דער אקצידענט וועלכער האָט רפין געטראָפן טרעפט מיר — אייער געליבטע טאָכטער — און איך וואָלט פאַרבליבן אַ אינוואַליד׳ן אָן אַ פוס, ווער וואָלט געוואָלט קוקן אויף מיר? וואָס וואָלט איך דעמאָלט געקענט טאָן? און וואָס וואָלט איר געטאָן?״

דער פאָטער און מוטער האָבן פאַרשטאַנען, אַז ס׳וועט נישט העלפן

זייערע רייד. ער האָט מערין באַרואיקט און געזאָגט: „געבוג אויף היינט, קינד!‟ ער האָט זי ארומגענומען אין געגעבן אַקוש. מערי איז אַרויס.

די עלטערן זענען פאַרבליבן אליין. דער פאָטער האָט געזאָגט: „אומזיסט אונזערע רייד און אויב זי וויל אַזוי, וועט שוין אַנדערש נישט זיין. זי איז פאַרליבט און דאָס איז אונזער גורל. די עלטערן — יעדער מיט זיין שווער האַרץ — האָט זיך געלייגט אין בעט און געפרווט פאַרשלאָפן זייער צער, וועלכער האָט זייביידן געגעסן פון מעריס ליבע צו רפין — דעם אונבעקאַנטן אינוואַליד. —

קאפיטל 22

שרה האָט באַשלאָסן לעבן פאר זיך, נישט טראַכטן, נישט זאָרגן. זאָל דאָס לעבן גיין ווי עס גייט, די קינדער וועלן אויסוואקסן זיי וועלן גיין זייער וועג. פון גד'ן האָט זי בכלל נישט געהערט. וווּ ער געפינט זיך ווייסט זי נישט. זינט ער האָט פאַרלאָזן דעם קיבוץ האָט מען אים מער נישט געזען, אויך נעמי האָט נישט געוווּסט ווו גד איז פאַרשוווּנדן. דערמיט איז שרה'ן לייכטער געווען צו פאַרגעסן אין אַלץ וואָס איז אדורך איבער איר. פון צייט צו צייט איז געקומען צו שרה'ן באַקאַנטע פאַרבראַכט מיט איר און אַוועק. שרה איז ווידער פריי, אויך איר מאַראַל איז אַוועק, זי איז געוואָרן אַן געפילן, אַן סענטימענטן, פול מיט האַס פארן לעבן, אפילו די קינדער האָבן אויפגעהערט איר צו אינטערעסירן. ווען די קינדער האָבן איר געפרעגט: ווו איז גד? האָט זי קורץ געענטפערט, אין מלחמה.

אויך די חברים האָבן באַמערקט די ענדערונג אין שרה'ן. זיי האָבן געפרווט רעדן מיט איר, האָט זי געענטפערט אַפּאַטיש: אַזוי איז עס.

די חברים האָבן זיך געשראָקן פאַר איר לאַגע און נאָכמער פאַר די קינדערס צוקונפט. און זיי האָבן אַלץ פאַרשוויגן כדי שרהן צו באַרואיקן.

אויך נעמי איז געוואָרן באַזאָרגט פון גד'ס פאַרשוווּנדן. זי איז

פארבליבן אין קיבוץ, אָבער גד איז אוועק, וואָס זאָל זי טאָן? די מאַנאַטן רוקן זיך און זי פילט אַ לעבעדיק קינד אונטער איר האַרץ. אין קיבוץ שושקעט מען זיך וועגן איר... זי איז פאַרצווייפלט און ווייסט נישט וואָס צוטאָן. זאָל זי זאָגן דעם אמת, ווער דער פאָטער איז, אָדער בעסער שווייגן, נישט אויסזאָגן; זי האָט אליין נישט געוווסט וואָס צוטאָן, נאָר ווען זי האָט זיך דערוווסט, אַז עדנה דאַרף קומען, האָט זי באַשלאָסן וואַרטן אויף איר און מיט איר רעדן, עדנה איז אַ קלוגע, זי וועט שוין געפינען אַ וועג פאַר מיר. האָט זי געטראַכט און דערמיט זיך באַרואיקט. דאָך טיף אין האַרצן האָט זי געפילט אַ ווייטיק, וועלכער האָט איר געגעסן. אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן, די ליפּן האָבן זיך פאַרמאַכט און עס איז נישט געווען קיין ענטפער. אויף דעם וואָס עס האָט פּאַסירט.

קאַפּיטל 23

רפי האָט געפילט אין מערין, אַז עפּעס האָט פּאַסירט ער האָט געוואַרט זי זאָל אים דערציילן, אָבער מערי האָט געשוויגן און נישט גערעדט. איר ליבע צו רפין איז געוואָרן טאָפּלט. נאָכן רעדן מיט אירע עלטערן, אויך זיי האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין ענדערונג צו רפי׳ן. אַזוי ווי זיי זענען געווען צו אים דעם ערשטן טאָג, ווען זיי האָבן אים באַקענט, אַזוי זענען זיי פאַרבליבן פריינדליך אין גוט, אויך איצט, אָבער דאָך האָט ער געפילט, אַז עפּעס האָט פּאַסירט און ער האָט געזוכט ווי זיך דערוויסן דעם סוד.

אין אַ געוויסן אָוונט, ווען רפי איז געזעסן מיט מערין און גערעדט פאַרשידנס, האָט רפי געפרעגט — באַזאָרגט: „וואָס איז דיר מערי? ביסט נישט געזונט? דו זעסט אויס זייער בלאַס".

„ניין", האָט מערי געענטפערט. „פאַרוואָס פרעגסטו? טייערער!"

„דיין אויסזעען זאָגט מיר, אַז דו ביסט נישט מיט אַלעם". האָט רפי געענטפערט.

מערי האָט אַראָפּגעלאָזן איר קאָפּ פאַרשעמט, זי האָט ארויפגעלייגט איר האַנט אויף רפי׳ס האנט און געזאָגט: „איך האָב אַ סורפּרייז פאַר דיר, טייערער". רפי האָט געקוקט מיט נייגעריקייט. זי האָט זיך איינגעבויגן צו אים און רואיק געזאָגט: „איך ווער מוטער. רפי איז געוואָרן איבעראשט. אין אַ מינוט האָט ער אויסגערופן „מערי! טייערע! מערי מיינע! דו אַ מוטער?"

„יאָ טייערער איך אַ מוטער און דו אַ פאָטער" האָט מערי געענטפערט אַ גליקלעכע. זיי האָבן זיך אַרומגענומען און זיך צוקושט. רפי האָט זיך נישט געקענט בארואיקן, ער האָט מערין אויפגעהויבן — מיט זיינע פעסטע הענט — אין דער הויך, און געקוקט מיט ליבע אויף איר, „דו, די מוטער פון אונזער קינד!". מערי האָט געגלעט זיין קאָפּ און געוועזן שטאָלץ מיט אים. ביידע האָבן זיך גענומען — גליקלעכע — בא די הענט און אַרויס אין גאָרטן. דער אָוונט איז געווען אַ וואַרעמער; דער אַרום האָט געשמעקט; דער הימל לויטער ליכטיק, די לבנה און שטערן האָבן געקוקט אויף דעם גליקלעכן פּאָר. זיי האָבן נישט גערעדט. זיי האָבן זיך געשראָקן איבערצורייסן די הייליקייט פון דער נאַכט, וועלכע האָט זיי באשאָנקען מיט דעם העכסטן גליק אין לעבן.

רפי האָט געטראַכט פון זיינע עלטערן. און זיין האַרץ האָט נערוועז געקלאַפּט. זיין קאָפּ האָט אים געדרייט פון קלערן און נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך, אַ זייער שווערע צייט איז אַ דורך מיין לעבן און דער גורל האָט געוואָלט איך זאָל בלייבן לעבן. איצט וואָס שרייבט מען אין קיבוץ? זיי וועלן זיכער פאָדערן איך זאָל קומען אַ היים. קען איך דאָס טאָן? וואָס וועט זיין מיט מערין? ניין! ניין! מערין וועל איך נישט לאָזן. אפשר זאָל איך זי מיטנעמען מיט זיך? איז אים אַדורך אַ געדאַנק, אָבער וואָס וועלן אירע עלטערן זאָגן? ער האָט גענומען צווייפלען אין אלעם און נישט געוווסט וואָס אַנהויבן ער האָט צורעכט־געמאַכט זיינע צעוואָרפענע האָר, טיף געאָטעמט און צום סוף באַשלאָסן בעסער שוויגן און וואַרטן. די צייט וועט זאָגן וואָס צו טאָן.

אויך מערי האָט זיך נישט געפילט באַקוועם אין איר לאַגע. זי האָט פאַרשטאַנען, דאָס אירע עלטערן וועט עס אויפטרייסלען דערוויסנדיק זיך, זייער טאָכטער שוואַנגערט נישט געזעצלעך — בכלל וועלן זיי נישט איינשטימען צו דעם גאנצען געשעעניש. ס׳האָט איר וויי געטאָן פאַרוואָס זי קען זיך נישט אדורך רעדן מיט אירע עלטערן פריי ווי אַלע מאָל און אַלץ דערציילן, וועגן איר ליבע צו רפין און זאָלן זיי איר העלפן אין דער שווערער לאַגע וועלכע זי געפינט זיך איצט. אָבער די עלטערן ווילן איר נישט פאַרשטיין, זיי שטויסן זי אָפּ פון זיך. ס׳איז איר מער נישט פאַרבליבן נאָר איין רפי, צו וועלכן איר ליבע האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט. און צו אירע עלטערן האָט זי דערפילט אַ האס, דאָס הויז ווו זי האָט געלעבט ביז דעם היינטיקן טאָג גוט און גליקלעך, איז פאַר איר געוואָרן פוסט און שווער. טרערן זענען געשטאַנען אין אירע אויגן דערמאָנענדיק זיך פון דער אידיליע, וועלכע האָט געהערשט צווישן איר און די עלטערן און היינט איז אַלץ אויס. זי האָט אריינגעלייגט איר קאָפּ אין די הענט אין זיך צעוויינט ווי אַ קינד.

קאפיטל 24

ווען עדנה און פעני זענען אָנגעקומען אין קיבוץ, האָבן די חברים זיך פאַרזאַמלט און פאַרגעשלאָגן עדנה׳ן זי זאָל זיך פאַרנעמען מיט רפי׳ס פאַרשווונדן, טאָן אַלץ און אויסגעפינען ווו ער איז.

עדנה האָט ערשטוינט געקוקט אויף זיי און געפרעגט: „וואָס קען איך העלפן. איך בין אין ישראל און רפי אין אמעריקע. פאַרוואָס האָט איר אים בכלל ארויסגעשיקט פון לאַנד?" האָט עדנה געפרעגט מיט ווייטיק, „איר זענט שולדיק". זי האָט געפילט אַביסעלע נקמה פאַרן דערווייטערן רפין פון לאַנד, און פון איר.

מיר ווילן זאָלסט פאָרן אין אמעריקע האָט מען איר געענטפערט. עדנה האָט נישט געקענט פארשטיין ווי קומט עס צו די חברים אזא

נישט אויסגעהאַלטענער פאָרשלאָג. ווי קענט איר פאַרלאַנגען פון מיר אַדורכפירן אַזאַך, וועלכעס איז אונמעגלעך.

פעני וועלכע האָט די גאַנצע צייט געשוויגן האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען דאָס וואָרט: „וואָס מיינט איר אמעריקע איז ישראל? אין אַמעריקע קען מען דעם גאַנצן לעבן זוכן אַ מענטשן און נישט געפינען. ווי איך האָב געהערט ווייסט דער ישראל קאָנסול נישט ווו ער איז אהינגעקומען. ווילט איר שיקן עדנה׳ן? ס׳איז דאָך לעכערלעך. בעמט אנדערע מיטלען. ווו איר קענט זיין מער זיכער אים צו געפינען. פעני האָט געשילדערט די גרויסקייט און רייכקייט פון אמעריקע. דאָרט קען אַ מענטש פארפאלן ווערן אויף אייביק. די חברים האָבן איר פאַרשטאַנען און געבעטן זי זאָל זיי העלפן און אָנווייזן ווי אַזוי רפי׳ן צו זוכן. רפי מוז געפינען ווערן, עס האָט זיי ווייט געטאָן דער איינציקער זון וועלכער איז געבליבן ביי די אומגליקלעכע עלטערן זאָלן פארפאלן ווערן.

פעני האָט זיי פארשטאַנען און מיטפילנדיק די אַנגעווייטיקטע לאַגע האָט זי געזאָגט: וואָס איך קען אייך יאָ זאָגן איז: איר זאָלט זיך ווענדן צו אַ ביוראָ, וועלכע פארנעמט זיך מיט אזעלכע זאכן, פארשטייט זיך ס׳קאָסט געלט זיי באַווייזן אָבער וווּנדער. מעגלעך זיי וועלן אויך רפי׳ס אדרעס אויסגעפינען; שיקט זיי צו אלע פּרטים און זיי וועלן טאָן אין דעם.

די חברים האָבן אָנגענומען פעניס פאָרשלאָג דאָס הייסט זיך ווענדן אין אַ אינפאָרמאציע ביוראָ און וואַרטן אויף ענטפער. פעני האָט אָנגעוויזן אייניקע אדרעסן, ווו זיך צו ווענדן און דערמיט איז עדנה באַפרייט געוואָרן.

ווען עדנה און פעני זענען אוועק פון די חברים, האָט עדנה געזאָגט: „אַדאַנק דיר טייערע„ זי האָט איר ארומגענומען און געקושט. „וואָס וועלן מיר איצט טאָן?״. האָט פעני געפרעגט. „קום מיט מיר, איך מוז אריינגיין צו מיין פריינדין נעמי״. האָבן זיי — צופרידענע — זיך געלאָזן גיין צו נעמי.

ווען עדנה האָט זיך באַוויזן אין טיר האָט נעמי אויסגערופן מיט פרייד: „עדנה! גוט וואָס ביסט געקומען״. זיי האָבן זיך צוקושט. און

עדנה האָט פאַרגעשטעלט פענין פאַר נעמי אַלע דריי זענען אריין אין צימער. די נאכט איז צוגעפאַלן. נעמי האָט אויסגעבעט די בעט פאַר פענין, וועלכע איז געווען מיד זי האָט זיך גלייך געלייגט און איינגעשלאָפן אין אַ שטאַרקן שלאָף.

עדנה און נעמי האָבן זיך געזעצט אין דרויסן אויף דער באַנק און זיך אויסגערעדט פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זיי האָבן זיך נישט געזעען.

נעמי האָט עדנה'ן דערציילט וואָס עס האָט מיט איר פאַסירט. זי איז נישט רואיק און ווייסט נישט וואָס צו טאָן אין איר איצטיקער לאַגע עדנה האָט פאַרשטאַנען דער יונגער אלמנה און האָט געפרעגט: „זאָג מיר נעמי וואָס הערט זיך מיט דוד'ן? ער קומט נאָך אַמאָל צו דיר?" זי האָט דערמאָנט די גרויסע ליבע פון דודן צו נעמין.

נעמי האָט אַ קרעכץ געטאָן, געקוקט אויף עדנה'ן און געזאָגט: „וואָס פרעגסטו אויב דוד קומט, ער קומט" האָט נעמי שטיל און פאַרשעמט געזאָגט.

„דו ווייסט נעמי, דוד איז אַ טייערער בחור". האָט עדנה געזאָגט ערנסט.

„איך ווייס" האָט נעמי געענטפערט, „אָבער נישט ווי מיין דני איז געווען". דני איז געווען נעמי'ס ערשטע ליבע, איר מאַן וואָס די מלחמה האָט אים פאַרשלונגען.

„און גד איז יאָ ווי דיין דני?" האָט עדנה געפרעגט. נעמי האָט אַראָפּגעלאָזן איר קאָפּ און נישט געענטפערט. אירע אויגן האָבן געוויינט דערמאָנענדיק איר געפאַלענעם מאַן. עדנה האָט געפילט וואָס גייט אַדורך אין נעמיס האַרץ, האָט זי געזאָגט: „דוד קען נישט גיין אין קרומע וועגן — ווי אַנדערע — ער איז אַן ערלעכער בחור, וואָס ער דענקט, דאָס זאָגט ער, וואָס ער האָט, דאָס גיט ער; און ער געפעלט דיר נישט? הא?" נעמי?.

נעמי האָט אויסגעווישט אירע אויגן און געענטפערט: „יעדער האָט זיין געשמאַק און געפיל".

„הער נעמי וואָס איך וויל פון דיר, איך וויל דו זאָלסט גד'ן

פאַרגעסן. גד לעבט נישט מער, אזוי ווי דיין דני איז אַוועק און נישט מער צוריק געקומען. אַזוי עקזיסטירט גד נישט מער. דאָס קינד, וועלכעס דו טראָגסט אונטער דיין האַרץ דאַרף האָבן אַ נאָמען, אַ פאָטער, אָן אונטערשייד ווער עס וועט זיין. האָסט מיך פאַרשטאַנען? דאָס איז פאַרן קינד און אויך פאַר דיר. דו ביסט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם קינדס לעבן און זיין עקזיסטענץ; דו שווייג קיינער דאַרף נישט וויסן ווער דער פאָטער איז, דו גיב דיין קינד אַ נאָמען און אַ היים, און דערמיט וועסטו אַלץ גוט מאכן און דער סוד וועט בלייבן דיינער. איך גלויב האָסט מיך ריכטיק פאַרשטאַנען" האָט עדנה פאַרענדיקט.

„וואָס זאָל איך טאָן?" האָט נעמי געפרעגט פאַרצווייפלט. „דו שטויס נישט אָפּ דודן פון זיך, דוד האָט דיך אייביק געליבט, און ער ליבט דיך היינט, ער האָט געזען מיט אַלע בחורים פאַרנעמסטו זיך, מיט אַלע פאַרברענגסטו, נאָר מיט איין דודן נישט. פאַר אים האָסטו קיין צייט געהאַט, קיין אינטערעס, אָבער ער איז געקומען ווייל ער האָט דיך געליבט נאָך פאַר דיין חתונה מיט דנינען. דוד איז גענוג קלוג דאַריבער האָט ער זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט וואָס זאָגט ער היינט? ווען ער קומט צו דיר? דערצייל מיר אַלץ" האָט עדנה געבעטן.

„ער טרייסט מיך" האָט נעמי געענטפערט, ערשט נעכטן איז ער געווען ער פילט, איך לייד האָט ער געזאָגט: זאָרג נישט נעמי, איך בין אייביק גרייט דיר צו העלפן. דו ביסט נישט עלנט טייערע ווייל איך ליב דיך.

„נו נעמי ווו זענען דיינע אויגן, אַוו איז דיין האַרץ? דו דאַרפסט אים קושן פאַר אַזעלכע ווערטער, ווי פיין און גוט איז ער. אַך וואָס פאַר אַ טייערער בחור ער איז. ער וועט דיר זיין אַ טרייסט נאָך דיין אומגליק. נעמי מער וועל איך מיט דיר נישט רעדן, אויב דו וועסט נישט צונעמען דודס ליבע", עדנה האָט זיך געגעבן אַ שטעל אויף.

„טייערע!" איז נעמי געפאַלן עדנה'ן אויפן האַלדז, „איך ווייס דו ביסט מיר טריי און ווילסט מיין גוטס", עדנה האָט נעמין געגלעט מיט טריישאַפט און זי באַרואיקט, ביידע זענען אריין אין צימער, נישט צו שטערן פענין אין איר שלאָף. זיי האָבן זיך געלייגט, אָבער נישט

איינגעשלאָפן, אַ שווערע טראַגעדיע איז אַדורך איבער נעמין. איר מאַן פאַרלוירן אין דער מלחמה; גד איז פאַרשוואונדן; זי איז געבליבן אַליין, עלנט מיט אירע צרות. זי האָט באַשלאָסן רעזעגנירן אויף זיך און לעבן נאָר פאַרן קינד. דערמיט איז זי איינגעשלאָפן.

קאפיטל 27

מעריס עלטערן האָבן נישט גערוט. פול מיט ווייטיק זענען זיי געווען. דער פאָטער האָט באַשולדיקט די מוטער, און די מוטער דעם פאָטער. אין אַ געוויסן טאָג האָט דער פאָטער געבעטן מערין, ער וויל מיט איר רעדן. מערי האָט פאַרשטאַנען וואָס עס ערוואַרט איר. זי האָט אָנגענומען מוט און אַריין צו די עלטערן. די מוטער האָט מערין האַרציק באַגריסט, אין אירע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן. „מאַמע וואָס ווייגסטו?" האָט מערי געפרעגט. דער פאָטער האָט געענטפערט: „דו ברענגסט אונז צו טרערן און צו ווייטיק".

„איך?" האָט מערי פאַרוואונדערט געפרעגט און געקוקט אויף ביידן.

„יאָ דו" האָט דער פאָטער ערנסט געקוקט איר אין פנים.

„וואָס ווילט איר פון מיר?" האָט מערי געפרעגט.

„מיר ווילן דער פרעמדער זאָל פאַרלאָזן אונזער היים". האָט דער פאָטער שטרענג באַפוילן.

מערי איז געבליבן אַ פאַרציטערטע. זי האָט פאַרביסן אירע ליפּן און שטאָלץ אויפגעהויבן איר קאָפּ און געזאָגט: „גוט! ווי איר פאַרלאַנגט אַזוי וועט זיין". זי האָט זיך אויסגעדרייט און גענומען גיין צום טיר. די מוטער האָט אויסגעצויגן אירע הענט און גערופן מיט געבעט: „מערי". מערי האָט נישט געענטפערט און נישט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, שטאָלץ האָט זי פאַרלאָזן אירע עלטערן.

זי איז אריין צו רפי'ן און געזאָגט ערנסט: „רפי מיר פאַרלאָזן היינט באַנאַכט דאָס הויז". „וואָס האָט פּאַסירט?" האָט רפי ערשטוינט געפרעגט.

„מײַנע עלטערן װילן מיך חתונה מאַכן מיט זײער אױסדערװײלטן פאַרשטײסט? מיר מוזן גײן". „איך װעל גײן" האָט רפי געזאָגט ערנסט, „אָבער נישט דו" „נײן טײערער! האָט מערי געזאָגט דו און איך איז דאָס זעלבע, גײן, גײען מיר בײדע צוזאַמען".

רפי און מערי האָבן זיך אַרומגענומען מיט ליבע און פאַרשטאַנען, אַנדערש קען נישט זײן, דאָס הױז מוזן זײ פאַרלאָזן, נאָך הײנטיקע נאַכט.

מערי האָט אָנגעשריבן אַ בריװ, און געלאָזן ליגן אױפן טיש. זי האָט אַרױפגעװאָרפן אױף זיך דעם מאַנטל, גענומען דאָס נױטיקסטע, דערלאַנגט רפי'ן איר האַנט און געזאָגט: „קום טײערער" בײדע זענען אַרױס. די נאַכט איז געװען אַ פינצטערע, שטיל איז געװען דער אַרום. זײ זענען אַרײַן אין דער מאַשין, װעלכע האָט זײ געפירט העט װײט פון דעם רײַכן הױז, זײ זענען געזעסן רואיקע ערנסטע נישטװיסנדיק װוהין זײ פאָרן און װאָס דער מאָרגן װעט זײ ברענגען.

רפי איז געװען דער ערשטער װאָס האָט געפרעגט: „װוהין פאָרן מיר?" „אין אַ האָטעל" האָט מערי געענטפערט. „און װאָס װעלן מיר טאָן?" האָט רפי װידער געפרעגט. „אַך טײערער! מיר זענען דאָך יונגע מענטשן; אַמעריקע איז גרױס רײַך, מיר װעלן געפינען אונזער לעבן" האָט מערי אים געטרײסט און באַרואיקט.

זײ זענען צו, צו אַ האָטעל גענומען אַ צימער, מידע, פאַרמאַטערטע זענען זײ אַרײַן אין בעט. רפי איז געװען באַזאָרגט. מערי האָט אױסגעצױגן אירע װײסע הענט, אַרומגענומען רפי'ן, און געזאָגט שטיל „רפי! װי גוט איז מיר איצט, דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן פיל איך, איך בין אַ דערװאַקסענע — נישט מער קײן קינד — אונטער עלטערנס אױפזיכט. איך בין גליקלעך מיט דיר רפי". „און איך מיט דיר!" האָט רפי געזאָגט. זײ זענען אײַנגעשלאָפן אין אַ שטאַרקן שלאָף. אױף מאָרגן איז שױן געװען גרױסער טאָג. רפי איז אַרױס פון בעט דער ערשטער. ער האָט זיך אָנגעטאָן, אַ פאַרזאָרגטער האָט ער געקוקט אױף מערי'ן, װעלכע איז געשלאָפן. איך בין אַ פאַרברעכער האָט ער געטראַכט קוקנדיק אױף מעריס שײן פנים. פאַרװאָס האָב איך איר צוגענומען פון אירע עלטערן? אַ קינד אײַנגעהילט אין אַ גאָלדענעם שלײער. װי אַ

פרינצעסן האָט זי געלעבט ביז זי האָט מיך באַקענט דורך דעם אומגליק־ליכן אקצידענט. אַך! האָט זיך אים ארויסגעריסן פון מויל אַ זיפץ.

מערי אָט צועפנט אירע ליכטיקע אויגן, אַ גליקליכע האָט זי באַגריסט רפי׳ן — מיט אַ גוט מאָרגנ. אַרויסשפרינגענדיק פון בעט פול מיט לעבן האָט זי געפרעגט „שוין שפעט?״ זי האָט זיך געוואַשן, אָנגעטאָן און באַמערקט ווי רפי זיצט טרויריק. זי האָט געפרעגט: „גוט געשלאָפן? טייערער!״ „ניין״ האָט ער געענטפערט. „פאַרוואָס?״ זי האָט געקוקט אויף אים פאַרוואונדערט. „איך בין אַ שלעכטער מענטש, אַ פאַרברעכער״ האָט רפי געזאָגט. „איך האָב דיך צוגענומען פון רייכע עלטערן, פון אַ רייך לעבן און איצט שלעפּ איך דיך מיט, מיט זיך. נישט פאַר דיר — טייערע — איז אַזאַ לעבן ס׳טוט מיר וויי״. ער האָט אַראָפּ געלאָזן דעם קאָפּ און מיט באדוירונג געזאָגט: „וואָס ערווארט אונז? ווי אַ פרינץ פון דער לעגענדע בין איך, וועלכער האָט געכאַפּט ביינאַכט זיין געליבטע — אויף אַ ווייסן פערד — און אַנטלאָפן מיט איר, אַזוי האָב איך געטאָן, איך בין דאָך אָבער נישט קיין פרינץ״ האָט רפי ערנסט געזאָגט: „איך בין אַן אָרעמער בחור, מיט אַ פראַטעזע, אָן אַ היים, אָן מיטלען צום לעבן; וואָס וועלן מיר טאָן? איך האָב אַ צייט געלעבט פון דיינע עלטערנס גוט הארץ און דיין ליבע; פאַרוואָס האָב איך עס נעכטן נישט פארשטאנען און נישט געזעען, דאָס, וואָס איך פיל און פאַרשטיי היינט. מערי דו מוזט צוריק אהיים צו דיינע עלטערן. מיר טוט וויי דו זאָלסט ליידן צוליב מיר. ער האָט פאַרשטעלט זיין פנים מיט די הענט באַלד זיי צוריק גענומען און געזאָגט מיט געבעט: „הער מיך מערי, פאָר אַ היים, ערקלער דיינע עלטערן אַלץ, דעם גאַנצן אמת. מיך לאָז דאָ אַליין, איך בין אַ מאַן, איך וועל אַלץ טאָן צו שאַפן אַ היים פאַר אונז ביידן, דאַן וועל איך קומען דיך נעמען, טייערע מיינע״.

מערי איז די גאַנצע צייט געשטאַנען שטיל, נישט געשטערט רפי׳ן זיין רעדן. ווען ער האָט פאַרענדיקט האָט זי אויסגעצויגן אירע הענט צו אים און געזאָגט: „עס איז מיר כדאי געווען אַלץ! איצט זע איך, איך האָב זיך אין דיר נישט גענאַרט; דו ביסט מיין פרינץ און מיט דיר וועל איך בלייבן סיי אין גוטן סיי אין שלעכטן, ניין טייערער! איך

שרעק זיך נישט פאַרן לעבן; מיר זענען יונגע, מיר הייבן ערשט אָן".
זי איז צו צו אים, געשעפּטשעט שטיל אין זיין אויער: די היינטיקע נאַכט איז געווען אונזערע, אויך די טעג געהערן אונז. זי האָט אים אַ קוש געטאָן, צו, צום טעלפאָן און באַשטעלט אַ פרישטיק, דעם ערשטן פרישטיק פאַר זיי ביידן אַליין. מען האָט געבראַכט דעם פרישטיק און עטלעכע צייטונגען מערי האָט סערווירט דאָס קליינע טישל. ביידע האָבן געגעסן. נאָכן פרישטיק האָט רפי גענומען דעם צייטונג און געבלעטערט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ געוויסן אַנאָנס. מערי האָט צורעכט געמאַכט איר טאָאַלעט ביים שפּיגל. זי האָט זיך געפילט ווי אַ פויגל, וועלכער איז באַפרייט געוואָרן פון זיין גאָלדענער שטייג נאָך לאַנג וואַרטן, אויף דעם גליקלעכן באַפרייטן טאָג.

„מערי" האָט רפי גערופן, „קום זע דעם אַנאָנס". ביידע האָבן זיי געלעזן: „עס פאָדערט זיך אַ פּאָרל־פאַרהייראַטע סטודענטן — צו אַ פּראָפעסאָר, פון וויסנשאַפט. „מ'דאַרף זיך ווענדן" האָט מערי געזאָגט. זי האָט גלייך גענומען דעם טעלעפאָן אין האַנט און זיך פאַרבונדן מיט אָנגעגעבענעם אַדרעס. פון דאָרט האָט מען געענטפערט זיי זאָלן קומען. זענען זיי געפאָרן. רפי איז געווען זייער פאַרזאָרגט, ווייל דער פּראָפעסאָר פאָדערט דורכהויס אַ פאַרהייראַטע פּאָר, און מיר זענען נישט פאַרהייראַט, מיר האָבן קיינע דאָקומענטן". האָט רפי געזאָגט. „טייערער! מיר מוזן אַלץ טאָן צו באַקומען די נויטיקע דאָקומענטן".

מער האָט געזאָגט: „איך גלויב דאָס וועט אונז אַ סך העלפן אין אונזער איצטיקער לאַגע. יעדער מענטש מוז האָבן אַ דאָקומענט, ווען מען וויל באַקומען ארבעט, אויך וויל איך ענדערן מיין איצטיקן נאָמען, ווייל מיינע עלטערן וועלן מיך זיכער זוכן. איך וויל נישט זיי זאָלן מיך געפינען. איך וועל קומען צו זיי ווען איך וועל וועלן, נישט מ'זאָל מיך כאַפּן ווי אַ גנבֿ, און צוריק פירן אַ היים ווי אַ קליין קינד" זי האָט באַמערקט ווי רפי זיצט ערנסט באַזאָרגט. האָט זי מיט אַ שמייכל אַ גלעט געטאָן זיין קאָפּ און געזאָגט: „טייערער צו וואָס זאָרגן, איך פאַרשטיי, דיר איז שווערער ווי מיר, אָבער ביידע צוזאַמען וועט זיין לייכטער, קום זאָלן מיר חתונה האָבן און ווערן געזעצלעך מאַן און פרוי.

דאָס וועט אונז העלפן אין אלע הינזיכטן". און מערי האָט צו געגעבן „קום טייערער צו דער רעגירונג דאָרט וועלן מיר געזעצלעך הייראַטן". „ביסט געררעכט טייערע" האָט רפי לייכטער געאָטעמט. מערי האָט צוגעגעבן: „מיר וועלן ווערן העלדן ווי אין א ראמאן „אַ ערליכער געדאַנק" האָט רפי איינגעשטימט. זיי זענען גלייך אַוועק אין רעגירונג און אַלץ ערליידיקט פאָרמאַל. ס'האָט גענומען אַביסל צייט און זיי האָבן דערהאַלטן די דאקומענטן. „איצט זענען מיר ערלעכע און גוטע בירגער מיט אַ נאָמען און מיט געהעריקע דאָקומענטן" האָט מערי געזאָגט אַ גליקלעכע רפי האָט זי צוגעדריקט צו זיך, ווי נאָר אים געהערט זי.ביידע האָבן זיך צוקושט אין זייער חתונה טאָג.

קאפיטל 26

ווען דאָס דינסט־מיידל האָט ריינגעמאַכט מעריס צימער, אָט זי געפונען אַ בריוו אַדרעסירט צו מעריס עלטערן. זי אָט דעם בריוו גלייך איבערגעגעבן דעם פאָטער. ווען דער פאָטער האָט אַדורכגעלעזן דעם בריוו, איז ער אריינגעפאלן אין פאָטעל, וועלכער איז געשטאַנען נעבן אים. ער האָט נישט געגלויבט דאָס, וואָס ער האָט געלעזן. מיט אויפרעגונג האָט ער זיך געלאָזן לויפן איבערן לאַנגן קאָרידאָר ביז מעריס צימער. ער איז געבליבן שטיין אַ צוטומלטער, נישט ווויסנדיק וואָס צוטאָן. ער האָט זיך געשראָקן צו עפענען די טיר און דאָרט נישט צוגעפונען מערין. דאָך האָט ער מיט כעס אויפגעריסן די טיר און אריין. אַלץ איז געבליבן ווי עס איז געווען, נאָר מערי האָט געפעלט. ער איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע, אין אַ מאָמענט שפּעטער איז ער צו צו דער שאַפע, צועפנט די טירן, אַלץ איבערגעוואָרפן און איז ארויס פון מעריס צימער און אַריין אין רפי'ס צימער. אויך דאָ האָט ער גענומען זוכן און נישט געפונען קיין זאַך. מיט פאַרמאַכטע הענט אין פויסטן, האָט ער נערוועז גערופן: „מערי! מערי" און איז צוזאַמענגעבראָכן אין אַ היסטערישן געוויין.

דער דינער אָט דערהערט דעם פּאָטערס געוויין, איז ער אריין, אַנגענומען אים ביים האַנט, אריינגעפירט אין סאַלאָן אַוועקגעלייגט אים און באַרואיקט מיט ווערטער, די דינערשאפט האָבן פאַרשטאַנען וואָס האָט פּאַסירט, אָבער ליידער האָט קיינער נישט געקענט מעלפן די אומגליקלעכע עלטערן אין זייער צער.

די עלטערן זענען פאַרבליבן אין זייער ווייטיק זיי האָבן זיך געוואָנדן צו זייער אַדוואָקאַט, ער זאָל זיי העלפן אויסגעפינען זייער טאָכטער מערי, אָדער אָן ערפאָלג, קיינער האָט נישט געוווּסט ווי מערי איז אהינגעקומען.

קאפיטל 27

גד האָט זיך געדרייט אָן אַ וועלכן ס׳איז ציל. ער איז געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און געזוכט ארבעט, אָבער נישט לאנג האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אויף איין ארבעטס פלאַץ. קיין זאַך האָט אים נישט באַפרידיקט. ס׳האָט אים געפעלט זיין קיבוץ לעבן, די קינדער און שרה; די נאַטור, דאָס פעלד, די בוימער, די ערד אַרבעט, אַלץ האָט אים געפעלט, ער האָט געגומען די עטלעכע פונט, וועלכע ער האָט פאַרדינט דורך די צייט און ווידער גענומען זוכן אַ נייעם פלאַץ צו דער ארבעט, ער איז אַנגעקומען אין ירושלים ער האָט געדענקט ירושלים וועט אים באַרואיקן. ער האָט זיך גענומען דרייען אין שטאָט, און צום סוף האָט ער באַשלאָסן גיין אין מיליטער, די שטעט זענען אים מיאוס געוואָרן. נישט לאַנג געטראַכט, האָט ער ערליידיקט אַלע פאַרמאַליטעטן און איז אַריין אין מיליטער דערמיט האָט ער געדענקט געפונען זיין רו.

ער איז אַריין אין אַ רעסטאָראַן אָפּעסן. ערשטוינט איז ער געוואָרן דערזעענדיק עדנה׳ן זיצן ביים צווייטן טישל. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צוטאָן פון איבעראַשונג, אַנטלויפן? ניין, איך האָב קיינעם קיין שלעכטס געטאָן און מעגליך עדנה ווייסט אפילו נישט וואָס האָט פּאַסירט און

צוליב וואָס איך האָב דעם קיבוץ פאַרלאָזן. ווי ער האָט זיך געראַנגלט מיט זיין געדאַנק, איז עדנה צו, צו אים. „שלום גד!" גד האָט אַ שמייכל געטאָן געוויזן עדנה׳ן אַ שטול זיך צו זעצן. עדנה האָט זיך געזעצט. „ווי גייט עס דיר?" האָט גד געפרעגט „מיר?" האָט עדנה איבערגעפרעגט ווי אַ סטודענטין, מ׳לערנט, מ׳ארבעט, צו צוקומען צום ציל".

„נו און וואָס איז מיט דיר גד? דערצייל רעד. דו שווייגסט מיר צופיל". האָט עדנה מיט אַ שמייכל געזאָגט. גד האָט געפילט, ער מוז ענטפערן, האָט ער געזאָגט פאַרשעמט: „דו ווייסט זיכער פון קיבוץ, איך האָב אים פאַרלאָזט, אין זוך איינאָרדענען זיך". עדנה האָט געקוקט אויף גדן און נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער וויל זאָגן. האָט זי געפרעגט: „נו אין שרה האָט איינגעשטימט דו זאָלסט דעם קיבוץ פאַרלאָזן?"

„יאָ" האָט גד געענטפערט, „זי האָט מיך געהייסן גיין, בין איך געגאַנגען". „הער גד איך פאַרשטיי נישט, וואָס האָט פּאַסירט צווישן דיר מיט שרה׳ן". גד האָט זיך טרויריק פאַרטראַכט און געענטפערט: „פשוט שרה איז מיט די קינדער אין קיבוץ פאַרבליבן און איך בין אַוועק". „איז וואָס דרייסטו זיך אין ירושלים?" האָט עדנה געפרעגט. „איך זוך ווו זיך איינצואָרדנען". עדנה האָט פאַרשטאַנען זי וועט גאָרנישט וויסן פון אים, ער רעדט און דערעדט נישט. „איז ווען זעט מען דיך ווידער? גד!" „דאָס ווייס איך נישט, ווי איך וועל נאָר אָנקומען אויף אַ פּלאַץ, וועל איך דיר שרייבן. מסכים?" האָט גד געפרעגט. „מסכים" האָט עדנה געענטפערט. און זיי האָבן זיך געזעגנט, נאָך אַ פראַגע: „ווען פאָרסטו אין קיבוץ?" „דאָס ווייס איך נישט" האָט גד טרויעריק געענטפערט. עדנה האָט פאַרשטאַנען, זי דאַרף מער נישט פרעגן. האָט זי געזאָגט „שלום" און איז אַוועק.

קאַפּיטל 28

ווען עדנה האָט פאַרלאָזן נעמי׳ן, נאָך איר לעצטן וויזיט, האָט נעמי נישט געקענט זיין גלייכגילטיק. דער קאָפּ האָט איר געדרייט פון

ערינערונגען. דאָס לעבן איז געווען אַ שרעקליכעס, ס'איז ביי איר צוגענומען געוואָרן אירע עלטערן. זי איז געבליבן אַ יתומה. און, אַז זי האָט שוין געפונען אַ טרייסט אין איר דנין, איר ליבן מאַן, איז געקומען אַ מלחמה און האָט אים אַוועקגערויבט פון איר. ווען ער איז אַרויס אין שלאַכט איז ער שוין מער נישט צוריקגעקומען און זי איז געבליבן אַ יונגע אלמנה. אַ שווער טרויריק לעבן איז אַדורך, דורך איר, אוי ווי זי האָט געדאַרפט האָבן אירע עלטערן נעבן זיך, אין איר איצטיקער שווערער לאַגע אין וועלכער זי געפינט זיך.

זי האָט זיך דאָס ערשטע מאָל צעוויינט אויף איר שווערן גורל. זי האָט געפילט, זי קען נישט בלייבן ביי איר ארבעט איז זי אַרויס. פּונקט איז דוד אַנגעקומען פון פעלד. ער האָט באַמערקט ווי נעמי גייט מיט אן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, שלעפּט די פיס, ווי זי וואָלט קראַנק געווען. ער האָט זיך דערנענטערט צו איר. און גערופן: „נעמי" נעמי איז געבליבן שטיין דוד האָט אריינגעטראָגן די פּרוכט וואָס ער האָט געבראַכט פון פעלד, און צוריק ארויס צו איר. „וואָס איז דיר? ביסט קראַנק? פילסט זיך שלעכט?" האָט דוד געפרעגט דערשראָקן. „יאָ" האָט נעמי געענטפערט. „קום איך וועל דיך פירן צו דיין צימער, אָננעמענדיק איר האַנט זענען זיי געגאַנגען, אַז זי האָט זיך אַוועק געזעצט. האָט ער געפרעגט „וואָס איז דיר?" נעמי האָט נישט געקענט רעדן זי איז צוזאַמענגעבראָכן און געוויינט.

דוד האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן; אין אַ מאָמענט האָט ער געזאָגט צו איר: „באַרואיק זיך". נעמי האָט זיך אַוואָרף געטאָן אויפן בעט און געזאָגט אין טרערן: „לאָז מיך וויינען, לאָז מיך". דוד האָט זיך געזעצט נעבן איר, געגלעט זי מיט ליבע און געפרעגט: „ברענגען דעם דאָקטאָר?" „ניין! ניין, באַלד וועט עס איבערגיין". זי האָט אויס־געווישט די אויגן, געקוקט אויף דוד'ן, און געזאָגט: „דו ביסט אַ גוטער בחור דוד, אדאנק דיר". דוד האָט איר אַקוש געטאָן און געפרעגט, וואָס דריקט דיך?". נעמי האָט געענטפערט: „מיר איז שלעכט, איך בין עלנט, איך בין אָן עלטערן. אָן מיין מאַן". זי האָט שווער געזיפצט און צוגעגעבן: „אַך! ווי דאַרף איך זיי היינט האָבן נעבן זיך". דוד האָט געקוקט אויף

איר מיט רחמנות און שטיל געזאָגט: „דו ווייסט נעמי, מיר אלע אין קיבוץ זענען דיין משפחה, דו ביסט נישט עלנט, אַלע זענען מיט דיר". „אמת! טייערער" האָט נעמי געענטפערט „אָבער נישט יעדן קען מען אַנטרויען זאַכן, וועלכע פרעסן דאָס האַרץ".

„מיר קענסטו טרויען, איך בין דיר טריי און נאָנט" האָט דוד געזאָגט. ער האָט אָנגענומען אירע הענט און געקושט. נעמי האָט געקוקט אויף דודן. ער האָט פאַרגעזעצט: „דו ווייסט — נעמי — וויפל איך לייד צוליב מיין ליבע צו דיר; אונזער קיבוץ פאַרמאָגט אַ סך שיינע טעכטער, אָבער דו ביסט ביי מיר די שענסטע, דו ביסט מיר נענטער ווי אלע." נעמי'ס שוואַרצע גרויסע אויגן האָבן זיך נאָכמער צועפנט, זי ווייסט, אַז אין קיבוץ רופט מען זי די „מלכת שבא" איר טונקעלע הויט, אירע שוואַרצע אויגן און איר חן, האָבן אלעמען צוגעצויגן צו איר און נאָכמער דוד'ן. נעמי איז געווען סאָליד, אירע לאַנגע שוואַרצע צעפּ האָט זי ארומגעלייגט איבער איר רונדן קאָפּ ווי אַ קרוין; איר הויכער שטערן און זיסער שמייכל האָט געוויזן אירע פּערלדיקע ווייסע ציין, איר גלייכע יונגע פיגור האָט געכישעפט. די בחורים פלעגן בעטן ביי איר זי זאָל זיי שענקן אַ שמייכל, איר טעמפּעראַמענט האָט זיי אימפּאָנירט. ווען חברה האָבן זיך געלאָזן אין אַ טאַנץ, האָט נעמי אַלמען באַזיגט.

דוד האָט געפילט, איצט איז דער פּאַסענדער מאָמענט אויסצודריקן זיין פאַרלאַנג, האָט ער געזאָגט: „טייערע, איך וועל דיר העלפן, איך ליב דיך מיט מיין גאַנץ האַרץ און נשמה. נעמי האָט אַראָפּגעלאָזן אירע אויגן פאַרשעמט און געענטפערט: „צו שפּעט, מיר צו העלפן". „ניין" האָט דוד געזאָגט ענטשלאָסן, קיינמאָל איז נישט צושפּעט, מיר זענען יונג, און דאָס לעבן הייבט זיך ערשט אָן". „ביי דיר יאָ" האָט נעמי געזאָגט, אָבער נישט ביי מיר... „פאַרוואָס?" האָט דוד געפרעגט פאַרוואונדערט. „ווייל איך שוואַנגער"... זי איז געבליבן זיצן שטיל, ווי מיט די ווערטער האָט זיך אַלץ פאַרענדיקט. דוד האָט עס שוין פון לאַנג געוווסט, אין קיבוץ איז עס שוין קיין סוד געווען... און דערפאַר האָט ער זיך געפילט שטאַרקער אין זיין ראָל. ער האָט אויפגעהויבן נעמי'ס קאָפּ, געקוקט איר אין די אויגן און געזאָגט ערנסט: „טייערע דו דענקסט, אַז ליבע פאָדערט

רעכנונג? ניין טייערע! איך ליב דיך אזויווי דו ביסט, אַלץ וואָס איז אין דיר, איז מיר טייער, און דערפאַר וויל איך, דו זאָלסט מיר געהערן — נאָר מיר — געזעצלעך! אַלץ וואָס איז דיין, זאָל זיין מיין און וואָס ס׳איז מיין, זאָל זיין דיין, אונזערע לעבנס זאָלן זיך באַגעגענען מיט משפחה גליק״. נעמי האָט נישט געגלויבט אירע אויערן. זי האָט נאָך אַלץ געקוקט נישט פאַרשטייענדיק וואָס ס׳קומט דאָ פאָר מיט איר.

דוד האָט איר פאַרשטאַנען. זיין איידעלע נשמה האָט געפילט ווי נעמי קעמפט מיט זיך, ווי נישט זיכער איר הארץ איז אין דעם מאָמענט. ער האָט זיך אָפּגערוקט און געפרעגט: „דו דענקסט, פאַר רחמנות וויל איך מיט דיר חתונה האָבן? ניין נעמי, אויב דו צווייפלסט אין מיין ליבע, גיי איך אַוועק, זיי געזונט טייערע! מער וועל איך דיך נישט קוויילן; זאָלסט אָבער נישט פאַרגעסן און זאָלסט וויסן, איך ליב דיך מיט מיין גאַנצער נשמה״.

נעמי האָט דערזעען ווי דוד גייט אוועק, האָט זי זיך אַ הויב געטאָן, האָט אויסגעצויגן אירע הענט און מיט אַ פאַרשטיקטן קול געררופן „דוד״, עדנה׳ס ווערטער האָבן איר געקלינגען אין די אויערן: פאַרליר אים נישט דאָס איז דער לעצטער שאַנס. דערהערנדיק נעמיס רוף איז דוד געבליבן שטיין ער האָט זיך אומגעקערט, אַנגענומען — נעמי׳ס אויס־געשטרעקטע־הענט און געזאָגט: „איצט פיל איך, דו געהערסט מיר״. ער האָט איר צוגעצויגן צו זיך און ביידנס ליפּן האָבן זיך באַגעגענט מיט אַ לאַנגן אמת׳ן קוש, וועלכער האָט זיי פאַרבונדן אויף אייביק.

דוד איז געוועזן דער גליקלעכסטער אויף דער וועלט, ער האָט זיינס ערייכט, נעמי איז זיינע.

אויך זיינע עלטערן האָט דוד צוגעגרייט צום געשעענעם פאַקט, אַז מ׳דארף זיך צואיילן מיט דער חתונה...

נעמי איז ווי אין אַ חלום געשוואומען. אירע געדאַנקען זענען געלאָפן פון הבין צו גד׳ן און פון גד׳ן צו דודן, איצט האָט דאָס קינד אַ פאָטער. אַ מוטער און אַ היים; דוד האָט אָפּגעווישט די חרפה.

אין קיבוץ איז מיט איבעראַשונג אויפגענומען געוואָרן די נייעס פון דוד׳ס און נעמי׳ס חתונה. איינער האָט געפרעגט דעם צווייטן האָבן

מיר באמת געהאַט אַ טעות? אַלע האָבן גד'ן באַשולדיקט אין נעמי'ס שוואַנגערן און ווען גד האָט פאַרלאָזן דעם קיבוץ, זענען אַלע געווען זיכער אז נאָר צוליב נעמי'ן איז ער אַוועק. איצט זענען אַלע ענטוישט זאָגנדיק: מ'קען קיינמאָל נישט וויסן, דוד אַזאַ שטילער בחור ווי ער איז, אָבער די נאַטור — ווייזט אויס — איז פאַר אַלע גלייך...

די חברים האָבן געשמייכלט, איינער צום אנדערן. די הויפּטזאַך דער קיבוץ גרייט זיך צו דער שמחה. ס'איז פריילעך, ס'וועט זיין אַ חתונה.

קאפיטל 29

דער פּראָפעסאָר וועלכער האָט געגעבן דעם אַנאָנס אין צייטונג, האָט פריינטלעך אויפגענומען דאָס יונגע פּאָר. ער האָט זיך מיט רפין און מערין ליבלעך אונטערהאַלטן. אַלץ איז געווען פיין און גוט, נאָר איינזאַך וואָס ס'האָט — דאָס פּאָרל — געמאַכט זאָרגן איז געווען דאָס אָפּפאָרן פון פּראָפעסאָר אויף אַ מאָנאַט צייט. דער פּראָפעסאָר האָט זיי — אָבער — פאַרזיכערט, ווי נאָר ער קומט, גיט ער זיי גלייך צוויסן און זיי וועלן צוזאַמען אַרבעטן. זיי האָבן זיך פריינטלעך געזעגנט און אַוועק.

דערווייל זענען זיי געבליבן מיט גאָרנישט און געווען געצווונגען ווייטער זוכן אַן עקזיסטענץ. מערי האָט אפילו געפונען אַן אַרבעט אין אַ באַנק. אָבער רפי האָט זיך נישט גוט געפילט צו לעבן פון מעריס אַרבעט. ער האָט געזוכט און געווען גרייט צו טאָן אַלץ און נישט צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט מערי איז געווען מיט אַלעם צופרידן, נאָר רפי האָט געליטן, אַ טרויעריקער איז ער אַרומגעגאַנגען און געזוכט אַרבעט. אין האָטעל איז אים מיאוס געוואָרן זיצן. האָט ער זיך געלאָזן גיין איבער די גאַסן, אַ פאַרטראַכטער, פול מיט זאָרג. נישט איינמאָל האָט ער זיך דערמאָנט אין די פוסטע טעג און נעכט אין וועלכע ער האָט פאַרבראַכט זייענדיק אַ סטודענט. און יענע פוסטקייט האָט אים דערפירט צו זיין אומגליק און צו זיין גליק. אין יענער צייט האָט ער זיין פוס פאַרלוירן, און געפונען מערין. מערי איז פאַר אים געוואָרן אַלץ, אַן איר וואָלט

ער נישט געקענט עקזעסטירן. גלייכצייטיק זענען אויך זיינע עלטערן און דער קיבוץ געקומען אים אין געדאַנק. ס׳האָט זיך — ווי אַ פילם — געדרייט די פאַרגאַנגענהייט פאַר זיינע אויגן. נישט איינמאָל פלעגט זיך אים ארויסרייסן אַ װיי־געשריי פון זיין האַרצן: מיינע עלטערן. שרייבן צו זיי קען ער נישט, ניין, ניין... זיי זענען שוין גענוג אומגליקלעכע, צוװאָס נאָך פאַרשאַפן זיי װייטיק בכלל װער װייסט, װאָס עס װעט זיין מיט מיר און מערי, װי װעלן מיר זיך איינאָרדענען. רפי האָט געגומען לייענען, געגאַנגען אין ביבלאָטעקן. װען אויך דאָס איז אים מיאוס געװאָרן, האָט ער אָנגעהויבן מאָלן בילדער. אין צייכנען האָט ער געפונען זיין רו. ער האָט געמאָלן זיין קיבוץ, דעם גאָרטן פון מעריס היים, אויך זיינע עלטערן, אַזױװי ער האָט זיי געדענקט. די צייכנונגען פון מעריס עלטערן האָט ער באַהאַלטן, זי זאָל זיי נישט זעען, ער האָט פאַרשטאַנען, ס׳װעט איר דערמאָנען איר היים, ער האָט נישט געװאָלט זי זאָל ליידן. גענוג װאָס ער ליידט זינט ער איז אַװעק פון קיבוץ.

װען מערי איז אין אָװנט אַ היים געקומען, האָט זי באַמערקט די מאָלעריי. זי האָט געקוקט מיט באַװונדערונג. „װאָס איז דאָס?" האָט זי געפרעגט. „דאָס איז מיין צייט־פאַרטרייב" האָט רפי געענטפערט. „אָך װי שיין, איך האָב נישט געװוסט אַז דו ביסט אַ קינצלער" האָט מערי שטאָלץ געזאָגט. אַ קינצלער? האָט רפי געשמייכלט און װי אַ קינד האָט ער זיך פאַרענטפערט: „איך מוז זיך דאָך מיט עפּעס פאַרנעמען אין מיין פרייער צייט". „ריכטיק" האָט מערי צוגעגעבן. „און װאָס איז דאָס?" האָט זי געפרעגט אָנװייזנדיק אויף אַ בילד. „דאָס איז ירושלים" האָט ער געענטפערט.

„פון װו קענסטו ירושלים?" האָט מערי געפרעגט. רפי האָט מיט אַ טרויעריקן שמייכל געקוקט אויף מערין און געזאָגט: „טייערע! מיר האָבן חתונה געהאַט און מיר האָבן קיינמאָל נישט גערעדט װעגן זיך, דו האָסט מיר נישט געפרעגט פון װו איך קום, װער איך בין". אָבער איצט איז געקומען דער פּאַסנדער מאָמענט צוזאָגן, ירושלים איז מיין רעזידענץ שטאָט, און איך בין שטאָלץ מיט איר. איך בין אַ ייד און געבוירן אין ישראל".

מערי האָט געקוקט אויף רפין מיט ליבע און געזאָגט: „קיינמאָל איז נישט צו שפּעט! טייערער! צו הערן און צו וויסן".

„יאָ מערי, אויב דו ווילסט וויסן, וועל איך דיר אַלץ דערציילן", ער האָט גענומען די בילדער אויסגעלייגט אויפן טיש, האָט ער אָנגעוויזן מיט זיין האַנט: „דאָ זענען מיינע עלטערן, דאָס איז מיין קיבוץ, מיין היים. מערי האָט געקוקט אויף רפי׳ן און אויף די בילדער, זי האָט זיך פאַרטראַכט און געזאָגט: „דאָס הייסט אַז דו ביסט געבוירן..." און זי האָט איבערגעריסן, קוקנדיק אויף רפי׳ן, נישט וועלנדיק ווייטער פרעגן. „יאָ טייערע! האָט ער איר ארויסגעהאָלפן: „איך בין געבוירן אין ישראל און בין אַ ייד. געקומען לערנען אין אַמעריקע און דער גורל האָט געוואָלט, מיר זאָלן זיך באַגעגענען". ער האָט נישט פאַרענדיקט און זיך געזעצט, גענומען דעם קאָפּ אין די הענט וועלכע ער האָט אָנגעשפּאַרט אויף די קני און זיך שטיל צעוויינט.

מערי נישטוויסנדיק וואָס צו טאָן. איז ווי צוטומלט געוואָרן, רפי׳ס ערציילונג האָט געווירקט אויף איר, ווי אַ נישט דערוואַרטעטע איבער־ראַשונג. זי איז צו, צו אים, אַרומגענומען זיין קאָפּ און געזאָגט: „ווייסט איך האָב קיינמאָל נישט געטראַכט ווער דו ביסט: ייד, נישט ייד".

„פאַרוואָס האָסטו מיר נישט געפרעגט די גאַנצע צייט, — וואָס מיר זענען צוזאַמען ווער ביסטו? פון וואַנעט קומסטו? איך וואָלט דיר אַלץ געזאָגט, איך שעם זיך נישט מיט מיין היים, נישט מיט מיינע עלטערן און נישט מיט מיין נאָמען ייד".

מערי האָט אים אַ קוש געטאָן, און געזאָגט: „איך ליב אַלע מענטשן ווי זיי זענען, יידן, נישט יידן, אַלע, אַלע גלויביקע און פריידענקער, די הויפּטזאַך אַ מענטש, דאָס האָב איך אין דיר געפונען, דאָס איז מיר געפעלן און איצט ווען איך ווייס שוין אַלץ האָב איך דיך טאָפּל ליב; איך בין שטאָלץ מיט דיר" האָט מערי געזאָגט מיט ליבע, רפי האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: „טייערע! ווען דיינע עלטערן ווייסן ווער איך בין, וואָלטן זיי נישט געווען שטאָלץ מיט מיר; אַ ייד, אַ אינוואַליד, אַן אָרימער, אָן אַ היים, האָט צוגערויבט זייער איינציקע געליבטע טאָכטער

און אַוועק מיט איר ווי אַ פּיראַט, אַ גנבֿ!" ער האָט נאָך גערעדט און גערעדט, וועג מערי פאַרמאַכט אים נישט זיין מויל מיט איר האַנט, וואָלט ער נישט אויפגעהערט זיך באַשולדיקן. „גענוג! איך וויל מער נישט הערן אַזעלכע רייד, מיין רפי איז דער בעסטער, דער פיינסטער, דער קלוגסטער און דער רייכסטער פון אַלע מענער אויף דער וועלט. מיר איז גוט מיט דיר, בעסער ווי ס'וואָלט מיר געווען מיט דעם רייכן חתן, וועלכן מיינע עלטערן האָבן געוואָלט מיך גליקלעך מאַכן. מערי האָט דערציילט רפי'ן ווער ס'איז דער בחור פון די רייכע עלטערן.

רפי איז אויפגעשפּרונגען און איבעראַשטער, דערהערנדיק דעם באַקאַנטן נאָמען, האָט ער דערציילט מערין, אַז מיט דעם רייכן זון, האָט ער .געלערנט צוזאַמען אין אוניווערסיטעט און ער איז דער שולדיקער. וועלכער האָט אים אַריין געפירט אין דעם נאַכט לעבן מיט די סטודענטן און סטודענטקעס און מיטן רויכערן סם. אַ חברה פון צולאַזענע יוגנט, וועלכע מאַכן שמוציק דאָס לעבן. זיי זענען נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייערע מעשים; אַ סך אומשולדיקע פאַלן צום אָפּגרונד דורך זיי. ליידער בין איך געווען איינער פון די אומשולדיקע, אַ קרבן בין איך געווען און נישט געקענט געפינען אַ וועג אויף צוריק, ביז דו טייערע האָסט מיך געפונען און גערעטעט.

מערי האָט געהערט, אַן אויפגעציטערטע האָט זי אים אַרומגענומען, געקושט אים און געזאָגט: „מיינע עלטערן דאַרפן דיר דאַנקען טויזנטער מאָל, ווייל דו טייערער האָסט מיך גערעטעט פון אַ שרעקלעכן אומגליק. מיט דיר איז מיין האַרץ רואיק און איך בין גליקלעך מיט דיר". זי האָט נישט געוווסט ווי אויסצודריקן איר ליבע צו אים. זי האָט געוויינט פאַר גליק. רפי האָט איר דערציילט ווי ער איז אַנטלאָפן פון די רייכע זינדלעך, אָבער זיי, האָבן אים נישט באַפרייט ביז ער איז צוזאַמענגעבראָכן. און שפּעטער האָט זיך קיינער מער נישט אינטערעסירט אין מיר, ווייל רייך בין איך נישט געווען און דאָס געזונט האָב איך אויך נישט געהאַט. דאַרף מען מיך נישט מער. האָט ער מיט אַ זיפץ פאַרענדיקט.

„יאָ טייערער" האָט מערי געזאָגט טרויריק „אַזוי איז דאָס לעבן

פון די קינדער וועלכע האָבן צופיל. עס פירט זיי אויף שלעכטע וועגן, זייער רייכטום".ביידע האָבן איינגעשטימט מיט דעם געדאַנק.

רפי האָט זיך געפילט ריין אין זיין געוויסן דערמיט וואָס ער האָט מערין אַלץ דערציילט, דעם גאַנצן אמת. אַ שטיין איז אים אַראָפּ פון האַרצן. ער איז געוואָרן רואיק און גליקלעך, אויך מערי האָט זיך גוט געפילט. זי האָט געהערט אין רפי'ס ערציילונג, ווי אַ ווידוי; זי האָט געגלויבט אין אַלעם וואָס ער האָט געזאָגט. און די ליבע זייערע האָט זיי פאַרבונדן מיט ערלעכקייט, ריינקייט און הייליקייט פון צוויי יונגע נשמות מיט ערליכע געפילן.

מערי איז געווען באַרוישט, זי האָט געבראַכט — פאַר דאַנקבאַרקייט — רפי'ן אַ מתנה פאַרשידענע פאַרבן צום מאָלן און אים געווונטשן הצלחה.

רפי האָט געמאָלן אַלץ שענער און בעסער. ער האָט אין אַ געוויסן טאָג גענומען אַ בילד און געגאַנגען עס פאַרקויפן. ווען מערי איז געקומען אַהיים האָט ער איר געזאָגט מיט פרייד: „היינט האָב איך פאַרדינט געלט" ער האָט איר דערלאַנגט דאָס געלט און דערציילט ווי אזוי ער האָט זיין בילד פאַרקויפט.

מערי האָט ארומגעלייגט אירע הענט אַרום רפי'ס האַלדז, זי האָט „דאָס בילד פון דער הייליקער שטאָט ירושלים? איך האָב עס אזוי ליב געהאַט".

„טייערע! איך וועל מאַכן פאַר דיר אַ צווייטס און אויב די צייט וועט ערלויבן וועל איך דיך נעמען אין דער הייליקער שטאָט ירושלים. דו וועסט איר זען מיט איר גאַנצער פראַכט און שיינקייט, איר גאָלדענע זון און שמעקנדיקע ריינע לופט". אַזוי האָט רפי איר באַרואיקט.

מערי האָט ארומגעלייגט אירע הענט אַרום רפי'ס האַלז, זי האָט אים געקושט מיט דאַנק און געפרעגט: „זאָגסט מיר צו? טייערער". „יאָ מערי, איך וועל דיך ברענגען אין מיין היימלאַנד, דו וועסט באַקענען מיינע עלטערן, דו וועסט זען די הייליקע שטאָט ירושלים", האָט רפי מיט פרייד און שטאָלץ געענטפערט.

פול מיט פאַנטאַזיעס און גליק האָבן ביידע געלעבט. מערי האָט בישט אויפגעהערט פרעגן פון ישראל, אויפן קיבוץ־לעבן און בכלל וועגן

יידן. אין דער אמת׳ן איז דאָס אַלץ געווען פרעמד פאַר איר. זי איז געבוירן ביי עלטערן קאַטאָליקן; איר גאַנץ לעבן האָט זי געגלויבט אין דער קירך, ביז דעם טאָג, ווי זי איז אַוועק מיט איר געליבטן רפי, וועגן יידן האָט זי ווייניק געהערט. אַז זי האָט די לעצטע צייט יאָ געהערט וועגן מלחמות צווישן יידן און אַראַבער, האָט עס איך אויך ווייניק אינטע־רעסירט, ווייל וואָס האָט זי געהאַט צוטאָן מיט פּאָליטיק. אָבער איצט, ווען רפי האָט איר געגומען דערציילן, ערקלערן און שילדערן דאָס לעבן אין די מלחמה, ווי אַראַבישע באַנדעס פאַלן אָן אויף אומשולדיקע מענטשן און דער אייביקער קאַמף קעגן ייד אין דער ,גרויסער וועלט הערט נישט אויף האָט עס אויף איר שטאַרק געווירקט, איר האַרץ האָט געווייטיקט פון די אומרעכט וואָס ווערט געטאָן קעגן יידישן פּאָלק, פאַרוואָס העלפט מען נישט? פאַרוואָס באַשטראָפט מען נישט די שולדיקע? יידן זענען מענטשן, נישט ווייניקער ווי אַלע אנדערע, מען טאָר נישט צונעמען זייער רעכט צו לעבן. די וועלט האָט געגנוג ערד און לאַנד. מען מוז זיי העלפן — די ליידענדע. אַזוי פלעגט זי טראַכטן און רעדן מיט רפי׳ן ער האָט איר באַרואיקט, אַז ס׳וועט נאָך קומען אַ טאָג, וואָס אויך זי וועט אַנטייל־נעמען אין די רעכט פאַר מענטשן, צוברענגען זיי אַ בעסערן מאָרגן.

קאפיטל 30

די עלטערן פון מערי זענען געווען אין טיפן טרויער נאָך מעריס פאַרשווונדן. די מוטער האָט זיך קיין פּלאַץ געפונען אין דעם גרויסן הויז, וועלכעס האָט איר דערמאָנט די שיינע גליקלעכע טעג און יאָרן, ווען מערי — איר טייערע טאָכטער — איז געווען מיט איר. מיט איר שיינקייט און יוגנט האָט זי אָנגעפילט דאָס הויז. פול מיט לעבן איז יעדער ווינקל געווען און איצט ווו זי שטייט, ווו זי גייט, דערמאָנט עס איר דעם אומגליק וואָס האָט איר געטראָפן. דער פאָטער האָט פאַרלוירן זיין לוסט צו זיינע ביזנעס, צום גאָלף וואָס ער האָט טאָג־טעגליך געשפּילט מיט זיינע

פריינט. אויך דעם שאַך־שפּיל האָט ער אויפגעגעבן, ער האָט קיין בוך געלעזן, קיין איינלאַדונג. נישט אָנגענומען. מיט איינוואָרט דערווייטערט זיך פון לעבן און פון מענטשן, איין זאַך וועלכעס האָט אים אינטערעסירט איז געווען דער אַדוואָקאַט, וועלכער האָט אים באַרואיקט און פאַרזיכערט, מען וועט מערין געפינען, און ברענגען אַ היים.

טאָג טעגלעך האָט דער טעלעפאָן געקלונגען צום אַדוואָקאַט, אמאָל פון פאָטער און אמאָל פון דער מוטער. אָבער אַלץ אָן ערפאָלג. קיין לעבעדיקן סימן נישט. די עלטערן האָבן נישט גערוט און געזוכט זוכן אַנדערע וועגן. זיי האָבן זיך געוואָנדן אין דער פּאָליציי, אין ראַדיאָ, זיי האָבן זיך געוואָנדן צו דער פּרעסע און געבעטן הילף אויסצוגעפינען זייער טאָכטער מערי. לײדער אַלץ אָן ערפאָלג.

די מוטער איז געוואָרן נאָך פרומער ווי זי איז געווען. זי און איר מאַן האָבן פאַרגעוואָרפן איינער דעם צווייטן, אַז זיי האָבן נישט געהיטן ריכטיק די געזעצן פון דער קירך, נישט געגנוג רעליגיעז ערצויגן זייער קינד, דערפאַר האָט זיי ג—ט געשטראָפט און צוגענומען איר פון זייער היים.

טאָג טעגליך זענען זיי ביידע געגאַנגען אין קלויסטער — מיט פולע הערצער. אַראָפּווייענדיק זיך און בעטן ביי ג—ט ער זאָל זיי מוחל זיין זייערע זינד. און דער הייליקער „פאָטער” האָט זיי געגעבן עצות צו געבן צדקה אויף הייליקע צוועקן. דערמיט וועט ג—ט צוריק ברענגען זייער טאָכטער אהיים.

די עלטערן האָבן מיט פאַרגעניגן געגעבן. נאָך יעדער שפּענדונג האָבן זיי לייכטער געאָטעמט, ווי מיט דעם געלט האָבן זיי לייכטער געמאַכט דעם פּראָבלעם, אָבער אויך דערמיט האָט זיך די סיטואַציע נישט געענדערט. מערי איז נישט צוריק געקומען און נישט געלאָזן וויסן פון זיך. די אומגליקלעכע עלטערן האָבן נישט אויפגעגעבן זייער האָפנונג. יעדן טאָג געוואָרט אויף פּאָסט, אפשר וועט מערי דאָך עפּעס שרייבן, אָנזאָגן, זי לעבט. אָבער דאָס אויך נישט. קיין לעבעדיקן צייכן.

טרויעריקע, צעבראָכענע פון צרות, האָבן זיי זיך געדרייט איבער

די צימערן שווייגנדיקע, געשראָקן זיך צו באַגעגענען מיט זייערע בליקן. בוסט און שווער איז געוואָרן זייער לעבן נאָך מעריס פאַרשווונדן.

קאַפּיטל 31

די עלטערן פון רפי האָבן שוין מער נישט געוואַרט, די חברים זאָלן צוריק ברענגען זייער זון. זיי זענען פאַרצווייפלט געוואָרן פון רפי׳ס שווייגן. זיי האָבן געפילט, עפּעס האָט פּאַסירט מיט אים. אָבער וואָס טוט מען? ווו פרעגט מען? אמעריקע איז דאָך נישט ישראל. זיי האָבן זיך פּריוואַט געוואַנדן צו זייערע קרובים און באַקאַנטע אין אַמעריקע און געבעטן, מען זאָל העלפן געפינען זייער זון.

זיי האָבן באַקומען ענטפער. אָבער די לאַגע האָט זיך נישט געענדערט. רפי׳ס פאַרשווונדן איז געוואָרן אַ רעטעניש. אין די אמעריקאנער צייטונגען האָט זיך באַוויזן אַ ווײ־געשריי פון רפי׳ס עלטערן, זיי האָבן געבעטן: ווער ס׳ווייסט עפּעס פון אים, זאָל עס איבערגעבן דעם ישראל קאָנסול. נישט נאָר אין די צייטונגען, נאָר אויך אין ראַדיאָ האָט זיך פּריוואַט געוואַנדן צו זייערע קרובים און באַקאַנטע אין אַמעריקע שידענע אַנשטאַלטן און געבעטן העלפן געפינען זייער זון — אָבער אַלץ אָן ערפאָלג.

ווי רפי און מערי האָבן געהערט אַז מ׳זוכט זיי דורכן ראַדיאָ, האָבן זיי באַשלאָסן זיך אויסבעהאַלטן מ׳זאָל זיי נישט געפינען. מערי האָט אָפּגעשניטן אירע לאַנגע האָר, רפי האָט געלאָזן וואַקסן אַ באָרד און די האָר פון קאָפּ, נישט געשוירן. דאָס האָט זיי פאַרענדערט, קיינער וואָלט זיי נישט דערקענט און דערצו האָבן זיי דאָך געביטן זייערע נעמען. מיט דעם אַלעם זענען זיי געווען זיכער און רואיק קיינער וועט זיי שוין נישט געפינען, אויך די פּאָליציי נישט. זיי האָבן געלעבט רואיק אין זייער וועלט און אין זייער ליבע. דאָס איז פאַר זיי גענוג געווען.

קאפיטל 32

דער גליקלעכער טאָג פון נעמי׳ס און דוד׳ס חתונה איז געקומען.

נישט קוקנדיק אויף מלחמה און די טאָג־טעגליכע צרות האָט דער קיבוץ באשלאָסן זיך צו באפרייען פון די אנגעשטרענגטע געמיטער, צוליב די שיסערייען. צוליב דאָס לויפן טאָג און נאַכט אין די בונקערס, צו ראטעווען דאָס לעבן און צו וואַרטן אויף אַ שטילן מאָרגן, אָן מלחמות אָן צרות, רואיקע און זיכערע צו שטיין אין די פעלדער, באַארבעטן די ערד און נאָך דער ארבעט זיך צוריק קערן צו זייערע משפחות. אָבער ליידער נעמט די מלחמה קיין סוף.

כדי אריינצוברענגען אַביסעלע ליכט און צו פאַרגעסן אין דעם אַרום, האָט מען זיך געגרייט צו דער חתונה מיט פרייד. אַלע זענען געווען פאַרנומען מ׳האָט צוגעגרייט דעם גרויסן בונקער פאַר די געסט — מ׳קען נישט זיין זיכער אויב מ׳וועט אים נישט דאַרפן. אַלע זענען געווען פריילעך, אַ שמחה. חתן כלה זענען געבוירענע אין קיבוץ. מ׳האָט עס דער־לעבט איז אַ גרויסע שמחה. נישט קוקנדיק אויף אַלע מלחמות און אַראַבישע אָנפאַלן איז אויסגעוואַקסן אַ נייע דור. פאַר זיי וועט קומען אַ בעסער און רואיקער לעבן, אָן מלחמות, אָן צרות. דוד׳ס עלטערן — גליקלעכע — האָבן זיך געגרייט און געטאָן אַלץ, אויפצונעמען דעם גליקלעכן טאָג. און דער טאָג איז געקומען. די זון האָט געשיינט, די פעלדער האָבן געשמעקט. די פויגל האָבן אויסגעזונגען זייער „ברוך הבא" פאַר די אָנגעקומענע געסט. די קינדער האָבן זיך געדרייט פריילעכע אויסגעפוצטע, געגלעט דעם הונט — וועלכער האָט זיך געריסן פון דער קייט דערזעענדיק אָנקומען פרעמדע — די הינער האָבן זיך צונויפגערוקט אין לול. זיי האָבן זיך געשראָקן אַרויסצושטעקן זייערע קעפעלעך, נאָר דער האָן האָט זיך אקשנדיק אויסגעשריגן מיט זיין ריין קלינגענדיקן קול: „קוקוריקו" און אָנגעזאָגט, ער און זיין הינער־משפחה געהערן אויך צו דער שמחה.

די געסט האָבן זיך פאַרזאַמלט אין הויף, אויף דעם גרינעם טעפיך פון געדיכטן גראָז און מען האָט געוואַרט אויף חתן־כלה.

פון די אַרומיקע קיבוצים, פון שטאָט און שטעטלאַך, זענען אָנגע־קומען די געסט. אויך עדנה האָט פאַרלאָזן איר לערנען און געקומען צו דער גרויסער שמחה. עס איז פריילעך מ׳באַגריסט זיך, מ׳רעדט מיט פרייַנט, מיט באַקאַנטע, און מ׳פאַרגעסט אין מלחמה. איצט איז גוט. אַלע זענען פריילעכע, צופרידענע, א חתונה אין קיבוץ.

ס׳דערהערט זיך אַ קול פון אַ טרומפּייט. אַלע בלייבן רואיקע שטיין אויף זייערע פּלעצער. דער אָרקעסטער שפּילט מענדלזאָנס חתונה־מאַרש חתן כלה באַווייזן זיך אין דער באַגלייטונג פון די עלטערן און קרובים. נעמי אין איר ווייסן חופּה קלייד, איר קאָפּ מיט אַ ווייסן שלייער. און בלומען אין האַנט, זי זעט אויס ווי א תנ״ך שיינהייט. דוד אַ רואיקער, — ווי שטענדיק — זיין פּנים שטראַלט פון גליק, ווי א גיבור ער גייט צו דער חופּה מיט נעמין; טריט ביי טריט, לאַנגזאַם, אָבער זיכער גייט ער. נאָך דער אָפיציעלער צערעמאָניע הערט מען אויסרופן: „מזל־טוב״, „מזל־טוב״ מ׳קושט זיך. מ׳ווינטשט חתן־כלה, מחותנים און אַלע געסט. די מוזיק שפּילט פריילעכע מאַרשן. מען ווינטשט זיך, ביי אַ גלעזעלע משקה, „לחיים, לחיים״ און עס טומעלט זיך. פּלוצלינג, אין מיטן דער שמחה דערהערט זיך דער באַקאַנטער „אַלאַרם־רוף״ און גלייך אַ שיסעריי. אַלע לאָזן זיך לויפן אין דער ריכטונג פון בונקער עס פאַלן באָמבעס, זיי טרעפן וווּ זיי טרעפן. מ׳לאָזט נישט לעבן, מ׳נעמט אַוועק פון מענטשן דאָס שענסטע, דאָס אידעאַלסטע. די פאַרזאַמלטע ווילן נישט טראַכטן — זאָל זיין וואָס עס וויל — היינט איז אַ שמחה אַ חתונה. נאָכן באַפרייען זיך פון בונקער איז מען ווידער פרייע מענטשן.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט מען פאַרבראַכט. מידע זענען די געסט אַוועק און די חתונה איז צו ענדע.

נעמי און דוד האָבן גענומען די וואַליזע און אַוועק אויף זייער „האָניק־חודש״.

אין קיבוץ איז שטיל. ס׳איז נאָר געבליבן די טאָג־טעגליכע זאָרגן. נאָר די איינדרוקן פון נעמי און דוד׳ס חתונה איז פאַרבליבן לאַנג, לאַנג אין זכרון.

די מלחמה פירט זיך ווייטער. די חברים קעמפן, גיבורים זענען זיי,

נעכטן א חתונה, א שמחה היינט א מלחמה, אזוי איז דער גורל אין אונזער לעבן. ס׳איז קיין אונטערשיד, ווו מיר זאָלן זיין אין דער וועלט, איז דעם ייד שווער, מ׳וויל אים פארניכטן. דאריבער מוזן מיר זיך פארטיידיקן. ווי יעדער מענטש און יעדער פאָלק אויף דער וועלט.

עדנה איז געווען אַ גליקלעכע פון נעמי׳ס חתונה. זי האָט רואיק געאָטעמט, סוף סוף אויסגעפירט אַ געלונגען שטיקל ארבעט זי האָט געטראכט נעמי איז אַ געליטענע אלמנה און האָט מזל. אין דער אמת׳ן איז נעמי נישט מער ווי אַ שיין ווייבעלע, אָבער דוד איז א פיינער, אַ קלוגער און רואיקער בחור, פון פיינע עלטערן און אויך אַ געלערנטער. נעמי פילט נישט וואָס פאַר אַ פיינעם בחור זי האָט באַקומען זאָל זיין ווי ס׳איז. די הויפּטזאַך ס׳איז שוין נאָך דער חתונה. האָט עדנה אַ צופרידענע א שמייכל געטאָן אין זיך.

ביי די געלעגנהייט האָט עדנה באַגעגנט שרה׳ן און איר איבער־געגעבן אַ גרוס פון גד׳ן. זי האָט אים געטראָפן אין ירושלים, מעגלעך ער וועט זיך אומקערן צו דיר. האָט עדנה געזאָגט און שרה׳ן בארואיקט, מער ווי אַלץ האָט געווירקט אויף שרה׳ן די חתונה פון נעמי און דוד׳ן. איצט ווייסט זי נישט וואָס צו טראכטן. יאָ באַשולדיקן גד׳ן? נישט באַשולדיקן אים, אָבער ווען עדנה האָט איר איבערגעגעבן אַ גרוס פון אים האָט זי זיך דערפרייט. און געוואָלט רעדן מיט אים, וויסן ווו ער געפינט זיך, אפשר דארף ער איר, ער איז דאָך אוועק פון שטוב אָן געלט, אָן עפעס מיטצונעמען מיט זיך. זי האָט זייער געוואָלט אים זעען. און האָט עס געזאָגט עדנה׳ן.

עדנה האָט אר פארזיכערט, ווען זי וועט נאָר עפעס וויסן פון גד׳ן וועט זי איר גלייך שרייבן. דאָס האָט שרהן בארואיקט. עדנה האָט זיך געזעגנט מיט שרה׳ן און איז אַוועק אין ירושלים.

עדנה איז געלעגן אין בעט מיט אָפענע אויגן. אַלץ איז אדורך איר געדאַנק, ווי דורך אַ פילם. זי האָט אַ זיפץ געטאָן: אַך ווי וואָלט עס געווען אַ פרייד, ווען איך האָב רפי׳ן נעבן זיך. אונזער חתונה וואָלט געווען — פאַר אַלעמען — אַ גרויסע שמחה. זי האָט פארביסן די ליפּן. אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן און געפאלן אויף איר פנים,

ווי שטיינער. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן, אויסגעדרייט זיך צום וואַנט און איינגעשלאָפן. אין פרימאָרגן, ווען עדנה האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי געזעען ווי פעני דרייט זיך אַן אויפגערעגטע.

„שלום! פעני" האָט עדנה אַ רוף געטאָן, און געפרעגט: „פאַרוואָס האָסטו מיך נישט אויפגעוועקט?". פעני האָט געענטפערט, נערוועז: „איך האָב ערהאַלטן אַ טעלעגראַמע פון מיין פאָטער, איך זאָל שוין קומען אַ היים, די מוטער איז שווער קראַנק" ווען האָסטו ערהאַלטן די טעלעגראַמע?" האָט עדנה געפרעגט. „ווען דו ביסט געווען אין קיבוץ, גוט וואָס ביסט שנעל צוריקגעקומען, אַנישט וואָלט איך זיך נישט געקענט מיט דיר געזעגענען".

„וואָס ליידט דיין מוטער"? האָט עדנה געפרעגט. „אוי טייערע!" האָט פעני געזאָגט מיט אַ זיפץ. „איך קען מיינע עלטערן, זיי האָבן נישט געוואָלט איך זאָל פאָרן אין ישראל, זיי שרעקן זיך פאַר מלחמה, אָבער, אז מ'זאָגט זיי — אין אמעריקע — „דזשו", אז מ'פאַלט אָן אויף זיי, איז גוט, אפלו דער נעגער האָט דיך פיינט, ווייל דו ביסט אַ ייד, מען איז דאָך דאָרט נישט זיכער, מ'שרעקט זיך פאַר דער נאַכט מ'איז נישט זיכער מיטן טאָג. אָבער דאָ אין ישראל בין איך אַ יידישע און לעב מיט רעכט. מיר פירן נישט קיין מלחמה, ניין טייערע, מיר פאַרטיידיקן אונזערע מענטשלעכע רעכט צו לעבן און צו עקזעסטירן". און פעני האָט ווייטער גערעדט: „אָבער מיינע עלטערן געפעלט נישט וואָס איך בין אַוועק. ווער איז שולדיק, אז איך בין ביי זיי אַן איינאַיינציקע. פאַרוואָס האָבן זיי נישט געבוירן נאָך קינדער? זיי האָבן געהאַט די מעגלעכקייט, זיי האָבן עס נישט געוואָלט, בין איך שולדיק אין זייער עלנדקייט? צוליב די גרויסע ליבע צו מיר, ווען זיי מיך דערשטיקן. ס'ווייזט זיך זיי אויס, אז נאָר זיי געהער איך. און מיר אליין געהער איך נישט. איצט מאַכן זיי דעם לעצטן דרוק אויף מיר און שרייבן, אַז די מוטער איז קראַנק און אַ קינד, איבערהויפּט אַ טאָכטער מוז שטיין ביי דער מוטערס קראַנקן בעט. איך פאַרשטיי זיי זייער גוט, טייערע! זיי ווילן מיך צוריק אַ היים ברענגען". האָט פעני אין טרערן געזאָגט.

עדנה האָט געהערט און גוט פאַרשטאַנען אירע ווערטער. זי ווינט

מיט פענין אין איין צימער מאַנאַטן לאַנג, זי האָט שוין באַוויזן איר גוט צו דערקענען. פעני איז געווען אַ טייערע גוטע און אַ קלוג מיידל, גוט געלערנט און ליב געהאַט פרייהייט. זי האָט געהאַט אַ גוט ברייט הארץ פאר דעם יידישן פאָלק און יידישע מדינה. אָבער אירע עלטערן האָבן איר נישט פארשטאַנען. יעדן בריוו וועלכן זי האָט דערהאלטן איז געווען באַגאָסן מיט טרערן פון בענקנדיקע עלטערן זיי האָבן געפאָדערט פעניס צוריקקומען. איצט האָבן זיי געמאכט דעם לעצטן פרווו. פעני אלס אַ גוט קינד האָט געפאָקט — מיט וויטיק — די וואליזעס און געזאָגט: „זיי געזונט טייערע עדנה! דו ביסט געווען פאר מיר ווי אַ שוועסטער. איך פארזיכער דיר, איך קום צוריק. ווי איך וועל נאָר קומען אהיים שרייב איך דיר גלייך" זי האָט זיך צעוויינט ווי אַ קינד און זיי האָבן זיך צוקושט.

עדנה האָט געטראַכט: יעדער מענטש מיט זיין גורל, איז מען אָן עלטערן איז שווער, האָט מען עלטערן איז אויך נישט לייכט. דאָס לעבן האָט פראָבלעמען. דאָך מוז דער מענטש שלום מאכן מיטן גורל. ווייל, זוען אַ מענטש ווערט געבוירן געהערט ער אויך די וועלט, נישט נאָר די עלטערן און זיך אליין. אָבער מענטשן זענען עגואיסטן און יעדער קלערט פאַר זיך אזוי די עלטערן און אַזוי אויך די קינדער.

קאַפּיטל 33

רפי און מערי האָבן געלעבט מיט רעכנונג זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון אַ סך זאַכן צוליב זייער געלט פראַגע. די הויפט פרנסה איז געקומען פון מעריס ארבעט אין באַנק. די לעצטע צייט האָט זיך דער דירעקטאָר צופיל „אינטערעסירט" אין איר. ער האָט איר איינגעלאָדן צו מיטאָג, אויף אָוונט ברויט, אין טעאטער, קאָנצערטן און נאָך און נאָך; מערי האָט אָבער נישט געוואָלט גיין אָן רפי׳ן. זי האָט כסדר אָפּגעוואָרפן זיינע איינלאַדונגען. ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן. דער דירעקטאָר האָט מערין נישט אָפּגעלאָזן.

ווען ער איז געווען אליין מיט איר אין זיין קאבינעט, האָט ער געזוכט וואָס מער צו פארברענגען מיט איר.

מערי האָט פארשטאנען דעם דירעקטאָרס געדאַנק, אָבער איר אינטערעסירט נאָר די ארבעט. זי האָט רפי׳ן צופיל ליב, זי זאָל אים פאַראַטן. איר געוויסן איז נישט געווען רואיק; זי טראָגט זיין קינד און דארף ווערן מוטער. נאָך אין אפאָר מאָנאַט וועט זי זעען די פרוכט פון איר און רפי׳ס ליבע. דאָס איז פאר איר הייליק. זי האָט זיך נישט פיל געענדערט נאָר אַ ביסל ברייטער געוואָרן און איצט, ווען זי האָט פארשניטן אירע האָר, האָט זי אויסגעזעען ווי אַ שול־מיידל; זי האָט פארמאָגט אַ ספעציעלן חן; פאר איר האָט געלעבט איין רפי אויף דער וועלט, מיט אלץ ווי ער איז. זי האָט אים ליב געהאט און אלץ וואָס געהער אים, ליבט זי: ווען זי האָט זיך דערוווסט ער איז אַ ייד, האָט זי זיך פאראינטערעסירט אין זיין פאָלק, זיין רעליגיע, נישט גענוג איז געווען פאַר מערי׳ן, ווען רפי האָט איר דערציילט פון קיבוץ, פון ישראל. זי האָט געקויפט די בייבל און גענומען לערנען, ס׳האָט איר אלץ אינטערעסירט. זי איז ווי אין אַ צווייטער וועלט אַוועק, אן אומבאַקאַנטע וועלט אויב זי געהערט רפי׳ן, געהערט זי אויך איר, איצט ווען איר באַס האָט געוואָלט זיך אריינרייסן אין איר הייליקייט האָט מערי ווי אַ גיבורה זיך געשטעלט אין קאַמף: ניין האָט זי צו זיך געזאָגט, מיין ליבע צו רפי איז אַ הייליקע, דו דאָנזואן! וועסט מיך נישט באַשמוצן מיט דיינע פאַרשלאָגן. זעענדיק אַז דאָס איז אַ שפיל פארן טייוול האָט זי זיך ענטזאגט פון דער ארבעט.

זי האָט רפי׳ן אלץ דערציילט, און מיט טרערן האָט זי געזאָגט: „זאָרג נישט טייערער, איך וועל געפינען מיין ארבעט, אָבער נישט פאר ליבע, ליבע ביסטו פאר מיר״. רפי האָט געבעטן ביי איר, זי זאָל מער נישט זוכן קיין ארבעט, ער פארדינט מיט זיין מאָלן ס׳וועט זיין גענוג פאר זייער לעבן. אין דער זעלבער צייט איז אָנגעקומען אַ בריוו פון פראָפעסאָר. זיי ווערן גערופן צו דער ארבעט.

קאפיטל 34

גליקלעכע האָבןביידע זיך געלאָזן צום פּראָפעסאָר. דער וועג איז ווייט — אמעריקע איז גרויס, דער פּראָפעסאָר וווינט אין אַ ווייטן פאַר־וואָרפענעם ווינקל. זיי זענען אגאנצן טאָג געפאָרן, ביינאכט זענען זיי אָנגעקומען. דער פּראָפעסאָר אַ צופרידענער האָט זיי אויפגענומען מיט פריינטשאפט. נאָך אַ קורצן שמועס זענען זיי פארבליבן. מידע זענען זיי אריין אין צימער וואָס דער פּראָפעסאָר האָט זיי אָנגעוויזן, זענען אַריין אין די בעטן און גלייך איינגעשלאָפן. די לופט איז געווען אַ ריינע, אַלץ האָט געשמעקט מיט פעלד און נאַטור. זיי האָבן געחאָלעמט פון אַ בעסערן רואיקן מאָרגן.

ווען רפי און מערי האָבן געעפנט די אויגן, איז די זון שוין לאַנג געשטאַנען אין פענסטער ביידע זענען ארויס פון די בעטן און געטראַכט: היינט הויבט זיך אָן אַ ניי לעבן מיט פרייד און האָפנונג.

מערי האָט געארבעט און געלערנט פלייסיק. זי האָט געזען עס פעלט אַ פרוי צו שטוב־ארבעט. גלייך האָט זי זיך אנטערעסירט און געפונען די פאסיקע פערזאָן וועלכע האָט אַלץ באַזאָרגט און געשאַפן. מערי האָט אויך גענומען ענדערן דאָס אויסזעען פון הויז, די מעבל געשטעלט אין איר געשמאַק, דעקאָרירט די פענצטער, די ווענט מיט בילדער, אויסגעשטעלט די וואזאנען, געלייגט די טעפּיכער, געפוצט און גערייניקט דעם גאָרטן דאָס אַלטע פאַרלאָזענע הויז, האָט באַקומען אַ ניי לעבן. דער פּראָפעסאָר האָט געקוקט אויף אַלץ מיט ליבע און דאנק־באַרקייט ער האָט געפילט אין דעם יונגן פּאָר, ווי זיי וואָלטן אים געבּרענגט אַ ניי לעבן, אַ לעבן פון פרייד און גליק. ער האָט געטראַכט — קוקנדיק אויף מערין — אַז אָט באַלד וועט זיך הערן אין זיין הויז אַ קינדעריש שטימעלע, וועלכעס ער האָט שוין יאָרן לאנג נישט געהערט. זיין הארץ האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט גליק. ווי אַ נישט געריכטע הילף האָט זיך באוויזן צו אים אויף זיינע אַלטע יאָרן. אין די אָוונטן, ווען זיי זענען — צוזאמען — געזעסן אין סאלאָן, האָט דער פּראָפעסאָר דערציילט פון זיין לערנען, פון זיינע רייזעס, פון פאַרשידענע איבערלעבונגען, וועלכע

זענען אַדורך אין זיין לעבן ער איז געווען גליקלעך, אַז ער האָט פאַרוועמען צופעפענעז זיין האַרץ. רפי און מערי האָבן מיט אינטערעס געהערט און אַ סך געלערנט פון דעם פיינעם, אינטעלעקטועלן מאַן וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ סך חכמה און אינטעליגענץ. ווי אַ גוטער פאָטער האָט ער גערעדט מיט ליבע, גערופן זיי קינדער מיינע. ער האָט פאַרמאָגט אַ סך מענטשן־ליבע אין זיך און האָט עס מערין און רפין געשענקט.

אין אַן אָוונט, זיצנדיק צוזאַמען אין סאַלאָן, האָט מערי געזאָגט: איך האָב היינט לוסט צו שפּילן פּיאַנאָ, איז עס מיר ערלויבט? דער פּראָפעסאָר האָט געענטפערט: — „איך האָב שוין לאַנג נישט געהערט שפּילן אין דעם הויז. שפּיל טאָכטער שפּיל". מערי האָט צועפענט די פּיאַנאָ און געפרעגט: „פּראָפעסאָר וואָס ווילט איר הערן?" דער פּראָפעסאָר האָט זיך פאַרטראַכט און געזאָגט „די נישט פאַרענדיקטע סימפאָניע פון בעטהאָווען". „גוט" האָט מערי איינגעשטימט, ס'האָט זיך גלייך דערהערט מוזיק קלאַנגען זיי האָבן אַרום גענומען דאָס הויז. מערי מיט איר גאַנצער קראַפט האָט פאַרשפּרייט די טענער און באַוויזן איר קונסט, וועלכע זי האָט אויך ליב געהאַט. ווען זי האָט פאַרענדיקט איר שפּילן האָט זי באַמערקט ווי דער פּראָפעסאָר ווישט די אויגן, ער איז צו, צו איר, אַנגענומען אירע הענט, זיך דזשענטלמעניש איינגעבויגן און געקושט, זאָגנדיק: דאָס איז פאַר דאַנקבאַרקייט מיין טאָכטער. ער איז געווען איבעראַשט. ער האָט זיך צוריק געזעצט אין טיפן פאָטעל און געזאָגט: „איך בין גערירט, די מוזיק דערמאָנט מיך זייער פיל, זי פירט מיך צוריק צו מיין פאַרגאַנגענהייט: „אויף דער פּיאַנאָ האָט געשפּילט די וועלכע האָט דאָס הויז מיט מיר געבויט. זינט זי איז אוועק האָט זיך די פּיאַנאָ מער נישט געעפנט. פוסט איז געוואָרן די היים. איצט — קינדער — וועל איך אייך דערציילן מיין ביאָגראַפיע: אָנגעהויבן האָט עס זיך מיט דער איינלאַדונג צום עפנונג פון ירושלימער אוניווערסיטעט" ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַ זיפץ געטאָן און ווייטער גערעדט: „צו דער עפנונג פון ירושלימער אוניווערסיטעט האָב איך ערהאַלטן אַן איינלאַדונג, אַ גורלדיקע איינלאַדונג. פאַרשטייט זיך ס'האָט מיך אינטערעסירט צו זיין אויף דער ערעפנונג. איך האָב געוואָלט מיין פרוי זאָל אויך זיין ביי דעם היסטאָרישן מאָמענט און מיר זאָלן פאָרן

צוזאמען. אָבער מיין פרוי האָט נישט געהאט קיין אינטערעס צו פאַרלאָזן איר ארבעט — זי איז געווען אַ מוזיק לערערן און ווייט פון ציוניזם. האָט זי געזאָגט איך זאָל מיטנעמען אונזער טעכטערל. דאָס קינד איז געווען גליקלעך צו זעען דאָס היסטאָרישע לאנד. מיר זענען אָנגעקומען אין דער צייט און זענען מיט כבוד אויפגענומען געוואָרן אין ירושלים. מיין טעכטערל איז געווען באגייסטערט פון דעם ארום, מיט אַ קוש האָט זי מיר געדאנקט זאָגנדיק: איך וועל דיר אייביק דאַנקען — פאפא — וואָס דו האָסט מיך מיטגענומען. און פאַרשטייט זיך, אַז אויך איך בין געווען זייער צופרידן וואָס עס ווערט געשאפן — אין ירושלים — אַן אוניווערסיטעט מיר זענען ארומגעפאָרן איבערן לאנד און געזעען די מדבר־זאַמדן און א ווייניקע באפעלקערונג, וואָס איז געווען ווייט און פרעמד פאר דעם עראָפּייער. צופרידענע זענען מיר צוריק אַ היים און די צייט האָט געמאכט פארגעסן אין אַלעם. אָבער אונזער טאָכטער האָט נישט פארגעסן. נאָך זייענדיק אַ יונג קינד. האָט זי געפונען פאר דעם לאַנד אַ סך סימפּאטיע. זי האָט געפירט אַ רעגולערע קאָרעספּאָדענץ מיט די קינדער פון הייליקן לאנד. וועלכע זי האָט באַקענט בעת איר באזוך. ווען זי האָט פאַרענדיקט די הויך שולע, האָט זי געזאָגט צו מיר און צו מיין פרוי: איך פאָר שטודירן אין ירושלים׳ער אוניווערסיטעט. ווי אַ דונער האָט עס אונז געטראָפן. מיר האָבן נישט איינגעשטימט מיט איר געדאנק. זי זאָל אונז פארלאָזן. אַ מיידל אליין אין אַ וויסטעניש. אַ מדבר. ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן אונזער בייך, נאָך שווערע איבערלעבונגען און ליידן האָט זי אונז פאַרלאָזן אַ ברוגעזע אָן אַ „זייגעזונט״. זי האָט מיט זיך גאָרנישט מיטגענומען, זי האָט אונז נאָר אַ בריוו געלאָזן. דאָס איז געווען אַלץ מיט איר פארשוווּנדן, ביז דעם היינטקן טאָג״. דער פּראָפעסאָר האָט גענומען אַ גלאָז וואַסער, געטרונקען, האָט זיך אַביסל אָפּגערוט און ווייטער פאַרגעזעצט מיט ווייטיק: „זי איז פאר אונז פארשוווּנדן, מיר זענען געווען שטארק באליידיקטע פאר איר האנדלונג. מיר האָבן באשלאָסן ווארטן; מיר זענען געווען זיכער, אזוי ווי זי איז אוועק פון דער היים, אזוי וועט זי זיך צוריק אומקערן און בעטן ביי אונז, מיר זאָלן איר מוחל זיין. מיר האָבן געווארט אָבער ליידער ביז דעם היינטיקן טאָג האָט

זי נישט געגעבן צו הערן פון זיך, קיין לעבעדיקן סימן; מיר האָבן געשריבן, געבעטן, אָבער אָן ערפאָלג, זי איז פאַרשוווּנדן. דאָס אומגליק האָט אונז שטאַרק געטראָפן; און מיר האָבן באַשלאָסן פאַרלאָזן די היים, וועלכע האָט אונז דערמאַנט אונזער ווייטיק. מיר האָבן אַלץ פאַרקויפט און אַוועק אין אַמעריקע, צו פאַרגעסן פון אומגליק. אין אַמעריקע האָבן מיר געקויפט דאָס הויז, ווו מיר זיצן היינט. איך האָב זיך פאַרנומען מיט וויסנשאַפט און מיין פרוי מיט איר מוזיק. ליידער האָט דאָס לעבן נישט געוואָלט אונז שענקען קיין ליכטיקן שטראַל. מיין פרוי איז קראַנק געוואָרן, בענקענדיק נאָך אונזער קינד. נאָך טרויעריקע און שווערע ליידן האָט אויך זי מיך פאַרלאָזן און אַוועק אין דער אייביקייט". דער פּראָפעסאָר האָט גענומען דאָס גלאָז, אַ טרונק געטאָן. און ווייטער דערציילט: „איך בין אַליין פאַרבליבן אין דעם גרויסן הויז, און געזוכט אין מיין אַרבעט צו געפינען אַ טרייסט. איך האָב זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן צו מיינע שאַפונגען, פאַרשונגען, אַזוי לאַנג ביז איך האָב דערפילט, אַז מערער גייט עס נישט, האָב איך באַשלאָסן פאַרלאָזן אַמעריקע, אַנטלויפן פון אַלעם". דער פּראָפעסאָר האָט זיך אויפגעשטעלט, אַדורך געגאַנגען דעם גרויסן סאַלאָן, פאַרטיפט אין געדאַנקען האָט ער זיך צוריק געזעצט אין פאָטעל.

אין סאַלאָן איז געווען אַ טויט שטילקייט. מערי און רפי האָבן, געקוקט אויפן פּראָפעסאָר, ביז ער האָט ווידער אָנגעהויבן זיין ערציילונג: „איך האָב געליטן. עס האָט זיך מיר געבענקט נאָך דער פאַרגאַנגענהייט, בין איך צוריק געפאָרן אין דייטשלאַנד, ווו איך האָב אַמאָל געלעבט מיט מיין משפחה. איך האָב געוואָלט זיך באַרואיקן נאָך מיין פרויס טויט, האָט עס מיך אריינגעפירט אין אַ נייעם אומגליק". דער פּראָפעסאָר האָט אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט: „זייענדיק אין דייטשלאַנד אַ שטיקל צייט, האָב איך זיך פאַראינטערסירט אין מיינע פריינט פּראָפעסאָרן. זיי האָבן מיך צוגערעדט צו בלייבן אין דייטשלאַנד. איך האָב געהערט און אָנגענומען זייער איינלאַדונג..

די ערשטע צייט האָט עס מיך באַרואיקט. סוף סוף בין איך צוריק צווישן אייגענע גוטע פריינט. איך האָב זיך געשטעלט צו דער אַרבעט מיט מיין בעסטן חבר אַ דייטש, אַ פּראָפעסאָר. די צייט איז געגאַנגען און דאָס

גליק האָט אָנגעהאלטן ביז היטלער איז געקומען צו דער מאכט. איצט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן מיינע צרות; די היטלער רעגירונג האָט מיך באשולדיקט אין שפּיאָנאזש, ווייל איך בין געווען אַן אמעריקאנער בירגער און אַ ייד. מ׳האָט מיך ארעסטירט. מיינע פריינט האָבן גענומען זוכן מיטלען און באַוויזן די רעגירונג, אַז מיין מיינונג איז נאָר צו שאפן און לערנען. איך בין אַ פּראָפעסאָר, נישט קיין פּאָליטיקער אָבער די דייטשן האָבן זיך מיט דעם נישט גערעכנט, פאר זיי איז געווען גענוג אַ ייד. מיין לאגע איז געוואָרן שלעכט. מ׳האָט קיינעם נישט צוגעלאָזן צו מיר. איך בין געווען געצוווּנגען שלום מאכן מיט מיין ביטערן גורל״. דער פּראָפעסאָר האָט אַ זיפץ געטאָן, אראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ, געקוקט אויף זיינע אויסגעמאטערטע הענט, וועלכע זענען פארבליבן אַן אייביקער עדות פון היטלער־קריג.

בארואיקנדיק זיך אַ ביסל, האָט ער ווידער אָנגעהויבן: „זיי האָבן געוווּסט מיינע פעאיקייטן האָבן זיי מיך געשטעלט צו דער ארבעט, פאר מלחמה צוועקן מיט דער צייט האָב איך פארשטאנען, מיין גורל, אזוי לאנג ווי זיי דארפן מיך, וועל איך לעבן, ווי איך וועל נאָר מיין ארבעט ענדיקן, וועלן זיי מיט מיר אויך ענדיקן. איך בין די גאנצע צייט — ביי מיין ארבעט — באוואכט געווען ווי אַ פארברעכער.

ווידער האָט דער פּראָפעסאָר גענומען אַ גלאָז וואסער און געטרונקען, ער האָט אָפּגעאָטעמט לייכטער און ווייטער דערציילט: „אין יענער צייט האָב איך אַ סך געטראכט וועגן מיין טאָכטער. איך האָב שטארק באַדויערט, וואָס איך מיט מיין פרוי זענען נישט מיטגעפאָרן מיט איר נאָך ישראל, נישט לאָזן אַ קינד אליין פאָרן אין אַ פרעמד לאנד. מיינע געדאנקען האָבן מיך שטארק געפייניקט, איך האָב זיך אָנגעשטרענגט אַלץ צו פארגעסן. אָבער איך בין עלנט, אַרעסטירט, מען היט מיך טאָג און נאַכט. מיינע שומרים זענען דייטשע סאָלדאָטן, זיי מיידן אויס צו רעדן מיט מיר אַ וואָרט. ס׳איז ביטער געווען מיין לעבן, ביז אין אַ געוויסע נאַכט, ווען מיינע שומרים האָבן זיך פארהולעט. דאָס איז געווען די „וויינאכטן״. זיי האָבן פיל געטרונקען. איינער פון זיי איז אריין צומיר, אויסגעצויגן זיך אויף דער ערד און מיט אַ פלאש אין האנט האָט ער געשריגן: דו פארפלוכטער

ידע, היינט מוזט טאַנצן פֿאַר מיר. און אַזוי שרייענדיק האָט ער געטרונקען, ביז ער איז געוואָרן טויט שיכור. ער האָט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, אַראָפּגענומען די קליידער פֿון זיך אַוועק געוואָרפֿן זיי און גענומען כראָפּען גאַנץ געשמאַק. הערנדיק זיין כראָפּען איז מיר אַדורך אַ געדאַנק: באַפֿריי זיך! אַנטלויף! איצט האָסטו די בעסטע געלעגנהייט זיך צו ראַטעווען דאָס געפּיל האָט מיך נישט געלאָזן רוען. איך בין מיט פֿאַרזיכטיקע טריט צו, צו די מילטערישע קליידער און געזאָגט צו זיך: ער שלאָפֿט ווי אַ טויטער, אַנטלויף! איך האָב שנעל אָנגעטאָן זיינע מיליטערישע קליידער, גענומען זיין פּאַס און געטראַכט: איצט בין איך אַ דייטשער מיליטערמאַן, קיינער וועט מיר נישט שטערן גיין וווּ איך וויל. איך האָב באַקומען דאָס רעכט צום לעבן. מיט מיינע נייע קליידער און מיט'ן דאָקומענט בין איך אַרויס פֿון מיין געפֿענגעניס.

דער פּראָפֿעסאָר האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט, האָט אַ גלעט געטאָן זיינע זילבערנע האָר און געזאָגט: „אַ קינדער, נישט לייכט איז מיר אָנגעקומען מיין אַנטלויפֿן, איך האָב געוואַנדערט איבער שטעט און שטעטלעך. מען האָט פֿאַר מיר סאַלוטירט איך בין אַ דייטש. מיין גליק איז געווען וואָס מען האָט מיך נישט דערקענט און נישט פֿאַרהאַלטן. איך האָב נאָר געזוכט וואָס שנעלער אַרויס פֿון דעם פּייער. אין דעם שווערן וועג האָב איך זיך באַגעגנט מיט פֿאַרשידענע טיפּן נישט איינמאָל האָב איך געפֿילט ווי מיין לעבן איז איינגעשטעלט. דאָך איז מיר געלונגען אַריינצובאַקומען זיך אין פֿראַנקרייך. דאָרט האָב איך אַראָפּ־גענומען פֿון זיך די דייטשע מיליטער קליידער און געוואָרן אַ פֿראַנצויז אַ דאַנק מיינע פֿריינט, וועלכע האָבן מיך געקענט יאָרן לאַנג. זיי האָבן מיך פֿון אַ דייטש אַ פֿראַנצויז געמאַכט מיט פֿראַנצויזישע דאָקומענטן. דאָרט האָב איך זיך פֿאַרנומען מיט אַרבעט און ערוואַרט די באַפֿרייאונג.

נאָך די אַלע איבערלעבונגען איז מיין געזונט־צושטאַנד געוואָרן זייער שלעכט, איך בין קראַנק געוואָרן און אָפּגעלעגן אין קראַנקן הויז אַ לענגערע צייט, ביז איך בין אַרויס אויף דער פֿרייער וועלט. איך בין אַוועק מיט מיינע מידע פֿיס צום אַמעריקאַנער קאָנסול און געבעטן מיך

צוריק שיקן אין אמעריקע, און אַט זיץ איך ווידער אין מיין הויז. דאָ האָב איך צוריק געפונען מיין נאָמען, און מיין רו.

דער פּראָפעסאָר האָט אַ טרונק געטאָן פון גלאָז און געזאָגט: „שווער איז דאָס לעבן פון יידן אויף דער וועלט, צרות אָן אַ סוף. איך בין ווידער דאָ און האָף, אַז מיינע נאָכפאָלגער וועלן האָבן אַ רואיקער לעבן, אַ בעסערע וועלט, ווי איך האָב געהאַט".

דער אלטיטשקער האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט: „איצט קומט מיט מיר קינדער. דער פּראָפעסאָר רפי און מערי זענען אריין אין שלאָפצימער פון פּראָפעסאָר. אויף די ווענט זענען געהאָנגען פּאָרטרעטן דער פּראָפעסאָר האָט אָנגעוויזן מיט זיין האנט און געזאָגט: „אַט דאָס איז מיין פארגאנגענהייט, נישט מיט בלומען איז געווען מיין לעבנס וועג". טרערן זענען געפאַלן פון זיינע אלטע שוואכע אויגן, ביי יעדן בילד האָט זיך דער פּראָפעסאָר אָפּגעשטעלט געקוקט און געגעבן ערקלערט די באדייטונג פון בילד. איין פאָטאָ האָט געוויזן די היסטאָרישע שעה פון ירושלימער אוניווערסיטעט־ערעפענונג, דאָ האָט דער פּראָפעסאָר אָנגעוויזן מיט זיין האנט און געזאָגט: „אַט דאָ בין איך, דאָס איז מיין טאָכטער. ער האָט גענומען דאָס בילד אין האנט, זיך גוט איינגעקוקט, זיין פּנים איז בלייך געוואָרן. ער האָט עס צוריק געשטעלט; זיינע הענט האָבן געציטערט, ווי ער וואָלט אין דעם מאָמענט איבערגעלעבט זיין גאנצע לעבנס טראגעדיע.

רפי האָט זיך אויך איינגעקוקט אין בילד ער איז פאַרציטערט געוואָרן, אַט דאָס זעלבע בילד האָט ער געזען ביי זיין מוטער, זי האָט אים געוויזן, דאָס איז מיין פאָטער, און דאָס בין איך, שטאָלץ איז רפיס מוטער געווען מיט דעם בילד. פון איר היים האָט זי קיינמאָל נישט דערציילט; אָבער אין קיבוץ האָט מען — מיט כבוד — געקוקט אויף זיין מוטער און מ'האָט איר זייער געליבט. אַ ציטער איז אַדורך, דורך רפי'ס קערפּער, ער האָט נישט פארשטאנען וואָס טוט זיך דאָ. ער האָט ביי זיך אליין אַ פרעג געטאָן, זאָל דער אלטיטשקער מאָן זיין מיין מוטערס פאָטער? איך זאָל זיין דער זון פון זיין פארלוירענער טאָכטער? איך מוז וויסן דעם אמת, ס'איז דאָך נישט גלויביק. האָט ער געטראכט. אָבער ער

האָט זיך געהאַלטן, ער האָט נישט געוואָלט מ׳זאָל מערקן וואָס ער לעבט איבער אין דעם מאָמענט. ער האָט זיך רואיק צו געהערט צום פּראָפעסאָרס רייד, וועלכע ער האָט נאָך דער ציילט וועגן זיך און זיין משפחה. צום ענדע האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט: „אַ דאָס איז מיין נישט פאַרענדיקטע סימפאָניע. איצט קינדער, ווייסט איר שוין אַלץ וועגן מיר, און וועגן דעם הויז״.

רפי און מערי האָבן הארציק באַדאַנקט דעם פּראָפסאָר, פאַר זיין אינטערעסאַנטע ערציילונג. זיי האָבן זיך געזעגנט און זענען אוועק שלאָפן.

קאַפּיטל 35

קיינער פון זיי איז די נאַכט נישט געשלאָפן דער פּראָפעסאָר איז געווען פול מיט ערינערונגען. אַ סך מענטשן פון די בילדער זענען שוין לאַנג נישט געווען צווישן די לעבעדיקע, אָבער זי, זיין טאָכטער, דאָס ווייסט ער נישט, צו רעכענען זי צווישן די טויטע אָדער לעבעדיקע. אפשר לעבט זי און האָט אַ משפחה, אַ מאַן? קינדער? ווער ווייסט? אָבער וווּ זוכט מען זיי? וווּ זענען זיי? זי האָט זיכער אַ אנדערן נאָמען, נאַריש פון מיר, האָט דער פּראָפעסאָר געטראַכט, נאָך אַזויפיל יאָרן, זוכן אַ פאַרלוירענע טאָכטער. ס׳לוינט שוין נישט, איך בין דאָך שוין אריבער מיין לעבן און שטיי שוין ביים סוף. צוואָס זיך פאַרנעמען מיט פּוסטע געדאַנקען. וואָס איך קען יאָ פאַרלאַנגען, איז לאָזן מיין וויסנשאַפט־לעכע אַרבעט, — וועלכע איך האָב אַוועק געגעבן מיין גאַנץ לעבן — די נאָכפאָלגער, זיי זאָלן ווייטער גיין אין מיין וועג. און דאָס האָב איך געפונען אין דעם יונגן פּאָר, זיי וועלן זיין מיינע נאָכפאָלגער. דערמיט וועל איך קענען רואיק פאַרלאָזן די וועלט. ער האָט אַ שמייכל געטאָן, און מיט פאַרמאַכטע מידע אויגן געשעפּטשעט אַ תּפילה: „איך דאַנק דיר ליבער ג—ט פאַר דער טייערער מתנה — דאָס יונגע פּאָר — וואָס

דו האָסט מיר צוגעשיקט אין מיין עלנטקייט, אויף מיינע אלטע יאָרן. מיט די געדאנקען איז ער איינגעשלאָפן אַ צופרידענער. דער שלאָף האָט אים פארוויגט אין זיסע חלומות.

אויך רפי איז נישט געשלאָפן אין דער נאַכט. זיין מוטער האָט זיך אים געשטעלט פאר זיינע אויגן ער האָט זיך דערמאנט, ווי די מוטער האָט דערציילט. זי האָט זיך געפילט גליקלעך ווען זי איז געקומען אין ירושלים, אין די היסטאָרישע טעג, פון דעם אוניווערסיטעט־ערעפנונג. אין לעבן וועט זי דאָס נישט פארגעסן. זי האָט באהאלטן די איינלאדונגס קארטע, וועלכע אירע עלטערן האָבן באקומען. זי האָט געהיטן — די קארטע — ווי אַ הייליקייט. רפי׳ן האָט געפייניקט דער געדאנק, ער מוז די זאַך גרינטלעך אויספאָרשן און דערגיין וואָס טוט זיך דאָ?.

און מערי איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געטראַכט פון איר היים, פון אירע עלטערן און פון דעם בריוו, וועלכן זי האָט געלאָזן ווען זי איז אוועק פון דער היים מיט רפין. גענוי ווי דער פראָפעסאָר האָט דערציילט, פון זיין טאָכטער אזוי האָט זי געטאָן. ביי אירע עלטערן. זי האָט אַ ציטער געטאָן דערמאָנענדיק זיך אין דער פארגאנגענהייט, אָבער זי האָט אנדערש נישט געקענט. איר ליבע צו רפין און אירע עלטערנס ענטשלא־סענעם „ניין״ האָט איר געצוואונגען צו טאָן דאָס וואָס זי האָט געטאָן. צוריק גייט עס נישט. זי פילט אַ לעבעדיק וועזן שווימט אונטער איר הארץ און ס׳איז איר טייערער, ווי אלץ אין דער וועלט. אך וואָלט זי וועלן איצט האָבן אירע עלטערן נעבן זיך. זי האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן. איר פרייד איז דאָך אויך זייער פרייד, אָבער זיי האָבן איר פארשטויסן; און דאָס איז זייער שולד. איר הארץ האָט געקלאַפט נערוועז. זי האָט זיך גענומען דרייען פון זייט צו זייט, שווער איז איר געווען דאָס שוואנגערן. אַ שרעק האָט איר ארומגענומען, פילנדיק פון צייט צו צייט שמערצן. זי האָט זיך, באמיט איינשלאָפן, אָבער ס׳איז איר נישט געלונגען. די שמערצן זענען געוואָרן אלע מאָל שטאַרקער און שטארקער.

„רפי״ האָט זי ארוף געטאָן: „איך האָב שטארקע שמערצן״ ער האָט איר גלייך אַוועק געפירט אין קראַנקן הויז — אין געבורטס־צימער.

ער האָט נישט לאַנג געוואַרט, ווי מ'האָט אים געזאָגט מיט פרייד: דײַן מערי האָט דיר געבוירן — מיט מזל אַ זון.

קאַפּיטל 36

ווען עדנה איז צוריק אַהיים געקומען נאָך — פּעניס אָפּפאָרן, — האָט זיך געפילט אַן איינזאַמקייט אין צימער. פּעני האָט איר געפעלט.

זי האָט ליב געהאַט פּעני'ן און זיך צוגעוווינט צו איר, אָבער נישט לאַנג האָט זיך עדנה געלאַנגווייליקט. שוין אויף מאָרגן האָט מען צו איר געבראַכט אַ צווייטע מיטוווינערין — אויך אַ סטודענטין, אָבער אַ גאַנץ אַנדערע ווי פּעני. פאַר איר איז געשטאַנען אַ יונגע מיידל אַ שיינהייט, מיט גרויסע בלויע הימל־אויגן, גאָלדענע האָר, מיט אַ שמייכל אויף אירע ליפּן. אַזוי האָט אויסגעזען די סטודענטין וועלכע איז געקומען וווינען מיט עדנה'ן אין צימער.

זי האָט זיך פאָרגעשטעלט און געזאָגט: „מיין נאָמען איז תמר, ווי רופט מען דיך?"

„מיך רופט מען עדנה", האָט זיך עדנה פאַר איר פאָרגעשטעלט.

„אַ שיינער נאָמען" האָט תמר געזאָגט און צוגעגעבן: „איך האָף מיר וועלן זיך איינלעבן צוזאַמען און ווערן פריינדינס, תמר איז געבליבן שטיל, און נישט רואיק זיך באַוועגן, זי האָט צונויפגעדריקט אירע שיינע ווייסע הענט און געפרעגט: „ס'וועט דיר נישט שטערן מיינע אויגן וועלכע זעען נישט?" זי איז שטיל געשטאַנען און געוואַרט אויף אַ ענטפער.

עדנה האָט אויפגעהויבן איר קאָפּ און ווי פאַרציטערט איז זי געבליבן אָן ענטפער, קוקנדיק אויף דער אומגליקלעכער מיידל, נאָך אַ פּאָר מינוט האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי פון אַ חלום. זי איז צו, צו תמרן אָנגענומען איר האַנט און געזאָגט: „אַך טייערע, פאַרוואָס זאָל עס מיר שטערן? ס'טוט מיר ווי דאָס דיינע שיינע אויגן זעען נישט. זעץ זיך,

מאך זיך באקוועם און זאָג וואָס קען איך טאָן פאַר דיר? איך בין דאָך מיט דיר אין איין צימער, מוז מען זיך העלפן, איינע די צווייטע.

תמר האָט איר נישט געענטפערט, זי האָט נאָר געזוכט — עדנה'ן — מיט אירע הענט, האָט ארומגענומען איר האַלדז אוןביידע האָבן זיך צעקושט.

די צייט איז געגאנגען. ס'איז געקומען דער זומער. די וועלט איז פריי געוואָרן פון דעם שווערן ווינטערדיקן לעבן. די בוימער, די פעלדער די פויגל, אַלץ האָט אויפגעלעבט. אויך דער הימל האָט באקומען אַ צווייטן אויסזעען. אלץ האָט געלעבט, געבליט, געפרייט זיך מיטן לעבן. נאָר די עלטערן פון מערי האָבן דאָס נישט געפילט. זיי זענען פארבליבן מיט זייער ווייטיק. מערי איז נישטאָ. זיי האָבן שוין אלץ פרובירט. אָבער אָן ערפאָלג. מיט טרויער אין הארצן, האָבן זיי רעזיגנירט דאָס זוכן. זאָל זיין וואָס וועט זיין, האָט דער באליידיקטער פאָטער געזאָגט. נאָר די מוטער האָט דאָך מיט האָפנונג געווארט, אפשר, אפשר, וועט זיך עפּעס באוויזן, פון איר געליבטער טאָכטער מערי, די מוטער האָט געטראכט, מערי האָט דעם אדרעס, זי קען איר היים, אָבער ליידער. די עלטערן זענען שוין מיד פון זוכן. זיי פלעגן אריין אין מעריס צימער, פארמאכן זיך און קיינעם נישט געוואָלט זעען און מיט קיינעם נישט רעדן. איצט אין פרילינג האָט די מוטער זיך דערמאָנט אין איר אומגליק. אַך! האָט זי געקרעכצט, פארביסן די ליפן, אויסגעווישט אירע אויגן און פארשוויגן איר ווייטיק.

דער פאָטער פלעגט אוועק שפּילן „גאלף", מיט פריינט און אזוי דערשטיקט זיין ווייטיק. אין אַ זעלכע טעג פלעגן פאָטער און מוטער טראכן אפשר האָבן מיר זיך נישט ריכטיק באנומען צו אונזער קינד, אויב זי האָט אזוי געוואָלט. פאַרוואָס האָבן מיר נישט איינגעשטימט מיט איר? די מוטער האָט געגומען פאַרשטיין, היינט איז אַנדערש דאָס לעבן, עלטערן מוזן זיך צופאסן צו זייערע קינדער. נישט ווי ס'איז געווען מיט דורות צוריק, היינט האָבן די קינדער צוזאָגן, נישט די עלטערן. דער פאָטער פלעגט רואיק צוגעבן: „מעגליך אז דו האָסט רעכט, אָבער וווּ איז זי?". ווו זוכט מען איר? ווו געפינט מען איר? די מוטער האָט

אויפגעהויבן אירע הענט און געזאָגט פרום: ג—ט ווייסט ווו מיין קינד געפינט זיך. דער פאָטער האָט געפילט, אַז ער איז מער שולדיק ווי די מוטער, ווייל ער האָט געזאָגט „ניין און ניין", ער האָט איר פאַרטריבן פון שטוב, צוזאמען מיט דעם אומבאַקאַנטן בחור. ער איז צוגעגאַנגען צו דער אומגליקלעכער מוטער, אָנגענומען איר קאָפּ און געקושט און פון ביידנס אויגן. האָבן געראָנען טרערן פון צער. אלט און שוואך זענען זיי געוואָרן, וואַרטנדיק אויף מערין.

אזוי האָבן זיך געצויגן, טעג און נעכט, וואָכן און מאָנאַטן. זייער בענקשאפט צו זייער געליבטער טאָכטער האָט זיי נישט אָפּגעלאָזן נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט.

קאפיטל 37

שרה האָט געבענקט נאָך גד'ן. זי האָט געפילט, זי האָט נישט ריכטיק געהאַנדלט קעגן אים און האָט חרטה געהאַט. גד האָט נישט געגעבן צוּוויסן פון זיך. נאָר גאָר פלוצלינג איז אָנגעקומען — אין קיבוץ — אַ קורץ בריוועלע פון אים ער בעט מ'זאָל אים ברענגען זיינע קינדער אין שפּיטאָל דאָס בריוועלע האָט מען איבערגעגעבן שרה'ן. זי האָט גלייך גענומען די קינדער און געפאָרן צו גד'ן אין שפּיטאָל.

זי איז צו, צו זיין בעט, און געטראָפן אים ליגן אין אַ שווערן צושטאנד. זי האָט די קינדער צוריק געשיקט אין קיבוץ. און אליין איז זי געבליבן ביים קראַנקנס בעט. גד איז געלעגן, כמעט אָן באַוווסטזיין די דאָקטוירעם האָבן זיך געשראָקן פאַר זיין לעבן. ווען שרה האָט געפרעגט פון ווו מען האָט אים געבראַכט, האָט זי זיך דערוווּסט ער איז ראַנירט געוואָרן אין שלאַכט־פעלד. שרה'ן האָט מער נישט אינטערעסירט קיין זאַך, זי האָט נאָר געוואָלט, גד זאָל עפענען די אויגן און רעדן מיט איר. ליידער האָט גד איר נישט געזעען. ער האָט נישט געפילט ווי שווער זיין לאגע איז. שרה

האָט זיך דערוווּסט, אַז גד האָט זיך פרייוויליק געמאָלדן צו מיליטער דינסט און דערמיט געפונען אַ טרייסט אין זיין עלנטן לעבן.

שווערע וואָכן זענען אַריבער איבער שרה׳ן, ביז גד האָט געעפנט זיינע אויגן און איר דערזעען.

„ווו זענען די קינדער?״ האָט ער געפרעגט. „אויב דו ווילסט זיי זען? וועל איך זיי ברענגען״ האָט שרה געזאָגט. „יאָ״ האָט גד געענטפערט שוואַך. זיינע אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זיינע אויגן, זיי האָבן זיך געקייקלט אויף זיין אויסגעמאַטערטן פנים. שרה האָט געווישט זיינע טרערן און געוויינט מיט אים צוזאַמען צוואָס עס האָט דערפירט איר קריגן זיך מיט גד׳ן. איר האַרץ האָט געוויטיקט קוקנדיק אויף דעם קראַנקן גד.

קאַפּיטל 38

דער פאָטער פון רפי׳ן האָט זיך שוין צוגעוווינט צו די צרות פון זון. ער האָט געטראַכט: אויב ער לעבט, וועט ער נאָך אַמאָל געבן צווישן פון זיך נאָר די מוטער איז געווען אין גאַנצן פאַרצווייפלט, זי האָט נישט געוווּסט ווו זיך אַהינטאָן. זי פלעגט אַרויסנעמען דאָס בילד, ווו זי שטייט מיט איר פאָטער פאָטאָגראַפירט ביים אוניווערסיטעט אין ירושלים. און אַ צווייט בילד, ווי זי איז מיט אירע עלטערן צוזאַמען, ווען זי איז נאָך אַ קליין קינד געוועזן.

זי האָט געקוקט אויף די בילדער מיט ווייטיק, מיט באַדויערונג; איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וויפל צער עס וועלן האָבן מיינע עלטערן מיט מיין אַנטלויפן. און מיט מיין נישט שרייבן צו זיי. אַזויפיל יאָרן שווייגן, נישט פרעגן: מאַמאַ, פאַפּאַ, ווו זענט איר? וואָס מאַכט איר? זענט איר געזונט? ווו געפינט איר זיך? גאָרנישט, גאָרנישט. איך בין געווען ביי זיי אַן איינאיינציקע. פאַרוואָס האָב איך זיי פאַרשאַפט אַזויפיל צרות? פאַרוואָס האָב איך זיי נישט געשריבן, ווען איך האָב חתונה

געהאַט? מעגליך זיי וואָלטן מיר מוחל געווען. פאַרוואָס האָב איך נישט געשריבן און אָנגעזאָגט זיי איך האָב געבוירן אַ זון. אפשר וואָלטן זיי געקומען זעען דאָס קינד. און דאָס וואָלט געברענגט צו אַ שלום און אַלץ וואָלט געוואָרן גוט צווישן אונז. ניין איך בין געווען פאַרעקשנט, ווי אַ בת־יחידה, און געוואַרט זיי זאָלן מיך זוכן, און מיך איבערבעטן. דערווייל זענען יאָרן אוועק. און איך בין געשטראָפט געוואָרן; די מלחמות האָבן צוגענומען — ביי מיר — צוויי זין. די צייט האָט מיך אַלט געמאַכט און איך האָב אויך פאַרלוירן מיין לעצטן זון רפי. ווו איז ער? אירע אויגן האָבן געוויינט מיט ביטערע טרערן. איך האָב געלעבט אין ישראל געלערנט געאַרבעט. שווער איז געווען די צייט אין קיבוץ. דאָס פּרימיטיווע שווערע לעבן אין יענער תקופה, האָט מיר נישט ערלויבט אפילו דענקען וועגן עפּעס. איך האָב נישט געהאַט קיין אינטערעס אפילו מיינע עלטערן זאָלן מיך זעען אין מיין לאַגע, אין וועלכער איך מיט מיין משפּחה האָבן געלעבט אין יענער צייט. איך האָב נישט געוואָלט מיינע עלטערן זאָלן מיך באַדויערן, זייער בת־יחידה, וועלכע איז געוואָרן ערצויגן אין מילך און אין האָניק, אין רייכן הויז, ביי אַ פאָטער אַ פּראָפעסאָר און אַ מוטער אַ באַרימטע מוזיקערן; פאַר אַ פּרינץ האָבן זיי געחלומט מיך חתונה מאַכן. און דאָ האָב איך זיך פאַרליבט אין אַ בחור אַ חלוץ, מער ווי זיין בילדונג — דאָקטאָר אַגראָנאָם — האָט ער נישט געהאַט מיר צוגעבן. און דאָס איז געווען גענוג פאַר מיר. מיט אונזער ליבע האָבן מיר געבויט אונזער היים און נאָר דערפאַר האָב איך נישט געשריבן. ווי אַ ווידוי איז געווען אירע ווערטער צו זיך אַליין. אויב ס'לעבט נאָך ווער פון מיינע עלטערן מוזן זיי מיר מוחל זיין. זי האָט געטראַכט, ווער ווייסט, ווו זיי געפינען זיך. זי איז געווען פול מיט באַדויערונג און ווייטיק; האָט אַ שווערן זיפץ געטאָן און געזאָגט: ווען איך ווייס זיי לעבן, וואָלט איך נאָך הייַנט געפאָרן צו זיי, געפאַלן זיי צו די פיס און געבעטן זייט מיר מוחל. זי האָט צוגעלייגט די בילדער צום האַרצן, האָט זיי געדריקט און געזאָגט: יעדען קומט זיין שטראָף. איינעם פריער דעם צווייטן שפּעטער, אָבער פאַרמייט קיינעם נישט. ווען זי האָט דערהערט טריט, האָט זי גלייך די בילדער באַהאַלטן. זי האָט נישט

געוואלט מ׳זאל זעען, וואס אין איר הארץ קומט פאר. אזוי האט זי געלעבט צווישן קברים און בילדער, פון דער טרויעריקער פארגאנגענהייט. זי האט געשוועבט צווישן לעבן און טויט. נאר איר מעדיצין־ארבעט, — צו העלפן קראנקע — האט איר א ביסל באפרידיקט. זי איז געווען די איינציקע דאקטארן אין קיבוץ און אין די ארומיקע קיבוצים און דערפער. איר נאמען איז געווען בארימט אין דער גאנצער סביבה.

קאפיטל 39

זינט תמר איז אריין וווינען צו עדנה׳ן, האט זיך אנגעהויבן פארביידן א זייער אינטערעסאנט לעבן. תמר איז געווען איינע פון די געלונגענסטע סטודענטנס, נישט קוקנדיק אויף איר גורל, וואס אירע אויגן זענען געווען פינצטערע, זי האט באלויכטן יעדן פלאץ, ווו זי איז געקומען, מיט איר שיינקייט און פיינע באנעמונג. ביידע סטודענטינס האבן זיך ליב באקומען, ווי שוועסטער. עדנה האט פארשטאנען אז תמר דארף איר הילף און זי האט עס איר געגעבן. זי האט איר מיטגענומען איבעראל וווהין זי איז געגאנגען. יעדער פון עדנהס באקאנטע האבן געוווסט, אז איינלאדן דארף מעןביידן, עדנה׳ן און תמרן.

תמר האט דערציילט עדנה׳ן איר ביאגראפיע: זי איז נישט לאנג אין לאנד, געקומען איז זי פון רוסלאנד; א יתומה, איר פאטער איז געווען איינער פון די יידישע שרייבער, וועלכן מ׳האט פארמשפט. אירע אויגן האט זי פארלוירן, נאך זייענדיק א קליין קינד, צוליב די שלעכטע ערנערונג. אין ישראל איז זי געקומען מיט איר מוטער, וועלכע ארבעט, און שיקט איר טאכטער לערנען.

עדנה האט געהאט פיל סענטימענטן פאר תמר׳ן. תמר איז געווען א ליב מיידל ז האט פארמאגט פיל טאלאנט; אלץ האט זי פארשטאנען — נישט זעענדיק, — נאר פילנדיק. בארירן מיט אירע שיינע הענט, איז געווען גענוג פאר איר אלץ צו וויסן. אויך זינגען האט זי געזינגען מיט

הארץ און געפיל, ווו ס׳איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענטרעף, האָט מען איר איינגעלאַדן און געבעטן זינגען. זי האָט ער גערן געטאָן ווי אַן ארטיסטן מיט הומאר אין מימיק.

חברים האָבן געבראַכט תמר׳ן אַ מתנה צו איר געבורטס־טאָג אַ גיטאַרע, די גיטאַרע האָט איר ארייגעפירט אין דראמאטישע מוזיקאלישע קרייזן, תמר איז געוואָרן פאָפולער, באַקאַנט באַליבט און מיט פרייד אויפגענומען. עדנה האָט איר באגלייט אין די מיליטערישע פונקטן, אין די שפּיטעלער, ווו ס׳האָבן זיך געפינען פארוווּנדעטע און זי האָט פאר זיי געזונגען. זי פלעגט קומען מיט דער הילף פון עדנה׳ן. עדנה איז געוואָרן תמר׳ס אויגן. אין קראנקן הויז האָט מען איר אויפגענומען מיט אוואציעס און אפלאדיסמענטן, די פארוווּנדעטע בחורים האָבן באַקומען אַ ניי לעבן. איר יונגע שטימע האָט זיי געבראַכט מוט און לעבן, זי איז ארומגעגאַנגען צווישן די בעטן און יעדן פון די ראַנירטע אַ ריר געטאָן מיט איר האַנט, אַ גלעט געטאָן דאָס בעט און דערמיט פאַרטריבן זייערע ליידן; אירע אויגן האָבן עס נישט געזעען, אָבער זי האָט עס געפילט.

דאָס פערסאָנאַל; די דאָקטוירעם, האָבן שוין געקענט די צוויי יידישע טעכטער, וועלכע קומען פון צייט צו צייט ערמוטיקן די מלחמה געליטענע.

ס׳איז מלחמה. מענטשן ראַנגלען זיך צווישן לעבן און טויט. טייער באַצאָלט מען פאר דעם לעבן. פון דער מלחמה בלייבן: אינוואַלידן, יתומים אלמנות. עלטערן פארלירן קינדער און בלייבן מיט זייער צער. נאָך אַ שטיק לאנד, נאָך אַ טעריטאָריע און דאָס ווערט באַצאָלט מיט מענטשלעך בלוט. ווען תמר און עדנה האָבן פארלאָזט די קראַנקע זענען זיי געווען געריוט פון די מענטשלעכע ליידן. זיי האָבן געפרעגט איינער דעם צווייטן, ווען וועט קומען דער אמת׳ער שלום צו די מענטשן? אָבער אַן ענטפער האָט קיינער נישט געקענט געבן.

עדנה דערהאלט פון צייט צו צייט פאָסט, פון קיבוץ. זי ענטפערט רעגולער זי באַקומט אויך בריוו פון פעניו, וועלכע שרייבט מיט באַדווירונג. אירע עלטערן לאָזן זי נישט צוריק פאָרן אין ישראל. זיי

זאָגן זי זאָל איבערוואַרטן די מלחמה. פון רפי׳ן הערט מען גאָרנישט זיינע עלטערן הערן אויך גאָרנישט. די איינציקע ידיעה, וועלכע מ׳האָט איר געשריבן, איז, וועגן גד׳ן. ער איז פאַרוווּנדעט, און שרה שטייט אין שפּיטאָל ביי זיין בעט. דאָס וואָס גד איז פאַרוווּנדעט האָט עדנהן פאַרשאַפט ווייטיק, אָבער שרה שטייט ביי זיין בעט. פון דעם איז זי צופרידן. האָפנטלעך — האָט זי געטראַכט — וועט גד געזונט ווערן און וועט זיך צוריק קערן, אַ היים, צו זיין משפּחה. נאָך אביסל ווערט בעמי מוטער; זי האָט שוין איר היים, איר מאַן און איר משפּחה. אַלץ וואָלט גוט געווען, ווען מ׳הערט אַ וואָרט, אַ לעבעדיקן פון רפין. ער איז ווי אין ים פאַרשוווּנדן זי קען אים נישט פאַרגעסן. נישט איינמאָל האָט זי געטראַכט: ווען זי וואָלט באַגעגנט אַ צווייטן, וועלכער זאָל איר אינטערעסירן, וואָלט זי — אפשר — רפי׳ן פאַרגעסן. אָבער ביז היינט האָט זי אזא בחור — נישט געטראָפן. זי האָט געקלערט: איך בין שוין אַ קאַנדידאַטן אויף בלייבן אַן אַלטע מויד. רפי איז אוועק און מיטגענומען מיט זיך מיין האַרץ און מיין ליבע. אלץ אַרום מיר איז פּוסט. אַ גליק וואָס איך האָב תמר׳ן; זי ציט מיך אין לעבן אריין, מיט איר ווער איך מיטגעריסן, ווילנדיק, אָדער נישט ווילנדיק.

קפיטל 40

— איינמאָל — אין שפּיטאָל, איז תמר צו: צו אַ ראַנירטן מיליטער מאַן און געפרעגט: ווילסט עפּעס? ניין, האָט ער געענטפערט, איך האָב גוטע באַהאַנדלונג. אַלע זענען צומיר פריינטלעך. איך האָב זיך געשראָקן, ווען מען האָט מיך גענומען אין שפּיטאָל צו די ישראלים, מ׳רעדט נאָר שלעכטס — אין די אַראַבישע לענדער — אויף די ישראלים אין דער אמת׳ן זע איך, אַז ס׳איז אנדערש. די ישראלים זענען קולטורעלע מענטשן. איך האָב זיי נישט געקענט, און געהאַסט אָבער היינט, זע איך, אַז ס׳איז אַ פאַרברעכן צו פירן מלחמה. מיר קענען

אַ סך לערנען פון ישראל אַן מלחמות. ער האָט דערציילט תמר׳ן, ער איז אַ רייכר זון פון קאַהיר און האָט געלערנט אין אוניבערסיטעט, נאָר די נאַציאָנאַלע פליכט האָט אים ארייגעפירט אין די רייען פון דינסט פארן פאָטערלאַנד. ער איז אין שלאכט פארוואונדעט געוואָרן און אָנגעקומען אין שפיטאָל. ער האָט זיך געפילט עלנט, נאָר זינט תמר קומט פילט ער, ווי זי וואָלט אים צוריק געבראכט צום לעבן.

תמר האָט אים אויסגעהערט, און שטיל געענטפערט: „איך בין צופרידן דיר צו העלפן; אַלע זענען מיר מענטשן, ווער ס׳ליידט פילט ווי ריכטיק ס׳איז צו העלפן דעם צווייטן. אין ליידן זענען אלע גלייך. אָן אונטערשייד פון גלויבן און ראסע, זי האָט א שמייכל געטאָן און געזאָגט: די וועלט איז קליין און מענטשן באגעגענען זיך. איך בין געבוירן אין רוסלאַנד, דו אין מצרים, און באגעגנט האָבן מיר זיך אין ישראל. איז דאָס נישט אינטערעסאנט, אָבער אזוי איז דאָס לעבן. מענטש מיט מענטש באגעגענען זיך, מיין נאָמען איז תמר, אויב דו וועסט עפעס וועלן, רוף מיך. ווי רופט מען דיך?״ האָט תמר געפרעגט. „מיך רופט מען סלח״ האָט ער געענטפערט און אנגענומען תמר׳ס האנט, געדריקט זי מיט דאנקבארקייט און ליבע און פון דאַן, האָט סלח, זיך פארליבט אין תמרן און געווארט אויף איר ליבע.

תמר האָט פארשטאנען, אַז סלח פילט צו איר מער ווי דאנקבארקייט. זי האָט אָבער געשוויגן. זי האָט אים נישט געזעען און נישט געוווסט מיט וועמען זי רעדט. דאָס אַלץ וואָס ער האָט איר דערציילט, איז גוט און פיין, אָבער צו איז דאָס אמת? דאָס האָט זי נישט געוווסט און ס׳האָט איר אויך נישט אינטערעסירט. וואָס האָט זי מיט אַן אראבער צו טאָן. וואָס וואָלט איר מוטער געזאָגט? ווען זי זאָל וויסן אַז אַן אראבער דרייט איר אַ קאָפּ מיט ליבעס ערקלערונגען; זי איז געווען גלייכגילטיק צו דער גאנצער געשיכטע. אין א געוויסן טאָג ווען תמר איז געקומען אין שפיטאָל, איז סלח שוין געזעסן אין גאָרטן. ווען ער האָט דערזעען תמר׳ן, האָט ער געשטראַלט פון גליק. „קום תמר״ האָט ער זי גערופן.

תמר איז צו אים צוגעגאנגען און אים באַגריסט: „זעסט״ האָט

זי געזאָגט: „ווערסט געזונט, נאָך אביסל וועסטו ווערן אין גאַנצן געזונט, די מלחמה וועט זיך ענדיקן און דו וועסט פאָרן צו דיינע עלטערן, אין דיין לאַנד, און ווידער צוריק אריין אין נאָרמאַלן לעבן און פארגעסן אין אַלעם". ער האָט איר נישט געלאָזט ענדיקן... „און דיך מיטנעמען" האָט סלח געזאָגט מיט ליבע.

„דאָס נישט", מיך מיטנעמען קאָנסטו נישט. טראַכט נישט וועגן דעם" האָט תמר געענטפערט.

„פאַרוואָס?" האָט ער טרויעריק געפרעגט.

„ווייל איך בין אַ יידישע, און דו אַ מוסלמענער, און צווייטנס איך זע נישט אויף מיינע אויגן", איך בין בלינד.

ער האָט געקוקט אויף תמר׳ן און נישט געגלויבט, די שיינע הימל בלויע אויגן, וועלכע לייכטן ווי שטערן, זאָלן זיין אָן לעבן, און זעען נישט די וועלט?

„וואָס רעדסטו?" האָט סלח זיך אַ הויב געטאָן, איבעראשט און געזאָגט מיט צער: „תמר איך האָב דיך ליב ווי דו ביסט, איך וועל זיך מיט דיר טיילן, איך האָב צוויי אויגן, וועל איך דיר שענקען איינעם פון מיינע. איך בין אַ מאַן, דו ביסט אַ פרוי, די נאַטור האָט אונזביידן געשאַפן, אָן רעליגיעס, ליבע מוז אייביק זיגן" האָט סלח פארענדיקט. תמר איז געשטאַנען אַ גערירטע, אויסהערנדיק סלח׳ס רייד, זיינע ווערטער זענען געווען אמת׳ע. זי האָט צום ערשטן מאָל געהערט און געפילט ווי זיינע ווערטער רעדן צו איר האַרץ. ס׳האָט איר שטאַרק וויי געטאָן, פאַרוואָס איז ער דוקא אַ פרעמדער, נישט אַ ייד, ווי זי, זי זאָל קענען אָננעמען זיין ליבע מיט פרייד, תמר איז געוואָרן טרויעריק און געטראַכט: וואָס קען זי ענטפערן? זי האָט קיין ענטפער פאַר אים זי קען אים נאָר באַרואיקן און הייסן וואַרטן, דערווייל איז ער נאָך אַ קראַנקער, ווער ווייסט וויפל צייט ס׳קען נאָך נעמען, ביז ער וועט ארויס פון קראַנקן הויז און ווי לאַנג עס וועט נאָך זיין מלחמה. זי האָט אים ליבליך אַ גלעט געטאָן און מיט אַ שמייכל געזאָגט: „דו היט בעסער דיין געזונט; ווען דו וועסט געזונט ווערן, וועלן מיר זיך אלע פרייען און אפשר וועט קומען אויך דער שלום אויף דער וועלט.

ער האָט געקושט אירע הענט און איר געדאַנקט. זי האָט אים געווונטשן „זיי געזונט" עדנה איז צו, צו תּמרן און איז אוועק מיט איר.

פאַרנדיק מיט עדנה׳ן פון שפּיטאָל. האָט תּמר זיך נישט געקענט באַרואיקן עדנה האָט געזעען אין תּמר׳ס אויפרעגונג, אַז עפּעס האָט פּאַסירט. האָט זי איר געפרעגט: „זאָג תּמר, וואָס ביסטו אַזוי אויפגערעגט?"

תּמר האָט געפילט, זי וועט נישט קענען אויסבאַהאַלטן איר סוד פאַר עדנה׳ן, האָט זי געזאָגט: „טייערע! איך האָב דיר אַ סך צו דערציילן, נאָר זאָלן מיר עס לאָזן, ווען מיר וועלן זיין אין שטוב. ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין צימער, האָט תּמר איבערגעגעבן עדנה׳ן וואָרט ביי וואָרט, וואָס סלח האָט מיט איר גערעדט און, אַז ער וויל זי זאָל ווערן זיין פרוי האָט זי צוגעגעבן.

עדנה האָט זיך צעלאַכט, מיטן גאַנצן האַרצן און געזאָגט: „מיר ערקלערט זיך קיינער נישט אין ליבע, אָבער דאָס איז נאָר געזאָגט אין שפּאַס. דו זיי נישט אַזוי ערנסט, תּמר, נישט אַלץ איז אמת וואָס ער זאָגט". האָט עדנה איר באַרואיקט. ער מיינט עס ערנסט. ער וויל קורירן מיינע אויגן, און נעמען מיך צו זיינע עלטערן אין מצרים", האָט תּמר געזאָגט.

„נו איז וואָס זאָגסטו דערצו? און וואָס זאָגט דיין מוטער? האָסטו איר שוין דערציילט?" האָט עדנה געפרעגט.

„ניין, איך שעם זיך צו דערציילן, אַזאַ מאָדנע ליבע", האָט תּמר געענטפערט: „מיך האָט מען אין רוסלאַנד גערופן טאַניא, טאַמאַרא מיין מוטער האָט שטענדיק געזאָגט: קינד מיינס, מיר וועלן פאָרן, אַהיים אין אונזער לאַנד ישׂראל, דאָרט וועל איך דיך רופן תּמר, אַ יידיש היסטאָרישן נאָמען. דו טאָכטער וועסט חתונה האָבן מיט אַ פיינעם יידישן בחור. אין ישׂראל וועסטו בויען דיין היים. גענוג, — פלעגט זי זאָגן — מיט דעם גלות. מיר ווייסן שוין און זעען שוין דעם גורל פון ייד דאָ אין רוסלאַנד. מיט איר סאָציאַליזם, דיין פאָטער איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט ווייל ער איז געווען אַ יידישער שרייבער, — טייערע עדנה! ווי קען איך דערציילן מיין מוטער אַ ליבע מיט אַן אַראַבער, ער איז דאָך געקומען אונז פאַרניכטן, אונז האַרגענען, ניין עדנה, איך קען דאָס נישט דערציילן. איך שרעק זיך פאַר מיין מוטערס געזונט". תּמר

האָט געוויינט מיט אמת׳ע ריינע טרערן, וועלכע זענען געפאַלן פון אירע בלינדע אויגן.

עדנה האָט איר געגלעט און געזאָגט: „דו מוזט דאָך נישט — היינט מאָרגן — איר דערציילן; ווער ווייסט ווען סלח וועט געזונט ווערן. איצט איז ער אַ געפאַנגענער אין ישראל. ווען ער וועט געזונט ווערן וועט מען אים איבערפירן אין אַ מחנה פון געפאַנגענע. און דאָרט וועט ער דיך מער ניש זען, נו איז כדאי צו וויינען, לאָז עס דיר ארויס פון קאָפּ. תמר האָט אויסגעווישט די אויגן, געזעסן אַביסל פאַרטראַכט און געזאָגט: „האָסט רעכט עדנה, אפשר זאָל איך מער נישט קומען ווו ער געפינט זיך. ס׳טוט מיר ווי. די ראַנירטע בחורים וואַרטן אויף מיין אויפטריט. יעדעס מאָל ווען איך קום צו זיי, פיל איך ווי איך וואָלט זיי אריינגעבראַכט אַ ניי לעבן. זיי בעטן מיך: תמר קום, קום! פאַרגעס נישט אין אונז, איך ווייס וואָס ס׳הייסט ליידן. אויך איך געהער צו זיי, איך האָב אַ פינצטערע וועלט. פאַרוואָס זאָל איך זיי נישט ארויס־רייסן פון זייערע ליידן מיט מיין זינגען אַזוי ווי איך טו עס מיט מיר אליין, דערמיט ווער איך אויך מיט געריסן און פאַרגעס אין מיין שווערן גורל, אין מיין אומגעקומענעם פאָטער, אין מיין אָרעמער מוטער, וועלכע וויל מיר אלץ געבן, אפילו אירע אויגן איז זי גרייט מיר צו שענקען. זאָג טייערע עדנה, רעדט העלף מיר״. האָט תמר געבעטן. עדנה האָט איר ארומגענומען, צוגעדריקט צו זיך, געקושט און באַרואיקט.

קאַפיטל 41

ס׳זענען אָנגעקומען בריוו פון פעני צו עדנה. פעני איז געווען גליקלעך דערהאלטנדיק בריוו פון ישראל... זי האָט נאָך געהאָפט צוריק צו קומען אין ישראל און בויען דאָ איר לעבן זי האָט זיך געקלייאַמערט אין עדנה׳ס שרייבן. אין יעדן בריוו האָט זי געבעטן נישט פאַרגעסן אין איר. פעני האָט געוווסט, אַז עדנה ווערט פריי פון לערנען אין די זומער

וואקאנס האָט זי אָנגעשריבן אַ לענגערן בריוו און געבעטן עדנה׳ן זי זאָל קומען צו איר, אין אמעריקע. דו וועסט באַקענען מיינע עלטערן און מיר וועלן ווידער זיין צוזאמען, עס וועט זיין פאַר מיר אַ גליק, צו האָבן דיך פאַר אַ גאסט, אין מיין היים. צו דעם בריוו האָט זי צוגעלייגט אַ פלי קארטע. פעני האָט געוווסט, אַז עדנה איז נישט רייך און האָט נישט די מעגליכקייט צו מאַכן אַזא רייזע, וועלכע איז פאַרבונדן מיט גרויסע אויסגאַבן האָט זי אַלץ אַליין ערליידיקט.

פעניס עלטערן זענען אויך געווען צופרידן, זייער טאָכטער וועט זיי אביסל צורו לאָזן מיט איר צוריק פאָרן, אין ישראל; דערפאַר האָבן זיי איינגעשטימט געבן געלט, פאַר עדנהס קומען.

ווען עדנה האָט דערהאַלטן דעם בריוו, איז זי געוואָרן באַזאָרגט. פאָרן וויל זיך איר, אָבער וואָס וועט זיין מיט תמר׳ן?

עדנה האָט געפרעגט תמרן: „וואָס וועסטו טאָן? אויב איך וועל פאָרן צו פעניןָ.

תמר האָט געענטפערט, זי וועט פאָרן צו איר מוטער. און זיין מיט איר צוזאמען אביסל צייט. דאָס וועט זיין די שענסטע טעג אין זייער לעבן.

עדנה האָט לייכטער אָפגעאָטעמט און געזאָגט: „דו פאַרשטייסט און ליבסט דיין מוטער. ווען איך וואָלט געהאַט עלטערן, וואָלט איך אויך אזוי געטאָן, אָבער ליידער״... האָט עדנה געזיפצט. „קום מיט מיר, וועלן מיר זיין צוזאמען, מיין מוטער וועט זיך זייער פרייען און איך זיכער״. האָט תמר געזאָגט ערנסט.

„אַ דאַנק דיר! תמר״. האָט עדנה געזאָגט און געלעזן פאר איר פעניס בריוו, מיט איר איינלאדונג.

„ס׳קומט דיר טייערע! דו ביסט געווען גוט צו פענין, ווי אַ שוועסטער, דו ביסט פאַר אלע גוט. נאָר אין זיך אליין פארגעסטו; אלע ליבן און געדענקען דיך. דיך קען מען נישט פארגעסן. אויך איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, וואָס דו טוסט פאַר מיר, טייערע עדנה!״ תמר האָט עדנה׳ן ארומגענומען, געקושט איר און געזאָגט: „טייערע,

פאַר געזונד, פאַרברענג גוט, פארגעס נישט מיין אדרעס, איך וועל ווארטן מיט אומגעדולט, אויף דיין צוריק קומען״.

עדנה האָט איר בארואיקט און געזאָגט: „דו דענקסט, איך וועל אין דיר פאַרגעסן? ביין תמר, דו ביסט אַ טייערע נשמה, איך וועל אלעמען אין גאַנץ אַמעריקע דערציילן פון דיר. דו ווערסט — ביי מיר — ווערן באריִמט אַן צייטונגען״.ביידע האָבן זיך צעלאכט, ארומגענומען זיך און צופרידענע געגאנגען צו זייער לערנען.

די צייט איז געלאָפן און געבראַכט דעם גליקלעכן טאָג פון וואקאנס.

עדנה האָט געפּאַקט איר וואליזע תמר׳ס מוטער איז געקומען נעמען איר טאָכטער צו זיך אַהיים. ביידע סטודענטינס האָבן זיך הארציק צוקושט און זיך פונאנדער געגאַנגען.

עדנה איז אוועק צום פלי־פלאַץ און אין דעם זעלבן אָוונט, אָנגעקומען אין אמעריקע.

קאַפּיטל 42

פעני און אירע עלטערן האָבן עדנהן פריינטליך אויפגענומען. זיי האָבן געווארט אויפן פלי פלאץ, און האָבן זי גלייך אַוועק געפירט צו זיך אַ היים. פעני האָט עדנהן אַנגעוויזן איר צימער. נאָך אַ קורצן אונטערהאלטן זיך, איז עדנה אריין אין בעט, אַ פאַרמאַטערטע פון דער רייזע, איז זי גלייך איינגעשלאָפן.

פעני און עדנה זענען געווען גליקלעכע וואָס זיי זענען ווידער צוזאַמען. ביידע האָבן געקוקט אויף זיך צופרידענע, זיי האָבן נישט אָפּגעטרעטן פון זיך אויף איין מינוט פעניס עלטערן זענען געווען צופרי־דענע. זייער טאָכטער פילט זיך גוט.

עדנה איז געווען ענטציקט, זעענדיק די רייכע שיינע היים פון פעני די גרויסע באקוועמע צימערן, דער שיינער סאַלאָן און מער

פון אַלעם דעם פּרעכטיקן גאָרטן. זי האָט דעם גאָרטן באַוואונדערט, ווי אַ ספּעציאַליסטין, וועלכע קען זיך אויס אויף ערד אַרבעט. זי האָט געזאָגט צו פענין: „דיין היים איז רייך און שיין, דער גאָרטן דערמאָנט מיך מיין קיבוץ. נאָך עטלעכע טעג האָבן פענינס עלטערן עדנה׳ן ליב באַקומען, ווי זייער אייגענע טאָכטער. זיי האָבן געזאָגט צו עדנה׳ן: „מיר וועלן דיך אַדעפּטירן פאַר אונזער טאָכטער; פענין האָט אונז דערציילט פון דיר. אָבער וואָס זי האָט דערציילט זעען מיר אין דיר פיל מער, דו ביסט אַ האַרציקע! עדנה, מיר האָבן דיך ליב ווי אונזער קינד, בלייב מיט אונז, ס׳וועט דיר גוט זיין און פענין וועט האָבן אַ שוועסטער״.

עדנה האָט אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט: „איך בין ווי אַ שוועסטער מיט פענין. מיר האָבן זיך אמת ליב. מיר האָבן געלעבט אין איין צימער; מיר ווייסן אַלץ וועגן זיך, אָבער בלייבן אין אַמעריקע דאָס נישט. אויב איר ווילט — אייערע צוויי טעכטער גליקלעך מאַכן, ביטע קומט צו אונז אין ישראל, שאַפט אין ישראל אַ היים פאַר אייך און פאַר אונז, וועלן מיר זיין פאַר אייך גוטע און טרייע טעכטער״.

פענין האָט געקוקט אויף עדנה׳ן מיט דאַנקבאַרקייט וואָס זי האָט אַזוי גערעדט צו אירע עלטערן, אָבער די עלטערן האָבן געענטפערט: צוואָס פאָרן בויען ווען מיר האָבן דאָ אַ שיינע היים, אויך דאָ איז פאַראַן אוניווערסיטעטן״.

„אמת״, האָט עדנה געזאָגט: דאָ איז אַמעריקאַנער אוניבער־סיטעטן, אונזער אוניווערסיטעט איז אין ירושלים, דער צענטער פון הייליקייט, ווי קענט איר פאַרגלייכן ירושלים צו אַמעריקע?. אַזוי האָט זיך טאָג־טעגליך געפירט דיסקוסיעס, צווישן די עלטערן, פענין און עדנה׳ן.

פענין איז מיאוס געוואָרן די רעדערייען, האָט זי געזאָגט: „גענוג גערעדט פוסטע רייד, מיינע עלטערנס געדאַנקען וועסטו נישט ענדערן, קום בעסער זעען אַמעריקע. די צייט לויפט, איך וויל דו זאָלסט אַלץ זעען, און איך וועל דיר ווייזן וואָס אַמעריקע פאַרמאָגט, ווי גרויס און רייך זי איז״.

פעני האָט גענומען איר מאשין אריינגעזעצט עדנהן און ביידע זענען געפאָרן, געגעכטיקט אין האָטעלן, געגעסן אין רעסטאָראַנען, פאַרוויילונגס פלעצער, באַכט־לאָקאַלן, בארן, איבעראַל וווּ ס׳איז נאָר מעגליך געווען האָט פעני געפירט עדנה׳ן צו איר פאַרגעניגן. גאַנצע טעג האָבן זיי פאַרברענגט אין מוזעאומס, ביבלאָטעקן, יעדן טאָג אין אַ צווייטן פלאַץ. ווען זיי האָבן שוין אַלץ געזען, האָט פעני געזאָגט: „הער עדנה נישט ווייט, געפינט זיך אַ וויסנשאַפט אינסטיטוט, וועלכער געהערט צו אַן אלטיטשקן פּראָפעסאָר, אַ אויסערגעוויינלעכע פּערזאָן ער נעמט אויף באַזוכער איין טאָג אין דער וואָך. יעדער האָט רעכט צו קומען. אויב דו ווילסט קען איך מיט דיר פאָרן״.

„דו פרעגסט נאָך אויב איך וויל? זיכער וויל איך, קום גלייך, עס אינטערעסירט מיך זייער שטארק״. האָט עדנה געזאָגט. עדנה און פעני האָבן זיך גלייך געלאָזן אין וועג צום פּראָפעסאָר. אָנגעקומען זענען זיי פּונקט אין דער צייט, ווען מ׳האָט געעפנט דאָס גרויסע אייזערנע טויער. זיי און נאָך פיל אינטערעסאַנטן האָבן זיך געלאָזן זעען די לאַנג יאָריקע ארבעט פון אַ מענטש, וועלכער האָט זיין לעבן געשאָנקן די וויסנשאַפט.

אין הויז פון פּראָפעסאָר, איז יעדער צימער געווען אַ מוזעאום: די שטילקייט האָט אַלעמען ארום גענומען, און געגעבן צו פאַרשטיין אַז אין דעם פלאַץ דאַרף הערשן רואיקייט און כבוד פאַר יעדן מענטש. עס איז אריינגעקומען אַ יונגער מאַן ווי אַ היפּי און געמאָלדן: באַלד קומט דער פּראָפעסאָר.

דער פּראָפעסאָר איז אַריינגעקומען, האָט באַגריסט די געסט, האָט געדאַנקט פאַר זייער קומען, געגאַנגען איז ער אין דער באַגלייטונג פון יונגן מאַן, וועלכער האָט ערקלערט — די פאַרזאַמלטע — אין וואָס דעם פּראָפעסאָרס ארבעט באַשטייט. אַזוי איז ער געגאַנגען פון צימער צו צימער. זיינע ערקלערונגען האָט יעדן אינטערעסירט. שפּעטער האָבן די געסט זיך געזעצט און דער פּראָפעסאָר האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט און אָנווייזנדיק אויף זיין בעגלייטער און פרוי — וועלכע זענען געשטאַנען נעבן אים — האָט ער געזאָגט: „די זענען מיינע נאָכפאָלגער, זיי וועלן איבער נעמן מיין ארבעט. און וועלן ווייטער אנגיין מיט אַלעם,

מעגליך מיט נאָך מער ערפאָלג. איר וועט ווערן פריינטליך אויפגענומען דורך זיי ווען איר וועט קומען״.

די אנוועזנדע האָבן געדאַנקט דעם פּראָפעסאָר, צוגעגאַנגען צו די פרוי און מאַן — געדריקט זייערע הענט און געווונטשן.

ווען עדנה איז צו, צום מאַן און אים דערלאַנגט איר האַנט האָט ער זי גלייך דערקענט, זיין האַנט האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט געזאָגט: שטיל „איך דאַנק דיר עדנה, וואָס דו ביסט געקומען״.

עדנה איז געבליבן ערשטוינט, פון ווו ווייסט ער איר נאָמען. זי האָט נישט געוואָלט אַוועק ביז זי וועט זיך נישט דערוויסן, ווער ער איז? זי האָט נישט דערקענט איר חבר רפי.

זי האָט זיך דערווייל געזעצט אין גאַרטן און געבעטן פעניז זיך זעצן נעבן איר זי האָט געזאָגט צו פענין: „ווער איז דער בחור? איך מוז עס וויסן עס איז מיר אינטערעסאַנט „דו קענסט נישט דעם בחור?״ האָט פעני געפרעגט.

„ניין האָט עדנה געענטפערט; „אָבער פון ווו ווייסט ער מיין נאָמען? דאָס אינטערעסירט מיך זייער שטאַרק״. פּלוצלינג האָט פעני זיך דערמאָנט אין רפי׳ן, וועלכן מ׳זוכט שוין אַ צייט איבער אמעריקע, און קיינער ווייסט נישט ווו ער איז.

אפשר איז ער רפי? האָט זיך פעני געגעבן אַכאַפּ. און האָט זיך צעלאַכט.

„לאַך נישט טייערע״ האָט עדנה איר איבערגעריסן: „איך ליב אים נאָך היינט״ האָט זי טרויריק געזאָגט.

„נאַריש פון דיר, עדנה! ליבעס ליידן פון אַ פאַרלוירענעם בחור״.

די חברתעס האָבן נאָך לאַנג גערעדט און נישט געוווסט וואָס צו טאָן, ווי אזוי דערוויסן זיך, ווער דער אומבעקאַנטער איז.

„וואָס זיצן מיר דאָ?״ האָט פעני געפרעגט, זי האָט זיך אויפגעשטעלט צום גיין. עדנה׳ן גענומען ביים האַנט „קום״ האָט זי געזאָגט. „גענוג געטראַכט, מיר וועלן שוין וויסן״.

„ס׳לאָזט מיך נישט גיין, ווער איז דער מאַן, ער קען מיך, אפשר

וויסט ער ווו רפי געפינט זיך, איך מוז מיט אים רעדן. מעגליך ער איז פון ישראל״ און ווייסט ווו רפי געפינט זיך.

„הער עדנה וועסט נישט צוריק אריין און פרעגן, קום, מיר פאָרן אהיים, מיר וועלן שרייבן צום פּראָפעסאָר און בעטן מען זאָל אונז ענטפערן פון ווו זיין נאָכפאָלגער קען דיין נאָמען און ווי רופט מען אים?

זיי זענען אריין אין מאשין און געלאָזן זיך פאָרן אהיים.

קאפיטל 43

א סך טעג און נעכט, זענען אריבער איבער שרה׳ן ביז זי האָט דערזעען גד׳ן זיצן אין בעט און רעדן ווי אַ מענטש, דאָס ערשטע האָט ער געפרעגט פאַרוואָס פאָרסטו נישט אהיים. „ס׳איז דאָך שווער פאר דיר צו זיין טאָג און נאָכט ביי מיין בעט״.

שרה האָט אים בארואיקט, און געבעטן; „דו זאָרג נישט פאר מיר, איך בין געזונט, ווען דו וועסט געזונט ווערן, וועט אַלץ גוט זיין״. האָט זי מיט ליבע געענטפערט.

פון צייט צו צייט האָט זי געבראַכט די קינדער צו גד׳ן. זיין שמחה איז געווען גרויס. ער האָט די קינדער געדריקט צום הארצן, טרערן האָבן זיך באוויזן אין זיינע אויגן. נישט איינמאָל האָט ער געטראכט, דער מענטש דערקט קיינמאָל נישט וועגן צרות, דערפאר זענען אַלע לייכטזיניקע. ער האָט זיך געשראָקן פרעגן וואָס הערט זיך אין קיבוץ, שרה האָט אים אַלץ דערציילט. זי האָט דערציילט וועגן רפי׳ן, ווי ער איז פארשוונדן. די עלטערן זיינע און דער קיבוץ זוכן אים. אויך פון נעמי און דוד׳ן, פון זייער חתונה, ווי גוט מ׳האָט פארבראַכט, און וויפל געסט ס׳זענען געווען. און נאָך אַ סך נייעס האָט זי גדן דערציילט.

גד האָט געהערט מיט אינטערעס. די אלע נייעס איז אים געווען אינטערעסאַנט. נאָר מער פון אלעם, די חתונה פון נעמי מיט דוד׳ן. דאָס הייסט האָט ער געטראכט, אַז נישט נאָר איך איינער בין געווען

מיט איר און דאָס וואָס זי האָט מיך באַשולדיקט אין איר שוואַנגערן איז א ליגן. יוער איז דער פאָטער פון קינד, טעג און נעכט האָט גד געטראַכט וועגן דעם פּראָבלעם, אין הארצן איז ער געווען צופרידן וואָס נעמי האָט חתונה געהאט ווען נישט וואָלט זי אים נישט באַפרייט, ווער ווייסט צוואָס עס וואָלט דערפירט. ער האָט געקוקט אויף שרה׳ן און געטראַכט זי האָט געהאט רעכט מיט וואָס וועל איך איר דאנקען. זי האָט מיך פארטריבן פון שטוב. איך בין באמת שולדיק. איך האָב זיך נישט גערעכנט מיט איר, מיט די קינדער, לייכטזיניק בין איך געווען — ווי אַ ייִנגל — דערפאַר האָב איך באַקומען מיין פּסק. איצט ליג איך קראַנק, צובראכן. און זי די געליטענע פרוי, שטייט ביי מיין בעט און באדינט מיך. זי וואַרט אויף מיין געזונט. האָט גד ערנסט געטראַכט. שרה איז אין זיינע אויגן געוואָרן אַ הייליקע, אַ געטין פון ליבע און ליידן. ער האָט אָנגענומען אירע הענט, געקושט, געדריקט צום הארצן. שרה האָט געקוקט אויף אים און פארשטאַנען וואָס קומט פאָר אין זיין הארץ. זיין שווייגן האָט איר זייער אַ סך געזאָגט. זי האָט פארביסן די ליפּן, אירע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן, און געזאָגט: גענוג גד, אלץ וועט ווידער גוט ווערן, דו וועסט געזונט ווערן, די קינדער, וועלן ווידער האָבן אַ היים מיט פאָטער און מוטער״. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, נישט געקענט רעדן, טרערן האָבן איר געשטיקט. אויך גד האָט געוויינט און געבעטן: „זיי מיר מוחל״. שרה האָט אויסגעווישט די אויגן און געזאָגט: „זיי נישט קיין קינד, גד, מיר האָבן שוין דאָס שלעכטע אונטער זיך, איצט הויבט זיך אָן אַ ניי לעבן. אַ לעבן מיט פרייד, מיר האָבן ביידע געלערנט, פון די צייט און געוואָרן דערוואַקסענע מיט וויסן. ווי דאָס לעבן צו האלטן און זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאר אונזער משפחה״.

גד האָט געהערט שרה׳ס ווערטער. ווי אַ תפילה האָבן זיי געקלונגען, און געזאָגט ערנסט:

„שרה, איך וויל פון דיר...״ און שטיל געבליבן. — „וואָס?״ האָט שרה געפרעגט.

„מיר זאָלן ווערן געזעצלעך מאַן און פרוי כדת משה וישראל. וועל

איך וויסן און פילן, אַז דו ביסט מיר מוחל אויף אייביק״.

שרה האָט מיט אשמייכל, געזאָגט: „אויב דאָס איז דיין פארלאנג, בין איך גרייט אזוי צו טאָן. זיי האָבן זיך צעקושט. גד איז געווען גליקלעך, זיין הארץ איז רואיק געוואָרן נאָר נעמי׳ס און דוד׳ס חתונה, איז פאר אים פארבליבן אַ רעטעניש און אזוי אויך ווער איז דער פאָטער פון נעמי׳ס קינד?

קאפיטל 44

מערי האָט זיך וואונדערבאר געפילט אין איר נייער ראלע, אלס מוטער. דאָס קינד האָט אויסגעזעען, ווי רפי. זי האָט מיט שטאָלץ געקוקט אויף איר זון, טראכטנדיק „דו ביסט מיין גליק, מיין טרייסט, פאר אַלץ וואָס איך האָב איבערגעלעבט זינט איך האָב מיינע עלטערן פאַרלאָזן; אויך רפי איז געווען שטאָלץ מיט זיין זון. עס האָט אים נאָר ווייי געטאָן, דערמאָנענדיק זיינע עלטערן. ווען ער קען זיי שרייבן? טיילן זיך מיט זיין פרייד, אָבער ניין ער קען נישט, אפשר וועט די צייט אליין צופירן דערצו, דערווייל מוז מען ווארטן, אויף דעם גליקלעכן טאָג.

אויך מערי האָט אזוי געטראַכט וועגן אירע עלטערן און געלאָזן עס פאר דער צייט. ווי די צייט וועט מאַכן, אזוי וועט זי נעמען.

דער גליקליכסטער איז געווען דער אלטיטשקער פראָפעסאָר. אַ קינד איז געבוירן אין זיין הויז. ער האָט געוויינט פון גליק הערנדיק דאָס ערשטע געוויין, פון אַ קינד. ער האָט מערין און רפין געקושט און געזאָגט: אַזאַ מתנה, אזא מתנה אויף מיינע אלטע יאָרן, דאָס איז דאָך אַ געשאנק פון גאָט אליין. דאָס לעבן איז געוואָרן פריילעך אין אלטן הויז, יעדער טאָג איז געווען יום־טוב. מען איז געשטאנען ארום דעם קינדס בעטל, געקוקט אויף יעדן ריר זיינעם, מיט זיין שמייכל האָבן אלע געלאַכט. ווי אַן אויג אין קאָפּ איז דאָס קינד אָפּגעהיטן געוואָרן, דורך זיין ערציערן און דורך דעם גאנצן הויז געזינד. די ליבע ביים פראָפעסאָר און רפי־מערי

זענען נאָך שטאַרקער געוואָרן. דער פּראָפעסאָר האָט זיי גערופן „קינדער מיינע" און ער האָט געבעטן זיי זאָלן אים רופן „פּאָטער". די אידיליע איז געווען אַ גליק פאַר אַלע און דאָס הויז אַ גן־עדן.

אין אַן אָוונט ווען די משפחה איז געזעסן אין סאַלאָן האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט מיט אַ שמייכל: „איר זעט קינדער מ'קען קיינמאָל נישט וויסן וואָס די צייט קען ברענגען. איך, האָב געדענקט, אַז מיין לעבן וועל איך שוין פאַרענדיקן אַן עלנטער אין דעם אַלטן הויז. איצט זענט איר געקומען און מיר געבראַכט אַזוי פיל פרייד אין מיינע אַלטע יאָרן. ווען דער פּראָפעסאָר האָט פאַרענדיקט רעדן, האָט רפי געזאָגט: „דיין בילד פּאָטער פון ירושלים'ער אוניווערסיטעט האָט מיר צוגענומען מיין גאַנצע רו, ווי איך האָב עס געזען ביי דיר, לאָזט עס מיך נישט רוען".

מערי און דער פּראָפעסאָר האָבן געקוקט אויף רפי'ן פאַרוואונדערט.

„פאַרוואָס?" האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט, ערשטוינט.

„ווייל דאָס זעלבע בילד האָב איך געזען ביי אונז אין מיין היים, ביי מיינע עלטערן. ווען איך האָב געפרעגט מיין מוטער, ווער איז דער מאַן? האָט זי מיר געזאָגט: דער מאַן איז מיין פּאָטער, דיין זיידע. מערי האָט אַ שפּרונג געטאָן פון פּלאַץ און געוואָרן איבעראַשט, דער־הערנדיק די ווערטער.

דער פּראָפעסאָר האָט געקוקט מיט דערשראָקענע אויגן און געפרעגט: „וואָס האָסטו געזאָגט קינד, רעד! זאָג נאָך אַמאָל"....

„יאָ פּאָטער, דאָס בילד געפינט זיך ביי אונז אין שטוב אין ישראל. מיין מוטער האָט מיר אָנגעוויזן אויף דעם מאַן — אין בילד — און געזאָגט: זעסט מיין זון, דער מאַן איז מיין פּאָטער.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך אויפגעשטעלט, גענומען זיך דרייען איבערן סאַלאָן און נישט געקענט אויסרעדן אַ וואָרט, ווי פאַרשטיקט איז ער געוואָרן.

מערי איז צו צום פּראָפעסאָר, אָנגענומען זיין אָרעם, צוגעפירט צום פאָטעל, אָוועק געזעצט און דערלאַנגט אים טרינקען.

ווען ער האָט זיך באַרואיקט, האָט ער גערופן רפי'ן און געפרעגט: „זאָג מיר — זון מיינער — ביסט זיכער אין דעם, וואָס דו האָסט גערעדט?

טייערער דאָס איז מיין לעבן און מיין קינדס לעבן, דערציייל מיר אַלץ".

„יאָ פּאַטער איך בין הונדערט פּראָצענט זיכער און מיינע ווערטער" האָט רפי געזאָגט ענטשלאָסן.

„גיי און ברענג דאָס בילד, פון מיין שלאָפצימער" האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט מיט אַ ציטערדיקע שטימע.

רפי איז געגאַנגען און געבראַכט דאָס בלד. אַלע דריי האָבן געקוקט אויפן בילד, ווו רפי האָט געוויזן מיט זיין פינגער: „די איז מיין מוטער. ער האָט דאָס בילד געקושט און זיך צעוויינט ווי אַ קינד! א מאָדנע געפיל האָט זיי אלע ארומגענומען.

דער פּראָפעסאָר האָט געזאָגט צו רפי׳ן און געווישט זיינע אויגן: „דערציייל מיר אַלץ וואָס דו ווייסט פון מיין טאָכטער דיין מוטער זיינע הענט האָבן געציטערט פון איבעראַשונג.

אויך רפי האָט זיך צו ביסלעך בארואיקט און דערציילט פון זיינע עלטערן, פון זיין היים און פון קיבוץ. ער האָט ארויסגענומען אַ בריוו פון עדנה, וועלכן ער האָט דערהאַלטן. זי וואַרט אויף ענטפער.

„ווער איז דאָס מיידל?" האָט דער פּראָפעסאָר געפרעגט נישט פארשטייענדיק וואָס דאָ קומט פאָר.

„זי איז פון קיבוץ האָט רפי געענטפערט. „זי האָט מיך נישט דערקענט, איך זי יאָ. זי איז דאָ געווען, די וואָך הערן דעם פּראָפעסאָרס רעפעראַט. ווען דער פּראָפעסאָר האָט מיך פארגעשטעלט פאר זיין נאָכפאָלגער, האָט מען מיך באגריסט, איז זי אויך געווען צווישן די וועלכע האָבן מיך באגריסט. אין דעם מאָמענט האָב איך זיך נישט געקענט באַהערשן פון גליק, צו זען וועמען פון מיין היים און איך האָב אָנגערופן איר נאָמען. זי ווייסט נישט, אַז איך בין רפי, — פון קיבוץ. זי פרעגט מיך אין איר בריוו פון ווו ווייס איך איר נאָמען. זי האָט מיך געבעטן ענטפער".

„זאָל זי קומען. איך האָב אינטערעס צו רעדן מיט איר". האָט דער פּראָפעסאָר געזאָגט אַ צוטומלטער.

מערי איז געווען געריהרט. זי האָט געקוקט אויף רפי׳ן און נישט געוווסט וואָס צו זאָגן. די גאַנצע געשיכטע איז מיסטעריש. דאָס בילד, דער פּראָפעסאָר אין איצט דער בריוו.

גייענדיק צום שלאָפּצימער, האָט רפי געזאָגט: „טראַכט נישט שלעכטס וועגן מיר טייערע, איך בין ווי אין חלום. זינט איך האָב געזעען דאָס בילד פון מיין מוטער מיט — דעם פּראָפעסאָר. — איך האָב געוואַרט אויף אַ פּאַסנדן מאָמענט, זיך אַלץ צו דערוויסן. און שפּעטער דיר דערציילן. כ'האָט מיך געפּייניקט דער געדאַנק וואָס איז דאָ? צו זיין מיט מיין מוטערס פּאָטער אין איין הויז און נישט ער און נישט איך זאָלן וויסן ווער מיר זענען. און דערזעענדיק עדנה'ן — מיין שול פריינדין — האָב איך שוין מער נישט געקאָנט האלטן אין זיך דעם סוד און האָב אייך אלץ דערציילט. איך האָב געדענקט, אַז עדנה וועט מיר איבערגעבען אַן אמת'ן גרוס פון מיין היים, פון מיינע עלטערן. זי האָט מיך נישט דערקענט האָב איך זי גערופן זי איז אָבער אַוועק און מיך נישט דערקענט. סהאָט מיך געפּייניקט דער געדאַנק, אַזאַ געלעגענהייט אין נישט צונויפגערעדט זיך מיט איר נאָר איצט ווען איך האָב ערהאלטן איר בריוו, האָב איך זיך געוואָלט טיילן מיט אייך מיינע געפילן, אַז איך זאָל נישט פארלירן די לעצטע געלעגנהייט, צו וויסן וואָס הערט זיך ביי מיינע עלטערן און אין קיבוץ. טייערע — וואָס זאָל איך טאָן?"

מערי האָט אים פארשטאנען און געענטפערט אזוי ווי דער פּראָפעסאָר האָט געזאָגט: זאָל זי קומען צו אונז און זאָלן מיר הערן פון איר. רפי האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווי אַ שטיין איז אים אַראָפּ פון הארצן. נאָך אזוי פיל טראַכטן און ליידן, וועט ער סוף כל סוף עפּעס הערן פון זיין היים, „איך דאנק דיר טייערע" האָט רפי געזאָגט צו מערין און איר געקושט מיט דאנקבארקייט גלייך האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צו עדנהן און איר איינגעלאַדן צו קומען, ער וואַרט אויף איר אומגעדולדיק.

קאַפּיטל 45

עדנה און פּעני האָבן זיך געלאָזן אין וועג אריין, צו דער באַשטימטער צייט זענען זיי אָנגעקומען. אויפן אָרט איז רפי זיי אנטקעגן

געלאָפן און ווען עדנה האָט זיך באַגריסט מיט רפי׳ן, האָט ער געפרעגט: „דו דערקענסט נישט רפי׳ן?״ ער האָט אויסגעצויגן זיינע הענט און עדנה איז אריין געפאלן אין זיי. ווי אַ שאָק האָט עס איר געטראָפן, דערהערנדיק דעם נאָמען רפי, דער פארלוירנער זון פון קיבוץ. עדנה און רפי האָבן זיך צוקושט, געדריקט די הענט מיט פריינטשאפט און איבעראשונג פון דעם צופעליקן באגעגעניש, נאָך אזויפיל איבערלעבונגען און אזוי פיל ליידן, האָבן זיי זיך ענדלעך באגעגנט.

רפי האָט עדנ׳ען בארואיקט, ער האָט איר און פענין אריינגעפירט אין הויז, פארגעשטעלט פאר זיין פרוי און פאַר דעם פראָפעסאָר. די פרייד פון רפי און עדנה איז געווען אומבאשרייבלעך. זיי זענען געווען איבעראשט פון דער באגעגעניש. ער האָט עדנה׳ן אלץ אויסגעפרעגט פון זיינע עלטערן און פון יעדן באזונדער, נישט אדורכלאָזנדיק — אפילו — דעם הונט און די הינער.

עדנה האָט אים אלץ איבערגעגעבן פינקטליך, יעדן פרט און פרט. מערי האָט געבראכט איר זון, און רפי האָט מיט שטאָלץ אים פאָר־געשטעלט פאר די געסט.

דער פראָפעסאָר האָט עדנה געבעטן דערציילן אלץ וואָס זי ווייסט וועגן רפיס עלטערן ווען זי האָט זיי געזעען? און ספעציעל די מוטער. ער האָט געהערט מיט פרייד, אז זיין פארלוירענע טאָכטער לעבט.

עדנה האָט דעם אלטיטשקן פראָפעסאָר בארואיקט, און צוגעגעבן פון איצט אָן און ווייטער וועלן זיך פארהיילן אלע ליידן און אלץ וועט ווידער גוט ווערן, איר וועט אלע זיין גליקלעך.

דער פראָפעסאָר האָט איר געדאַנקט און געבעטן מערין דאָס קינד, דאָס איז געווען זיין טרייסט. מערי האָט צוגעטראָגן דאָס קינד אוועק געלייגט עס, אויף דעם פראָפעסאָרס קני. דאָס קינד האָט געלאַכט, וואַרפנדיק מיט די הענטעלעך און פיסעלעך. געקוקט מיט קלוגע אויגעלעך אויפן פראָפעסאָר, פילנדיק, אַז עס געפינט זיך אין זיכערע הענט. דער פראָפעסאָר האָט — מיט אמת׳ע פאָטערליכע ליבע — זיך געשפילט מיט דעם קינד און גערעדט צום קינד מיט אַ ספעציעלע שפראַך, וואָס נאָר

זייביידע האָבן זיך פאַרשטאַנען און אין דעם האָט דער אַלטישקער געפונען זיין גליק.

ווען רפי האָט זיך אונטערהאַלטן מיט עדנה׳ן, האָט מערי זיך פאַרנומען מיט פעניין. פעני האָט מערין דערציילט וועגן איר לערנען אין ירושלימער אוניווערסיטעט. דאָס האָט מערין זייער אינטערעסירט, זי האָט געוואָלט הערן וואָס מערער, ווייל זי טראַכט אויך באַזוכן דאָס הייליקע לאַנד, איבערהויבט ירושלים, רפי׳ס עלטערן און דעם קיבוץ.

פעני האָט געזאָגט מיט אַ שמייכל: ווער ס׳קומט אין ישראל, קען עס שוין קיינמאָל נישט פאַרגעסן, זע מיך, ס׳ציט מיך ווי אַ מאַגנעט צוריק צו זיין אין ישראל.

דערווייל האָט רפי דערציילט עדנה׳ן, זיין איבערלעבונג אין אַמעריקע, זיינע ליידן און פריידן. ער האָט געעפנט זיין האַרץ פאַר איר ווי פאַר אַ שוועסטער. ער האָט זיך געטרייסט מיט זיין פרוי און קינד.

עדנה האָט פאַרשטאַנען, און באַרעכטיקט זיין שווייגן זי האָט רפין צוגעזאָגט. ווי זי וועט קומען אַ היים, וועט זי אַלץ צוריק גוט מאַכן. זי וועט רעדן מיט זיינע עלטערן און מיט חברים, און זי האָפט מ׳וועט אים מוחל זיין, אַלע וועלן זיך פרייען מיט זיין גליק. דאָס וויכטיקסטע ער לעבט.

„עדנה!״ האָט רפי געזאָגט: „קיינער ווייסט נישט ווי דער גורל פירט. מיך האָט ער געבראַכט אין אַמעריקע, כדי צו באַקענען מיין פרוי, און צוגעפינען מיין מוטערס פאָטער — מיין זיידן — און דער זיידע זאָל געפינען זיין טאָכטער. נאָך אַזויפיל שרעקליכע טרויעריקע יאָרן מלחמות, רעוואָלוציעס״. רפי האָט געוויינט און געלאַכט פאַר פרייד. עדנה׳ס אויגן האָבן זיך אויך אָנגעפילט מיט טרערן. זי האָט געקוקט אויף רפי׳ן און געפילט ווי איר האַרץ פאַרלירט די ליבע, וועלכע זי האָט נישט געוואָלט אויפגעבן, ביז זי וועט אים נישט זעען מיט אירע אויגן און רעדן מיט אים פנים אל פנים. אָט זיצט ער פאַר איר און דערציילט איר זיינע גאַנצע איבערלעבונגען אין אַמעריקע, ער רעדט מיט שטאָלץ פון זיין פרוי און קינד. זי הערט אים און פילט אַזוי ווי אין אַ הערבסט טאָג, ווען עס רעגנט און דער הימל איז טונקל, אַזוי איז איר האַרץ.

רפי פילט נישט וואָס זי לעבט איבער אין די מינוטן, ווייל ער האָט נישט געוווסט, אַז עדנה ליבט אים; זי האָט אים קיינמאָל נישט געזאָגט וועגן איר ליבע צו אים און היינט זענען פאַרווישט געוואָרן אַלע אירע האָפנונגען. רפי האָט אַ פרוי און דאָס איז די ענדע. עדנה האָט אויסגעווישט די אויגן זי האָט געפילט די היינטיקע טרערן זענען די לעצטע ליבעס טרערן צו רפי׳ן. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און געטראַכט, אַמעריקע האָט מיין יוגנט ליבע פאַרשלונגען. מיט אַ שמייכל האָט זי געזאָגט צו זיך אַליין: „דאָס קאַפּיטל רפי איז פאַרענדיקט. אַ טרויעריקע איז זי געבליבן שטיין מערי האָט איבערגעריסן עדנה׳ס געדאַנקען. זי האָט געבעטן די געסט צום טיש. די געסט זענען אַריין אין עס צימער. דער טיש איז געווען רייך געדעקט, זעצנדיק זיך באַקוועם, האָט יעדער גענומען אַביסעלע משקה געמאַכט אַ„לחיים״ און געווונטשן זיי ערפאָלג און הצלחה.

צוריק קומענדיק אין סאַלאָן, האָט דער פּראָפעסאָר געבעטן מערי׳ן זי זאָל שפּילן פאַר די געסט. מערי האָט זיך געזעצט שפּילן און געפרעגט מיט אַ שמייכל: „פּאַפּא וועלכע מוזיק?״

„היינט מיין טאָכטער, גיב אונז מענדלזאָנס „חתונה־מאַרש״, זאָל זיין פריילעך, דער היינטיקער טאָג האָט מיר אַ סך געגעבן, איך בין צוריק מיט מיינע מחשבות צו דער גוטער שיינער צייט״ פון מיין פאַרגאַנגענהייט.

מערי האָט געשפּילט מיט איר גאַנצן טאַלאַנט. די קלאַנגען האָבן זיך ווידער צוטראָגן איבערן הויז, אַלע זענען געווען באַגייסטערט פון מעריס מוזיק.

עדנה איז געזעסן שטיל געקוקט אויף די הענט פון מערי׳ן. ווי זיי באַוועגן זיך ריטמיש און עלעגאַנט. זי האָט געטראַכט, אַזאַ פרוי קען יעדן מאַן אימפּאָנירן און געפעלן ווערן אין האַרצן איז זי געוואָרן רואיק ער האָט זי פאַרטוישט אויף אַ שענערע עלעגאַנטערע. רפי איז גערעכט. זיין יונגע שיינע אינטעליגענטע פרוי מוז געליבט ווערן. קיינער קען איר נישט קאָנקורירן; דאָס לעבן האָט איר מיט אַלעם באַשאָנקען. זי האָט זיי געווונטשן אַ גליקלעך צוזאַמענלעבן.

ווען מערי האָט געענדיקט איר שפּילן, האָט דער פּראָפעסאָר — ווי אמאָל אין די יונגע יאָרן — זיך אויפגעשטעלט פאַרנייגט פאַר מערי׳ן מיט אַ עלעגאַנטן זשעסט, געקושט אירע הענט פאַר דאַנקבאַרקייט. אַלע האָבן איר געדאַנקט פאַר די אַנגענעמע און אינטערעסאַנטע מוזיק וואָס זי האָט זיי געשענקט.

ווען עדנה און פעני האָבן געזאָגט זיי פאָרן אַ היים, האָט רפי געזאָגט צו עדנהן דו קומסט צו אונז און פון אונזער היים פאָרסטו צוריק אין ישראל״.

„וואָס?״ האָט פעני אויסגערופן: „איר ווילט צונעמען ביי מיר מיין גאַסט?״ אַ ניין דאָס נישט״ דאָ האָט דער פּראָפעסאָר גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט: „מיר וועלן מאַכן אַ געזעגונגס־אָונט פאַר אייך טייערע געסט און איר ווערט איינגעלאַדן אין אונזער היים״.

„דאָס איז אוממעגליך, מיינע עלטערן גרייטן זיך מאַכן אַ געזעגונגס־אָונט״, האָט פעני געענטפערט מיט באַדויערונג, אָבער ענטשלאָסן.

„נו גוט האָט רפי געזאָגט איר וועט מאַכן אַן אָונט און שפּעטער מיר. איך בעט אייך מיר שענקען דעם אָפּפאָר אָונט פון עדנהן״ האָט רפי זיך געבעטן ביי פענין, ווי אַ קינד.

„איך ווייס גאָרנישט״ האָט פעני געענטפערט, „איך מוז רעדן מיט מיינע עלטערן״ ס׳איז פאַרבליבן, אַז פעני און עדנה וועלן זיך פאַר־בינדן טעלעפאָניש מיט רפי׳ן און מערין און באַשטימען. דערווייל האָט מען זיך האַרציק געזעגנט. עדנה אין פעני האָבן געדאַנקט פאַר דעם פיינעם אויפנאַם, וועלכן זיי וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

ווען עדנה האָט דערלאַנגט מערי׳ן איר האַנט, האָט זי געבעטן „ערלויב מיר, דיר געבן אַ קוש״. מערי האָט עדנה׳ן ארום־גענומען און ביידע האָבן זיך צעקושט, ווי זיי וואָלטן זיך שוין זייער לאַנג געקענט.

רפי און מערי האָבן די געסט באַגלייט. ווען די מאַשין איז געווען העט ווייט, האָט מערי גענומען רפי׳ן אונטערן אָרעם און ביידע גליקלעכע צופרידענע זענען אריין אין הויז.

קאפיטל 46

ווען תמר איז געווען ביי איר מוטער אין די וואקאנס, האָט די מוטער איר באגלייט אין אירע אויפטריט צו קראנקע און אויך אין קולטור הויז, אין וועלכן זי האָט דאָרט באקענט די משפחה מאזעס און נאָך אנדערע פארערער פון איר טאָכטער. תמר האָט גרויס ערפאָלג; די מוטער האָט אַ טרייסט אין איר קינד. זי פלעגט טראכטן: איך בין עלנט אין מיינע ליידן און עלנט אין מיינע פריידן, מיין טרויער איז אַן אייביקער. איך בין געגליכן צו די פאווע, ווען זי קוקט אויף אירע פול פארביקע פעדערן פון איר פראכטיקן פעכער לאכט זי, ווען זי קוקט אויף אירע מיאוסע פיס וויינט זי. דאָס זעלבע איז מיט מיר ווען איך זע מיין קינד׳ס ערפאלג בין איך גליקלעך און ווען איך קוק אויף דעם שיינעם פנים און גלייכע יונגע פיגור, פון מיין טאָכטער בין איך נאָך אַמאָל גליקלעך, אָבער ווען איך קוק אויף די שיינע אויסגעלאָשענע אויגן וויינט אין מיר מיין הארץ פון ווייטיק. אָבער דאָס לעבן פאָדערט זיינס. מ׳מוז זיך מאכן פארגעסן און ווייטער גיין מיטן לעבן. אזוי האָט געטאָן תמר׳ס מוטער — די טיכטיקע אינטעליגענטע פרוי. — זי האָט איר טאָכטער באגלייט אזויווי עדנה האָט עס געטאָן, ווען זיי זענען געווען צוזאמען תמר האָט געזונגען אין איר פינצטערער וועלט; זי איז געקומען צו די פארוואונדעטע און געמאַכט זיי פארגעסן אין זייערע ליידן. די מוטער איז געווען שטאָלץ מיט איר טאָכטער זעענדיק ווי זי איז באַשאָנקען פון דער נאטור מיט אַלץ, אויסער אירע אויגן. זי האָט ערפאָלג. יעדער פון די קראַנקע קישן אירע הענט פאַר דאנקבארקייט. תמר האָט פאַרגעשטעלט איר מוטער. דעם אראבישן פליער וואָס איז געלעגן ראנירט, ער האָט געזאָגט: „איך פריי זיך תמר באקענען דיין מוטער זי וועט מיך בעסער פארשטיין ווי דו.

די מוטער האָט געקוקט און נישט פארשטאנען זיין מיינונג. האָט זי געפרעגט: „מיט וואָס קען איך דיר העלפן?”.

„צו געבן מיר דיין טאָכטער פאַר אַ פרוי” האָט חסן געענטפערט פריינטלעך.

די מוטער האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: „צו דעם האָב איך נישט קיין רעכט, דאָס מוז תמר אַליין באַשליסן".

„יאָ האָט חסן געענטפערט: איך האָב איר אויך געזאָגט, און איך וואַרט אויף איר ענטפער".

„נו? האָט די מוטער געפרעגט „זי האָט דיר נאָך קיין ענטפער געגעבן?"

„ניין" האָט חסן געענטפערט טרויעריק.

„דו דאַרפסט פאַרשטיין, אַז אַזאַ ווי תמר קען נישט גלייך ענטפערן, אירע אויגן זעען נישט, זי זעט נישט מיט וועמען זי רעדט, דערפאַר איז איר שווער צו באַשליסן" האָט תמר'ס מוטער פאַר ענטפערט איר טאָכטער.

„אמת" האָט חסן געזאָגט, „דערפאַר וויל איך מיט דיר רעדן, ווייל אַ מוטער קען מער' העלפן ווי אַ צווייטע".

תמר'ס מוטער האָט זיך איינגעקוקט אין בחור און האָט געפרעגט: „לאַנג ליגסטו שוין דאָ?".

„שוין עטלעכע מאָנאַטן" האָט חסן געענטפערט.

„ווי רופט מען דיך?"

„חסן! איך קום פון מצרים".

די מוטער האָט אַ ציטער געטאָן, דערהערנדיק דעם אראבישן נאָמען זי האָט געדענקט ער איז אַ ייד, איצט האָט זי פאַרשטאַנען מיט וועמען זי רעדט.

„דו וועסט געזונט ווערן, וועסטו צוריק פאָרן אין דיין לאַנד, צו דיינע עלטערן, און אין אלעם פארגעסן, דאָרט וועסטו געפינען אַ פרוי און וועסט לעבן גליקלעך" האָט זי פאַרענדיקט.

„אך" האָט חסן געזאָגט טרויעריק: „דו ווילסט מיך נישט פאַר תמר'ן, אמת?"

„מיר מוזן פארשטיין איך וויל זיך נישט נארן, אויך דו דאַרפסט זיך נישט נארן, תמר האָט נישט קיין אויגן, צו וואָס דאַרפסטו נעמען אַזאַ פרוי און ליידן דיין גאַנץ לעבן?" האָט די מוטער געזאָגט ערנסט.

„איך ליב זי" האָט חסן געענטפערט, „איך בין גרייט איר צו העלפן איך וועל איר שענקען מיינע אויגן, זי זאָל נאָר מיינע בלייבן".

„אָ! זייער פיין פון דיר, אָבער דערווייל ביסטו נאָך אליין קראַנק, צוואָס רעדן, פאַנטאַזירן, ווען מיר ווייסן נישט וואָס דער מאָרגן וועט אונז ברענגען, ס'איז דאָך מלחמה". די מוטער האָט געזוכט ווי זיך צו באַפרייען פון דעם קראַנקן, און וואָס שנעלער איבעררייסן דאָס געשפּרעך, וועלכעס איז איר געווען פּיינלעך, חסן האָט אָנגענומען איר האַנט און געזאָגט: „איך שווער דיר איך וועל אַלץ טאָן פאַר תמר'ן צו העלפן איר".

דערווייל האָט תמר פאַרענדיקט איר אויפטריט. די מוטער האָט זיך געזעגנט מיט חסנ'ען; זי איז צו, צו תמרן און אַוועק מיט איר. ווען זיי זענען געקומען אין שטוב האָט די מוטער נישט דערציילט תמר'ן, וואָס זי האָט גערעדט מיט חסן'ען. זי האָט נישט געוואָלט דערמאָנען וואָס איר איז נישט געפעלן.

תמר האָט געפילט — נישט זעענדיק — אַז די מוטער איז אויפגערעגט און שווייגט צופיל האָט דאָס איר באַאומרואיקט, און זי האָט געפרעגט: „מאַמאַ פאַרוואָס שווייגסטו, די גאַנצע צייט? ס'איז נישט דיין נאַטור, וואָס האָט פּאַסירט?".

די מוטער האָט געווישט אירע אויגן און שטיל געוויינט: נישט גענוג, וואָס איך בין מיט אַ בלינד קינד, קומט נאָך איצט אַ צווייטע צרה אויף מיר, אַן אַראַבער, — וועלכער איז געקומען אַנפאַלן אויף מיין פאָלק, אויף מיר, אויף מיין קינד אַ שונא — ווייל ביי מיר רויבן מיין טאָכטער און בעט ביי מיר, איך זאָל זי אים געבן פאַר אַ פרוי, אַך ווי שטאַרק דאַרף איך זיין. זי האָט אַ גלעט געטאָן תמר'ס קאָפּ, צוגעדריקט זי צו זיך און אַלץ דערציילט וואָס זי האָט גערעדט מיט חסן'ען. תמר האָט פאַרשטאַנען איר מוטערס ליידן האָט זי געזאָגט: „מוטער זאָרג נישט, איך האָב אים אויך אַזוי געענטפערט ווי דו, דו קענסט זיין רואיק ס'וועט נישט נעמען לאַנג מ'וועט אים איבערפירן אין אַ צווייטן פּלאַץ, און זיין חלום וועט זיין אויס, זאָרג נישט מוטער" האָט תמר זי באַרואיקט. „טאָכטער מיינע" האָט די מוטער געקושט תמר'ן מיט ליבע: „פאַר וואָס

האָסטו מיר דאָס נישט דערציילט?" האָט די מוטער געפרעגט מיט פאַרדרוס.

„ווייל איך האָב געלאַכט פון זיינע געדאַנקען און פאַנטאַזיעס. כ'איז שוין ביי מיר לאַנג פאַרגעסן געוואָרן, איז צו וואָס דערציילן? די זאָלסט האָבן פאַרדרוס?" האָט זיך תמר פאַרענטפערט פאַר איר מוטער.

די מוטער און טאָכטער האָבן זיך פאַרשטאַנען, זיי האָבן פאַרמעקט דעם געדאַנק פון חסן'ס ליבע און דאָך איז די מוטער געווען באומרואיקט און געזאָגט ערנסט: „דו וועסט מער נישט גיין אין דעם קראַנקן הויז, ווו ער געפינט זיך, איך שרעק זיך פאַר אים" תמר האָט איינגעשטימט מיט דער מוטער און איר באַרואיקט מיט אַ קוש און צוגעזאָגט אַזוי בלייבט עס, זי גייט נישט מער ווו חסן געפינט זיך.

פון עדנה'ן באַקומט זי בריוו, אָבער זי איז אומגעדולדיק, זי וויל שוין האָבן עדנה'ן נעבן זיך און צוריק אַריין אין זייער בשותפותדיקן לעבן, וועלכעס האָט זיי געגעבן קעגנזייטיקע פאַרשטענדעניש און פריינט־שאַפט. נאָר תמרס מוטער איז טרויעריק. זי שרעקט זיך היינט מער פאַר איר טאָכטער, ווי אַלע מאָל, ווער ווייסט וואָס קען געשעען? דערמאָנענדיק דעם אַראַבער, עס איז איר שווער צובאַפרייען זיך פון דעם גהינום.

קאַפּיטל 47

די עלטערן פון מערין האָבן זיך צוגעוווינט צו זייער עלנטן לעבן. זיי אַנטלויפן פון דער היים; זיי מאַכן זיך פאַרגעסן. אויך איצט ווען דער זומער האַלט שוין צו ענדע האָבן זיי באַשלאָסן פאָרן. קיין באַשטימטן פּלאַץ האָבן זיי נישט. די הויבט זאָך ווייט פון דערהיים. דאַריבער ווילן זיי מאַכן אַ רייזע אַרום די וועלט.

זיי מאַכן אַ רייזע אַרום די וועלט.

ישראל אין דעם לאַנד פון דער ביבל. עס האָט זיי אינטערעסירט צו זען די הייליקייטן אין דעם היסטאָרישן לאַנד פון דורות. אַנקומענדיק אין

לאנד האָבן זיי געבעטן מ׳זאָל זיי אַלץ ווייזן, דאָס ערשטע ירושלים פאַרשטענדלעך. מען האָט זיי געפירט אין ירושלים, באַזוכט די הייליקע ערטער: קולטורעלע און געזעלשאפטלעכע אנשטאלטן.

רייכקייט און ארעמקייט. זיי האָבן אַלץ באַזוכט און שפּעטער די קיבוצים. זיי זענען אויך אָנגעקומען אין דעם קיבוץ ווו רפיס עלטערן האָבן געלעבט.

רפי׳ס מוטער איז געווען די וועלכע האָט אויפגענומען געסט, וואָס זענען געקומען באזוכן דעם קיבוץ. זי איז געווען די פּאסענדע פערזאָן אין שפראך און באנעמונג זי האָט פאַרמאָגט אַ ספּעציעלן טאלאנט, די געסט צו דינען זי איז געווען סאָליד, פיין אין איר האַלטונג. אינטעליגענט. איר העכערע בילדונג האָט זי באַשאָנקען מיט אינטעליגענטס, איר באַגלייטונג האָט ארויסגערופן סימפּאטיע און פאַרשטענדניש ביי די באזוכער.

אויך היינט האָט רפי׳ס מוטער אויפגענומען די געסט זיי באַגריסט און ווי אלעמאָל פארבראכט מיט זיי אַ טאָג.

מיסיס ווילסאָן, די מוטער פון מערי האָט ארויסגעוויזן אינטערעס אין רפי׳ס מוטער און געפרעגט: „ווי לאנג געפינט איר זיך אין קיבוץ?” און ווי לעבט זיך אייך דאָ?” רפי׳ס מוטער האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל און איר אַלץ ערקלערט.

„ענטשולדיקט וואָס איך פרעג” האָט ליידי ווילסאָן געזאָגט:

„ווען איר ווילט ביטע קומט מיט מיר, וועל איך אייך ווייזן מיין וווינונג” האָט רפי׳ס מוטער איר איינגעלאדן צו זיך אין שטוב „פיין”, האָט ליידי ווילסאָן געזאָגט און אָנגענומען די איינלאדונג.

זיי האָבן זיך געלאָזן גיין. ביידע פרויען האָבן זיך פריינטליך אדורך גערעדט. אזוי ווי זיי וואָלטן זיך שוין לאנג געקענט. די מוטער פון מערי האָט געהערט די געשיכטע פון קיבוץ. רפּי׳ס מוטער האָט אָנגעוויזן מיט איר האנט און געזאָגט מיט טרויער: דאָ! אויף דעם בערגל ליגט אונזער געשיכטע, און אויך מיינע צוויי זין”. „צוויי זין?” האָט מיסעס ווילסאָן געפרעגט. מיט אַ ציטער. „יאָ צוויי האָב איך געגעבן פארן לאַנד פאַרן פאָלק און פאַרן קיבוץ, אָ טייער באַצאָלט”. „האָט איר נאָך קינדער?” האָט מיסעס ווילסאָן געפרעגט. „יאָ נאָך איינעם, אין אמעריקע”. „וואָס

טוט ער אין אמעריקע?״ האָט מעריס מוטער געפרעגט. „ווער ווייסט, וואָס ער טוט?״ האָט רפי׳ס מוטער געענטפערט טרויעריק און פארשעמט. „ער שרייבט נישט?״ האָט מעריס מוטער געפרעגט: „ניין״ האָט די מוטער געענטפערט אין טרערן האָבן זיך געשטעלט אין אירע אויגן.

„גיב מיר זיין אדרעס, איך וועל אים רופן צו מיר״ האָט מעריס מוטער געזאָגט — און צוגעגעבן: איך וועל אייך שרייבן פון אים רפי׳ס מוטער האָט טרויעריק געשמייכלט און געזאָגט: „זיין אדרעס? ווער ווייסט ווו ער געפינט זיך״ די אומגליקליכע מוטער האָט אַ זיפץ געטאָן און פארשוויגן.

מעריס מוטער איז אויך שטיל געבליבן, אַראָפּ געלאָזן איר קאָפּ אזוי ווי עס וואָלט איר געטראָפן גלייך אין הארצן, און געזאָגט: „יאָ טייערע, אזוי זענען זיי די קינדער, דו ביסט נישט די איינציקע, פאראן אַ סך אזעלכע ווי דו״. זי האָט פארביסן אירע ליפן מיט אַ טיפן ווייטיק. און נישט געוואָלט מער רעדן און נישט פרעגן. ס׳איז געווען פאר איר גענוג דאָס וואָס זי האָט געהערט, איר הארץ האָט געדריקט. זי האָט זיך האַרציק געזעגנט מיט רפי׳ס עלטערן און מיט די חברים פון קיבוץ און געדאַנקט פאר אלעם, זי האָט געלאָזן רפי׳ס עלטערן איר אַדרעס און געזאָגט: שרייבט צו אונז, מיר וועלן אייך ענטפערן. ס׳וועט אונז פרייען צו הערן פון אייך. אויב איר וועט קומען אין אמעריקע באזוכט אונז איר וועט זיין אונזערע געסט.

די עלטערן פון רפי, האָבן האַרציק געדאַנקט און באגלייט די נאָבעלע געסט צום אויטאָ, וועלכער האָט געוואַרט אויף זיי. ווען די ווילסאָנס — זענען אַריין אין אויטאָ — האָט מעריס מוטער געקוקט אויף די אומבאַקאַנטע פרוי און געטראַכט — ווען איך וואָלט איר געקענט העלפן זי איז פול מיט ליידן ווי איך, אלע מוטערס זענען ענדלעך רייכע, אָרעמע אָן אונטערשיד אַ מוטער האַרץ איז פול, מיט ווייטיק, ווען זי ליידט, זי האָט ארויסגענומען אַ טיכעלע פון בייטל און געווישט די טרערן, דערמאָנענדיק זיך אין איר מערין. איר הארץ איז פול געוואָרן מיט בענקשאפט נאָך איר טאָכטער. יאָ האָט זי אַ קרעכץ געטאָן. ס׳גייט נישט אויסצובאהאלטן, ווו איך גיי און ווו איך קום פארפאלגט מיך מיין גורל.

זי האָט דערזעען דורך דעם פענצטער דעם ריינעם בלויען הימל, און דערמאנט מעריס אויגן, בלויע ליכטיקע זענען זיי, אין מיין הארץ איז פול מיט ליידן. ווי אזוי וועל איך איינשטילן מיין ווייטיק האָט זי ביי זיך געפרעגט און שטיל געוויינט.

מיסטער ווילסאָן האָט באַמערקט זיין פרויס טרערן, האָט ער געוואָלט זי זאָל פארגעסן אין אירע ליידן; ער האָט אָנגענומען איר האַנט מיט ליבע און געזאָגט: „גוט וואָס מיר האבן געמאכט אונזער באזוך אין ישראל. אלץ איז שיין און אינטערעסאנט. דער קיבוץ מיט זיין לעבן אינטערעסירט מיך מער ווי אַלץ, עס איז צובאווונדערן אַן אמת׳ער קאָלעקטיוו לעבן; מענטשן, וועלכע זענען פון אלע עקן וועלט, יעדער מיט זיין שפראך, זיין מענטאליטעט ווערן זיך נאָנט, בויען צוזאמען, ארבעטן צוזאמען און ווערן איין משפחה; טיילן זיך מיט זייערע ליידן און פריידן; ס׳איז באמת צו באוונדערן״. האָט ער מיט באגייסטערונג געזאָגט אנווייזנדיק מיט דער האנט: ווי שיין זענען די קליינע הייזקעס; די גרויסע הייזער ווערן באנוצט פאר קולטורעלע און געזונטהייטס אינסטיטוציעס. יעדער הויז האָט איר פונקציע און דאָס האָבן געשאַפן מענטשן מיט געפילן, מיט בילדונג, וועלכע ארבעטן ערד ארבעט און לעבן אַ גליקלעך און ערלעך לעבן, ווייט פון טומל, ווי מיר אין די גרויסע שטעט.

„האָסט רעכט!״ האָט די מיסעס ווילסאָן געזאָגט: „איך באוונדער אויך די באגלייטערן פון קיבוץ, זי האָט מיר ערציילט זי איז דאָקטאָר מעדיצין און איר מאן איין אגראנאָם.ביידע זענען זיי מיטגלידער און בויער פון קיבוץ. דער קיבוץ האָט געשיקט זייער זון לערנען אין אמעריקע, אַ פיינע משפחה״ האָט זי צוגעגעבן.

„אַ טיכטיק־פלייסיק פאָלק זענען זיי די יידן״ האָט מיסטער ווילסאָן געזאָגט: מיר האָבן זיי נישט געקענט; איצט האָבן מיר זיי באקענט.

„איך האָב איינגעלאדן די עלטערן פון פארלוירענעם זון זאָלן קומען צו אונז אויף אַ באזוך, אפשר וועט אונז געלונגען עפעס טאָן פאר די נאבעלע מענטשן״, האָט פרוי ווילסאָן געזאָגט און פארזונקען אין מחשבות. ארויסקוקנדיק פון פענצטער האָבן זיי ביידע באוונדערט די שיינע נאטור און פון דעם קליינעם ישראל. ענדלעך זענען זיי — מידע —

אָנגעקומען אין זייער האָטעל, נאָך דעם באַזוך פון גאַנצן טאָג.

נאָכן באַגלייטן די געסט, האָבן זיך רפי׳ס עלטערן צוריק געקערט אַהיים מיט גוטע איינדרוקן פון די געסט, וועלכע זענען זיי זייער געפעלן געוואָרן. רפי׳ס מוטער האָט געהאַלטן אין האַנט די אַדרעס פון דער פאַמיליע ווילסאָן און געטראַכט. ווען איך ווייס ווו מיין זון געפינט זיך, וואָלט איך זיכער געבעטן ביי די נאָבעלע מענטשן זיי זאָלן אים רופן אָדער שרייבן מיר דעם אמת. ווי ער לעבט און וואָס ער טוט, אָבער וועד ווייסט ווו ער איז און אויב ער לעבט בכלל. די מוטער האָט אַ ציטער געטאָן פאַר דעם געדאַנק. זי איז צו, צו רפי׳ס בילד, גענומען עס אין האַנט, געקושט און באַגאָסן זיך מיט טרערן. שווייגנדיק האָט זי דאָס בילד צוריק געשטעלט, אויסגעווישט אירע אויגן און געזאָגט מיט אַ שטיקנדיקע שטימע: „מער קען איך נישט טאָן, דאָס איז אַלץ וואָס איז מיר פאַרבליבן פון מיין פאַרלוירענעם זון. זי האָט זיך געלייגט אין בעט אַ מידע די נאַכט איז צוגעפאַלן. דער פאָטער האָט נישט געקענט זען דעם צער פון זיין פרוי. איז ער אַרויס אין הויף, געדרייט זיך איבער דעם גרינעם גראָז־טעפיך. די לופט איז געווען אַ קילע ער האָט געקוקט צום אויסגעשטערנטן הימל. ווי ברילאַנטן האָבן געלויכטן די שטערן. די לבנה האָט זיך געדרייט אין איר גאַנצן פראַכט. און דער פאָטער פול מיט ווייטיק און צער האָט געטראַכט: אַ סוד ביסטו לעבן מיט דיין וועלט, מיט דיין שיינקייט און ליידן, אָן רחמנות ביסטו. לאַנגזאַם איז ער — אַן אויפגערעגטער — צוריק אַריין אין שטוב. זעענדיק די פרוי שלאָפט, האָט ער נישט אָנגעצונדן די ליכט, אויסגעטאָן זיך, אַריין אין בעט, אין מיט אָפענע אויגן איז ער געלעגן און געבענקט נאָך זיין זון רפי.

קאַפּיטל 48

עדנה איז געפאָרן אַהיים נאָך ישראל פון רפי׳ס הויז. די גאַנצע נאַכט האָבן די געסט פאַרבראַכט; אויך פעני מיט אירע עלטערן זענען

געווען איינגעלאדן. ס'איז געווען אַ פיינער געזעגנס אָוונט, אלע האָבן זיך גוט געפילט. רפי האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן פאר גליק, ער האָט געוואָלט אהיים שיקן אַ צייכן ער לעבט, אָבער נישט געוווסט וואָס. האָט ער געפרעגט ביי מערי׳ן, מערי האָט אים באַרואיקט און געזאָגט עס איז שוין צוגעגרייט. זי האָט ארויסגענומען דעם קינדס בילד אָנגעשריבן זייערע נעמען, עס דערלאַנגט עדנה׳ן און געבעטן איבערגעבן דאָס בילד רפי׳ס עלטערן.

עדנה האָט מערי׳ן געקושט, זאָגנדיק: „וווּנדערבאר מערי! דו ביסט אולרייט.

דער פראָפעסאָר האָט דערלאַנגט עדנה׳ן זיין בילד און געזאָגט: „דאָס איז פאר מיין טאָכטער איך בעט ביי איר זי זאָל גלייך שרייבן צו מיר״. זיינע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן. מער האָט ער נישט געקענט רעדן פון איבערראַשונג.

עדנה האָט אים פארשטאַנען און הארציק זיך געזעגנט מיט אים.

ווען עדנה איז צוגעגאַנגען צו רפין זיך געזעגענען מיט אים האָבן זיךביידע צווויינט. עדנה האָט געטראַכט: אירע טרערן זענען אירע ליבע טרערן צו רפין, וואָס האָט זיך היינט פארענדיקט אויף אייביק. אַלץ איז געוואָרן פוסט, אפאטיש אין איר; אַלץ איז געוואָרן גלייכגילטיק, ביז זי האָט דאָס הויז פארלאָזן.

קאפיטל 49

עדנה איז צוריק אין ישראל.

אָנגעקומען איז זי אין קיבוץ, דאָ איז איר היים, און דאָ איז איר ערשטע סטאַציע. אלע האָבן איר פריינטלעך אויפגענומען יעדער האָט געפרעגט ווי זי האָט פארבראַכט אין אמעריקע. זי איז געווען איבערראַשט, הערנדיק נייעס: דורך די צייט וואָס זי איז געווען אוועק: האָט נעמי געבוירן אַ זון, די שמחה איז גרויס. גד איז צוריק אין קיבוץ, און חתונה

געהאַט מיט שרהן כדת וכדין.ביידע זענען גליקלעך; זיי האָבן פאַרגעסן די פאַרגאַנגענהייט.

עדנה האָט געראָוט אַפּאָר טעג, נאָך דער רייזע, נאָכן רוען איז זי אַריין אין טראַנס פון לעבן. די ערשטע וויזיט אירע, איז געווען רפי׳ס עלטערן. זי האָט געפילט אַ הייליקן חוב איבערצוגעבן דעם גרוס פון פּראָפעסאָר און פון רפין.

די עלטערן האָבן זי אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, זיי האָבן עדנהן ליב געהאַט ווי אַ קינד פון קיבוץ. „דערציייל אונז עדנה״ האָט רפי׳ס מוטער געזאָגט, „ווו ביסטו געווען? וואָס און וועמען האָסטו געזען אין דער גרויסער וועלט?״

עדנה האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל: „ס׳איז שווער אַזויפיל צו דערציילן״.

זי האָט געזוכט ווי אָנצוהייבן דאָס וויכטיקסטע, און האָט געזאָגט: „איר געדענקט מיין פריינדן פּעני. די סטודענטין זי איז אַ וווּנדערבאַרע מיידל, זי האָט מיך גענומען אין אַמעריקע און געפירט איבעראַל, ווו נישט יעדער קען זיך עס ערלויבן״.

דערווייל האָט רפי׳ס מוטער געשטעלט צום טיש און געבעטן טרינקען. אַ צופרידענע איז זי געווען מיט עדנה׳ס וויזיט. עדנה האָט ווייטער דערציילט: „פּעני האָט מיך געפירט אין זייער אַן אינטערעסאַנטן פּלאַץ, צו אַ געוויסן פּראָפעסאָר, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט וויסנשאַפט־לעכער אַרבעט, שוין אַ סך יאָרן; איר קענט זיך פאָרשטעלן, וואָס דאָרט איז צו זען״. האָט עדנה באַגייסטערט גערעדט...

„ווער איז דער פּראָפעסאָר?״ האָט רפי׳ס מוטער געפרעגט פאַר־אינטערעסירט.

„ער איז אַ ליבער האַרציקער מאַן״ האָט עדנה געענטפערט. „איך גלויב ער האָט מיר געזאָגט, ער איז פון דייטשלאַנד״. עדנה איז געבליבן שטיל, באַמערקנדיק ווי דער פאָטער און מוטער קוקן זיך איבער, ווי עפּיס דערמאָנט זיי. נאָך אַ מעגוט שווייגן האָט די מוטער געפרעגט „פון וועלכער שטאָט אין דייטשלאַנד? איז דער פּראָפעסאָר?״ און איר פּנים איז בלייך געוואָרן.

„דאָס ווייס איך נישט, נאָר האָט איז זיין בילד, וועלכעס ער האָט מיר געשענקט, איך וועל עס אייך געבן". עדנה האָט אַרויסגענומען דאָס בילד און עס דערלאַנגט די מוטער אין האַנט.

דערזעענדיק דאָס בילד האָט די מוטער אַ ציטער געטאָן. זי האָט זיך איינגעקוקט אין בילד, און נישט געגלויבט אירע אויגן. דאָס בילד איז פון איר פאָטער. ווי זי געדענקט אים ווען זי איז געווען מיט אים צוזאמען און נישט קענען זיך מער באהערשן, איז זי צו, צום שאנק און אַרויסגענומען דאָס בילד, אויף וועלכע זי שטייט מיט איר פאָטער צוזאמען און די צוויי בילדער האָבן באשטעטיקט דאָס דער פּראָפעסאָר איז איר פאָטער, זי האָט אַ געשריי געטאָן „פּאפּא" און געפאלן אין אָנמאכט.

עדנה און רפיס פאָטער האָבן זי בארואיקט. ווען רפיס מוטער האָט געעפנט די אויגן, האָט זי זיך געקלאמערט אין עדנה'ן, נישט אָפּגעלאָזן איר און געבעטן: „דערצייל! דערצייל אַלץ! ווי מיין פאָטער לעבט, ווער איז מיט אים? וווּ איז מיין מוטער? און נאָך פיל פראגן האָט זי געפרעגט אויף וועלכע עדנה האָט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. פון איבעראשונג האָט עדנה פארגעסן אין וויכטיקסטן, דעם גרוס פון רפי, און דאָס בילד פון זיין קינד. זי האָט זיך געשראָקן צו ערציילן אַלץ אין איינמאָל, זי אליין האָט באקומען אַ שאָק ווען זי האָט דערזעען רפי'ן אומגעריכט און איצט אַזויפיל נייעס אין איינמאָל, קען אַ מענטשן — פון גליק — קראנק מאכן. און דאָך איז איר געווען שווער אויסצובאהאלטן אזא לאנגערווארטע נייעס אַ גרוס פון רפין, זיין פרוי און קינד. זי האָט געזעען די מוטער פילט זיך שוין בעסער, האָט זי געזאָגט: „אויב איר וועט מיר געבן אייער וואָרט, איר וועט זיך האלטן רואיק, האָב איך נאָך אַ נייעס פאר אייך, נאָר איך שרעק זיך עס איז צופיל פאר איינמאָל... און איז שטיל געבליבן.

„האָסטו באגעגנט רפי'ן?" האָט דער פאָטער אויסגערופן און איבעראשטער און צוגעלאָפן צו עדנה'ן ארומגענומען איר קושן.

„זייט רואיק וועל איך אייך דערציילן" האָט עדנה געזאָגט.

נאָך אביסל באהערשן זיך, האָט עדנה דערציילט, ווי זי האָט

רפי׳ן באַגעגנט; און אין קורצן האָט זי אַלץ איבערגעגעבן פּאַרוואָס רפי האָט נישט געשריבן די גאַנצע צייט, און געזאָגט „איך האָף איר וועט אים מוחל זיין״. זי האָט ארויס גענומען דאָס בילד פון רפי׳ס קינד און דערלאַנגט עס די עלטערן, זאָגנדיק: „דאָס איז פאַר אייך, שרייבט צו אים, אַז איר האָט עס דערהאַלטן, וועלן זיי אייך ענטפערן, און אַלץ וועט גוט ווערן, די אדרעס פון פּראָפעסאָר איז אויך רפיס אדרעס״.

די עלטערן זענען ווי צומישט געוואָרן, נישט פאַרשטייענדיק וואָס דאָ קומט פאָר. זיי האָבן נישט געקענט גלייך ענטפערן פון איבעראַשונג און גליק, דערזעענדיק אַ בילד פון רפיס קינד.

עדנה האָט זיך געזעגנט און איז אוועק; לייכטער איז איר געוואָרן ווען זי איז ארויס אויף דער לופט, ווי אַ שטיין איז איר אראָפּ פון הארצן, נאָכן ערליידיקן איר שליחות.

קאַפּיטל 50

די נייעס וואָס עדנה האָט געבראַכט פון רפין האָט זיך שנעל צוטראָגן איבערן גאַנצן קיבוץ. רפי לעבט, עדנה האָט זיך מיט אים געטראָפן אין אַמעריקע. דער קיבוץ איז געווען איבעראַשט פון די נייעס. איצט זענען די חברים געווען אין כעס, פאַרוואָס מ׳שיקט ארויס חברים פון לאַנד, איינער האָט באַשולדיקט דעם צווייטן און מ׳האָט באַשלאָסן מער נישט ארויסצושיקן קיינעם פון לאַנד.

דאָס באַגעגענען זיך מיט רפין, מיטן פּראָפעסאָר, מיט מערי׳ן ראַפּיס פרוי און זיין קינד, דאָס אַלץ האָט געווירקט אויף עדנהן. ווי אין אַ חלום האָט זי געלעבט, איצט מוז מען אָנהייבן פון דאָס ניי. זי האָט באַשלאָסן צוריק פאָרן אין ירושלים צו איר לערנען.

קאפּיטל 51

תמר האָט שוין געוואָרט — אָן געדולד — אויף עדנה׳ס צוריקקומען.ביידע האָבן זיך דערפרייט ווען זיי האָבן זיך דערזעען. לאַנגזאַם האָט זיך דאָס לעבן ביי זיי נאָרמאַליזירט, איטליכער איז צוריק צו זיין אַרבעט. דאָס לערנען איז ווידער געוואָרן אינטערעסאַנט.

עדנה און תמר האָבן ווידער באַזוכט די קראַנקע, דורך דער צייט איז געוואָרן אַן ענדערונג ביי די קראַנקע, אַ טייל האָבן פאַרלאָזט דאָס קראַנקן הויז׳ און נייע זענען צוגעקומען. דאָס פּערסאַנאַל האָט זיי ווידער אויפגענומען מיט ליבע און מיט דאַנק פאַר זייער הומאַניטאַרע אַרבעט. דאָס לרענען איז ווידער געוואָרן אינטערעסאַנט.

דערציילט עדנה׳ן אז דער יונגער דאָקטאָר פלעגט זי פון צייט צו צייט באַזוכן, און געפרעגט אויף דיר. איך האָב אים געזאָגט אז דו ביסט נישט אין לאַנד. ער האָט געבעטן שרייבן דיר אַ גרוס, האָב איך אַזוי געטאָן. האָט תמר געזאָגט, עדנה האָט תמר׳ן געדאַנקט פאַר דער גרוס און האָט געפרעגט: „וואָס איז געוואָרן מיט דעם אַראַבער דיינעם? ווו איז ער היינט?״

„פרעג בעסער נישט״ האָט תמר געענטפערט, מיין מוטער האָט זיך דערשראָקן, הערנדיק זיין פּראָפּאָזיציע מיך צו הייראַטן. ער איז מער נישטאָ, בעסער אַזוי״, האָט תמר געזאָגט און ביידע האָבן זיך צעלאַכט. זיי האָבן זיך אַדורך גערעדט אינטימס פאַר דער גאַנצער צייט וואָס זיי זענען נישט געווען צוזאַמען, אַזוי ווי צוויי חברות, וועלכע ווייסן אַלע סודות איינע פון דער צווייטער. תמר האָט דערציילט עדנהן פון דער סטופּענדיע וואָס זי האָט באַקומען פון דער משפחה מאַזעס. די משפחה מאַזעס האָט זיי איינגעלאַדן צו זיך אהיים. זי איז דאָרט געווען מיט איר מוטער און געוואָרן אמת׳ע גוטע פריינט.

קאפּיטל 52

תמר ווערט אַלץ שענער, איר רעפּערטואַר ווערט רייכער און רייכער. איר שטימע איז אויסגעבילדעט. ווען זי באַווייזט זיך ווערט לייכטער

אויפֿן הארצן. די פֿארוווּנדעטע בעטן איר קום! קום. זי שענקט יעדן איר הארציקן שמייכל, נישט זעענדיק מיט וועמען זי רעדט און ווער עס רעדט צו איר.

אין אַ געוויסן טאָג, ווען דער שניי איז געפֿאַלן עדנה און תמר זענען ארויס פֿון קראנקן הויז האָט זיי דערזען דער באַקאַנטער יונגער דאָקטאָר ער האָט זיי הארציק באַגריסט און געזאָגט: „איך פֿאָר אין דער ריכטונג ווו איר, קומט ארײַן אין מאַשין, איך וועל אייך צופֿירן צו אייער היים. ער האָט עדנה׳ן אויסגעפֿרעגט פֿארשידענעס פֿון איר רייזע אין אמעריקע, ווי זי האָט דאָרט פֿארבראַכט. זי האָט אויף אַלעם געלעגנהייט האָט ער זיי געפֿירט אין זײַן מאַשין. עדנה האָט באַמערקט, די גאַנצע וועלט.

דער דאָקטאָר איז געוועזן אַן אָפֿטער באַזוכער בײַ זיי; בײַ יעדער געלעגנהייט האָט ער זיי געפֿירט אין זײַן מאַשין. עדנה האָט באַמערקט, קומען קומט ער צו ביידן, אָבער אינטערעס האָט ער צו תמרן; אַזוי האָט עס גענומען אַ צײַט, ביז תמר האָט דערציילט עדנה׳ן פֿון די אָפֿטע באַזוכן, וואָס דער דאָקטאָר מאַכט בײַ איר; זײַן קומען צו מיר איז מער ווי פֿריינטשאַפֿט. האָט תמר געזאָגט.

עדנה האָט פֿארשטאַנען, אַז נישט פֿון הײַנט ציט זיך דער ראָמאַן צווישן זיי, נאָך זײַענדיק אין אמעריקע האָט איר תמר געשריבן, אַז דער יונגער דאָקטאָר באַזוכט זי אָפֿטערס...

עדנה האָט איצט פֿארשטאַנען אַז דער דאָקטאָר און אויך תמר זענען צופֿרידענע פֿון זײַנע באַזוכן. זי האָט געפֿרעגט תמרן: ער ליבט דיך?" „ער האָט עס מיר געזאָגט" האָט תמר געענטפֿערט נאַיוו.

„נו און וואָס דענקסטו ווייטער?"

„ער וויל איך זאָל ווערן זײַן פֿרוי", האָט תמר געזאָגט ערנסט.

„און דו?" האָט עדנה געפֿרעגט.

„איך פֿיל ער איז אַ פֿיינער בחור, אָבער איך שרעק זיך אַביסל"

„פֿאַר וואָס?" האָט עדנה געפֿרעגט.

„מײַנע אויגן, איך זע אים נישט. און ווייס פֿון אים גאָרנישט! דו קאָנסט מיר העלפֿן". האָט תמר געזאָגט.

„מיט וואָס קען איך דיר העלפן?" האָט עדנה געפרעגט.

„טייערע! האָט תמר אויסגערופן זאָג ווי זעט ער אויס? וואָס דענקסטו וועגן אים?"

„דו רעדסט ווי אַ קינד" האָט עדנה געענטפערט. „דו פילסט דאָך אין זיין רעדן אין זיין באַנעמען זיך צו דיר, ווי ער דענקט וועגן דיר".

„איך ווייס גאָרנישט" האָט תמר געזאָגט, „איך באריר אים נאָר מיט מיינע הענט און איך ליב אים, נישט זעענדיק און נישט וויסנדיק ווער ער איז".

„אפשר וואָלט גלייכער זיין, דיין מוטער זאָל רעדן מיט אים?" האָט עדנה געזאָגט אַ באַזארגטע.

„ניין, טייערע, מיין מוטער וועט וועלן מיר זאָלן גלייך שטעלן אַ חופה".

„ריכטיק, אזוי דארף עס זיין" האָט עדנה געזאָגט.

„אָבער ער זאָגט אנדערש, ערשטנס מוז ער ענדיקן זיין פראקטיק, צווייטנס וויל ער מיך נעמען אין דער שווייץ און ער האָפט מיינע אויגן צו אָפערירן, דאן וועלן מיר חתונה האָבן".

עדנה'ן איז די גאנצע געשיכטע געוואָרן פארדעכטיקט. זי האָט נישט געטרויט דעם דאָקטאָר, זי אָט אָבער באַרואיקט תמרן, און געזאָגט: „גוט תמר איך וועל רעדן מיט דיין דאָקטאָר און וועל הערן וואָס ער וועט מיר זאָגן. תמר האָט געדאנקט עדנה'ן און אַ צופרידענע זי געקושט.

עדנה האָט געקוקט אויף איר מיט מיטלייד און געטראכט, ווער ווייסט ווי ווייט זיי זענען שוין אוועק דאָס פאָרל? תמר איז אַ גאיור אומגליקלעך קינד, זי האָט נאָך נישט געפילט וואָס הייסט ליבע. איצט — דער יונגער דאָקטאָר — זאָגט איר אלץ צו; אויך אירע אויגן צוריק לעבעדיק מאכן איז דאָך דאָס פאר תמרן אַ גליק. נאָר איך גלויב אים נישט, האָט עדנה געטראכט. און צוגייענדיק נאָנט צו תמר'ן האָט זי געזאָגט: „תמר! זאָג מיר דעם אמת „וויפל צייט קומט צו דיר דער דאָקטאָר מיט זיינע ליבע ערקלערונגען".

תמר האָט זיך פאַרויטלט און געענטפערט: פון דער צייט וואָס דו ביסט געווען אין אַמעריקע".

„נו און דיין מוטער ווייסט דאָס דו זעסט זיך מיט אים?"

„ניין" האָט תמר טרויריק געענטפערט, און זיך היסטעריש צו־וויינט. עדנה האָט תמרן ארומגענומען מיט ליבע און זי בארואיקט „וואָס וויינסטו? דערציילט אלץ איך וויל דיר העלפן, „וואָס האָט פאסירט צווישן אייךביידן?" האָט עדנה ערנסט געפרעגט.

„טייערע", האָט תמר שטיל פארשעמט אויסגעזאָגט דעם סוד: שוין אַ צייט ווי דער דאָקטאָר קומט צו מיר און מיר לעבן צוזאמען.

עדנה האָט געקוקט אויף תמר׳ן און פארשטאנען, זי האָט איר באַדויערט און געזאָגט: „בארואיק זיך טייערע, דאָס איז נישט קיין פארברעכן, ווען מ׳האָט ליב, אזוי וויל די נאטור. די פראַגע איז נאָר וויפל צייט וועט אַנהאלטן זיין ליבע צו דיר. און אויך צו וואָס וועט עס דערפירן?" האָט עדנה טרויריק פארענדיקט.

„דאָס אינטערעסירט מיך נישט, עדנה. איך האָב אים ליב אָן אַ פארוואָס; ער פילט אויס מיין פינצטער לעבן, מיין יוגנט. זאָל זיין וואָס ס׳וויל; איך האָב רעכט צו נעמען פון לעבן, ווי אלע אנדערע" האָט תמר היסטעריש און טרויריק געזאָגט.

„זיי פאַרזיכטיק תמר!" האָט עדנה צו איר גערעדט ווי אַ מוטער, „געדענק! דו מוזט טראכטן אנדערש, ווי אנדערע מיידלעך. שלעכט איז די וועלכע בלייבן שוואנגער און דער געליבטער ווערט פארשוווּנדן, וואָס וועט זיין מיט דיר?" האָט עדנה געפרעגט.

„איך האָף אז מיר וועט עס נישט טרעפן". האָט תמר געזאגט זיכער און ענטשלאָסן. נישט טראכטענדיק וואָס די צייט וועט ברענגען. „איך ווינטש דיר נישט אזעלכעס, אָבער ס׳איז נישטאָ קיין זיכערקייט, האָט עדנה געזאָגט קוקנדיק אויף תמר׳ס בלינדע אויגן: „דו ביסט מער אומגליקלעך ווי שולדיק, טייערע! ריכטיק, דיין יונג לעבן פאַדערט, אָבער דיין גורל איז אנדערש ווי ביי אַ צווייטע דו מוזט זיין פאַרזיכטיק, נישט לאָזן זיך אויסנוצן און דאן פארלירן אלץ. עדנה האָט געטראַכט זי מוז רעדן מיט דעם יונגן „העלד" דעם דאָקטער, וועלכער

בעמט אויף זיך צופיל פאַראַנטוואָרטלעכקייט. א שווערער פּראָבלעם. זי האָט א קרעכץ געטאָן, און באַשלאָסן רעדן און הערן וואָס זאָגט ער?

קאַפּיטל 53

די עלטערן פון רפי זענען געווען גערירט פון די נישט ערוואַרטעטע בייעס. די מוטער און דער פאָטער זענען ארומגעגאנגען ווי אין אַ חלום זיי האָבן נישט געגלויבט אין דער גאַנצער געשיכטע, וואָס עדנה האָט זיי דערציילט און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. ווי עדנה האָט זיי איבער־געגעבן געפינט זיך רפי ביי מיין פאָטער. האָט די מוטער געזאָגט אַ לעגענדע: מיין פאָטער לעבט, מיין זון רפי איז מיט אים; דאָס בילד פון קינד איז מיין אייניקל. איר קאָפּ האָט זיך געדרייט, פון צופיל גליק. דאָס איז צופיל פאַר אַ מענטשן אויפצונעמען אין איינמאָל. אזוי פיל גליק האָט זי געטראַכט זי האָט געלאַכט און געוויינט. נישט גלויביק איז עס געווען פאַר איר, זי האָט געבעטן איר מאַן ער זאָל פאָרן מיט איר צו עדנה׳ן אין ירושלים, זי זאָל נאָכאמאָל אלץ דערציילן. איר פאָטער לעבט, איר זון לעבט, ער האָט אַ פרוי מיט א קינד זיי זענען גליקלעך אין דער צייט ווען זי און איר מאַן האָבן אים שוין אויפגעגעבן, און פאַרעכנט צו די צוויי דאָרט אונטער דעם בערגל. אַך לעבן! לעבן! האָט די מוטער אויסגערופן, אויפהויבנדיק אירע הענט אין דער הויך און פון פרייד האָבן זיך אירע אויגן אָנגעפילט מיט טרערן, און נישט געקענט זיך שטילן.

דער פאָטער האָט פאַרשלונגען זיינע טרערן, און געטראַכט מ׳קען קיינמאָל נישט וויסן וואָס די צייט קען ברענגען. מ׳מוז ענטפערן און דאנקען פאַר די בילדער, ער האָט מיט ציטערדיקע הענט געשריבן אין קורצן אַ הארציקן דאנק־בריוו. ער האָט געווונטשן זיך און זיי. וואָס שנעלער זיך צו באַגעגענען. דער נאָך האָט ער זיך געוואָנדן צו דער מוטער און געזאָגט: „איצט שרייב דו מיט דיין האַנט״.

די מוטער האָט געגומען שרייבן: מיינע טייערע און ליבע, מיין האנט און הארץ ציטערן ווען איך שרייב די פּאָר ווערטער צו אייך. אזויפיל גליק, צו געפינען מיין הארץ־געליבטן פאָטער, מיין זון, זיין פרוי און קינד. דאָס איז דאָס גרעסטע גליק אין מיין לעבן פאר אלע מיינע ליידן און צרות אין די אלע יאָרן וואָס איך האָב מיטגעמאַכט און נאָר געקלערט פון אייך און געהאָפט אויף דעם גרויסן היינטיקן טאָג, וועלכער איז איצט געקומען. טייערע! איצט קען איך נישט מער שרייבן, מיינע טרערן באַנעצן די שריפט. איך קוש אייך אלעמען מיט מיין אמת'ע ליבע; איך האָף איר וועט פון היינט אָן שרייבן צו אונז זייער אָפט און מיר וועלן נאַטירלעך גלייך ענטפערן, אַזוי, אַז דער פאָדעם וועלכער האָט אונז ווידער פארבונדן וועט זיך שוין קיינמאָל נישט איבעררייסן. זייט געזונט, אייער טאַכטער און מוטער, וועלכער האָפט צו באַגעגענען זיך מיט אייך ווי אַמשנעלסטן.

די מוטער האָט באַגאָסן דעם בריוו מיט טרערן פון גליק. זי האָט אים פארמאכט און געטראַכט אין דעם קאָנווערט ליגט אזויפיל נחת, וואָס די צייט האָט מוסטערהאפט אדורכגעפירט. יאָרן, יאָרנלאַנג ביז דער טאָג איז געקומען און פארענדיקט די טראַגעדיע פון מיין משפחה.

קאפיטל 54

חסן איז איבערגעפירט געוואָרן אין אַ לאַגער פון מלחמה געפאַנגענע; ס'האָט זיך אים שטארק געבענקט נאָך תמר'ן, ווער ווייסט אויב ער וועט איר נאָך זעען אין זיין לעבן. אין לאַגער האָט ער זיך באַגעגנט מיט נאָך אזעלכע ווי ער. זיי האָבן זיך דערפרייט און גענומען רעדן פּאָליטיק און האָבן געהאָפט באפרייט צו ווערן. דערוויילן איז מען אין ישראל. חסן זאָגט און האלט אַז דער איבערפאַל אויף יידן — צו פארניכטן — איז געווען באַרבאַריש. די צייט האָט באַוויזן, אַז

אויך ישראל האָט געוואָרן די גרענעצן האָבן צוויי זייטן; פייער אין ביידע זייטן גלייך; מלחמה איז נישט שלום. די יידן זענען ווי אַלע פעלקער און פאַרטיידיקן זייער רעכט צום לעבן. זיי ווילן לעבן ווי אַלע מענטשן. וואָס וויל מען פון די יידן?" האָט חסן געזאָגט מיט באַדוירונג. „נישט מיר און נישט די יידן זענען שולדיק אין דער מלחמה נאָר די דיפּלאָמאַטן. מיר ליידן פון דער מלחמה. מיר ווערן אינוואַלידן, מיר פאַלן, פאַר וועמען? זאָל איך נאָר אַהיים קומען, וועל איך פרעגן: צו וואָס מלחמה? מלחמה איז אומקום. שלום הייסט לעבן".

זיי האָבן אַ סך דיסקוטירט צווישן זיך, יאָ מלחמה נישט מלחמה, און קיין ענטפער איז נישט געקומען. זיי בענקען און ווילן זען זייערע משפּחות. וועלכע וואַרטן אויף זיי אומגעדולדיק אין יענער זייט גרענעץ. ווער ווייסט ווי לאַנג ס'וועט נעמען ביז דער שלום וועט קומען. דער הימל איז בלוי ווי געווען די זון שיינט, די שטערן קומען און גייען, די פויגל זינגען. דער מענטש, בויט, שאַפט, פּראָגרעסירט, פליט צו דער לבנה, אַלץ געהער אים, נאָר דעם שלום קען ער נישט געפינען. שווידערלעכע מלחמות מיט דעם מאָדערנסטן געווער, די וועלט צו פאַרניכטן, דאָס ווייסט ער, דער מענטש.

קאַפּיטל 55

ווען רפי האָט דערהאַלטן דעם ערשטן בריוו פון זיינע עלטערן, האָט דאָס גאַנצע הויז זיך געדרייט פון פרייד. אַ ציטער איז אַדורך, דורך אַלעמען. ענדלעך אַ לעבעדיק וואָרט. דער פּראָפעסאָר האָט גענומען אין זיינע הענט דעם בריוו, געקוקט אויף אים מיט טרויער און פרייד און געטראַכט דאָס איז די שריפט פון מיין קינד, פון מיין טאָכטער. ער האָט זיך נישט געקענט באַהערשן און געקושט דאָס שטיקל טריקענע־קאַלטע פּאַפּיר; רפי האָט געוויינט, זיי האָבן זיך אַרומגענומען, איינגעקלאַמערט איינער אין צווייטן אָן ווערטער האָבן זיי זיך פאַרשטאַנען. דער דאָזיקער

בריוו איז אַ דאָקומענט און אַ באַשטעטיקונג, אַז זיי זענען איין פאַמיליע.

מערי האָט געקוקט אויף די צוויי מענער און פאַרשטאַנען זייערע הערצער, זי איז זיי מקנא געווען און זיך געטראַכט: ווען וועל איך באַגעגנען מיינע עלטערן?

זי האָט אויסגעווישט אירע אויגן און געזאָגט: „גענוג, איר מוזט זיך באַהערשן, לאָזט אַביסעלע אויף שפּעטער, ווען מיר וועלן זיין אַלע צוזאַמען. דאַן וועלן מיר האָבן די גאַנצע שמחה".

דער זיידע און דאָס אייניקל האָבן אויסגעווישט די טרערן און געטראַכט אַזוי האָט דער גורל געוואָלט. מערי האָט געקוקט אויף ביידן, אַ צופרידענע. רפי פול מיט פרייד, און דער אַלטיטשקער אַ שוואַכער האָט געקוקט אויף די קינדער מיט גליקלעכע קלוגע אויגן און מיט אמת׳ע פאָטער ליבע. ער האָט ערשט איצט דערפילט ווי דאָס לעבן האָט זיך מיט אים אַ שפּיל געטאָן און די צייט האָט געבראַכט די בעלויִנונג פאַר אַלע יאָרן פון ליידן. דאָס איז דער טייערער בריוו פון זיין טאָכטער. רפיס מוטער, אָבער דאָס גליק איז געשטערט צוליב מלחמה אין ישראל. וואָס טוט מען? וואָס מאַכט מען פאַר די ליידענדע? אַלע דריי האָבן געפרעגט אין געזוכט אַן ענטפער ווי דעם שווערן גורל אָפּצושטויסן פון זייער גוטע שעה אין לעבן.

„פּאַפּא" האָט מערי געזאָגט: „איצטער וועלן מיר די עלטערן ברענגען צו אונז". זי האָט זיך איינגעבויגן צום פּראָפעסאָר אין אים אַ קוש געטאָן אין האַנט, ווי זי וואָלט דערמיט אויסדריקן אירע מיט־געפילן, זיך טיילן מיט זיינע ליידן און פריידן, וועלכע ער לעבט איבער אין די שעהן.

אַלע דריי האָבן איינגעשטימט מ׳זאָל שיקן אַן איינלאַדונג צו די עלטערן, זיי זאָלן קומען אין אַמעריקע. ווען מהאָט דערהאַלטן דעם ענטפער די עלטערן קומען, איז דאָס שטילע הויז געוואָרן רוישיק. אַלע האָבן געוואַרט אויף דעם גליקלעכן טאָג.

מערי האָט זיך דערמאָנט אין אירע עלטערן זיי ליידן זיכער די גאַנצע צייט זינט זי האָט זיי פאַרלאָזן. זי האָט אַ טראַכט געטאָן אפשר איז כדאי שרייבן צו זיי אַפּאָר ווערטער? אָבער אין דעם מאָמענט

האָט זי זיך דערמאָנט אין איר פאָטער ווי זיינע ווערטער קלינגען נאָך היינט אין אירע אויערן: מיט א אינוואליד ווילסטו חתונה האָבן? נישט ביי מיין לעבן! האָט ער געשריגן ווי א דיקטאטאָר אין היינט ווען ער וועט זיך דערוויסן, אַז דער אינוואליד איז אויך אַ ייד, וואָס וועט ער זאָגן? און די מוטער, וועט זאָגן מיט ווייטיק ער איז נישט קיין קאַטאָליק? דאָס וועט זיי נאָך מער וויי טאָן. בעסער שווייגן און וואַרטן אויף אַ פאסענדע געלעגנהייט. אָבער ס׳האָט איר נישט געלאָזן רוען. ווען זי האָט זיך דערמאָנט, זי אַ קריסטן, איר מאַן אַ ייד. וואָס טוט מען האָט זי געפרעגט זיך אליין ווי ארויסצונעמען פון דעם פלאָנטער איר קינד; איר איז קיין אונטערשיד, גאָט איז איינער און רעליגיעס זענען אַ סך און איר קינד מוז האָבן איין ריכטונג אין לעבן, ייד אָדער קריסט זי האָט באשלאָסן רעדן מיט רפי׳ן, איידער זיינע עלטערן וועלן קומען.

זי האָט געפרעגט רפין: „טייערער! זענען דיינע עלטערן רעליגיעזע?“.

„פאַרוואָס פרעגסטו?“ האָט רפי פאַרווונדערט געקוקט אויף איר.

„איך וויל וויסן, ענטפער מיר“ האָט מערי געבעטן. מיינע עלטערן זענען יידן, אזוי ווי מיין זיידע און איך“ האָט ער שטאָלץ געענטפערט.

און וואָס דענקסטו וועגן אונזער קינד? ווי וועלן מיר אים ערציִען?“ האָט מערי געפרעגט און צוגעגעבן „דו ווייסט, אַז איך און מיינע עלטערן זענען קריסטן“.

רפי האָט דאָס ערשטע מאָל זיך ערנסט פאַרטראַכט וועגן רעליגיע, האָט ער געזאָגט: „איך גלויב אז מיין פרוי און מיין קינד וועלכע טראָגן מיין נאָמען און אויך אונזער פאמיליע נאמען דארף דאָס קינד זיין ייד“. האָט רפי געענטפערט ענטשלאָסן.

מערי האָט ערנסט געקוקט אויף אים און געטראַכט ער האָט רעכט. איך האָב מיינע עלטערן פאַרלאָזן און געגאַנגען מיט אים, און געוואָרן זיין געזעצלעכע פרוי, האָב איך פארלוירן מיין עלטערנס נאָמען און איבערגענומען דעם נאָמען פון מיין מאַן און פון זיין פאַמיליע. ער האָט רעכט איך געהער אים אויך אונזער קינד טראָגט זיין פאמיליע נאָמען, זי האָט פארשטאנען לאָגיש, דאָס דער נאָמען בינד די משפחה. זי האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט מיט ליבע צו רפין: „איך געהער

דיר און אַלץ וואס געהער דיר איז מיר ליב און טייער. מיר האָבן איין נאָמען און איין גלויבן. דאָס איז אונזער ליבע. רפי האָט מעריי'ן ארומגענומען זי צוגעדריקט צו זיך און באשאָטן מיט קושן, פאר דאנקבארקייט.

מערי האָט פארשטאַנען, אז אַנדערש קען נישט זיין, ווען מ'וויל אַ גליקלעך צוזאמענלעבן צווישן מאַן און פרוי. מערי האָט זיך געפילט א צעפרידענע, ערליידיקט דאָס פראָבלעם פון רעליגיעס, האָט זי געטראכט אַ בארויקטע.

קאפיטל 56

עדנה האָט געזוכט אַ געלעגנהייט צו רעדן מיטן יונגן דאָקטאָר, וועגן תמר'ן.

דער דאָקטאָר האָט זיך באַמיט וואָס וויי‌ניקער צו רעדן מיט עדנה'ן און וואָס ווייניקער זיך באגעגענען מיט איר.

אין אַ טאָג ווען עדנה איז געגאנגען אין גאַס האָט זי צופעליק באגעגנט דעם דאָקטאָר. האלאָ! האלאָ! האָט זי אים גערופן: „גייסט זיכער צו תמר'ן. דער דאָקטאָר האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן, איז ער געבליבן שטיין א צוטומולטער. עדנה האָט עס באמערקט האָט זי געזאָגט: „תמר פילט זיך נישט גוט, איך האָב זי אליין געלאָזן אין צימער, זי וועט זיין צופרידן דיך צו זען, דאָקטאָר".

„וואָס איז איר?" האָט ער געפרעגט.

„ווער ווייסט?" האָט עדנה געענטפערט, און צוגעגעבן: „שוין אַ צייט ווי זי פילט זיך שלעכט און גייט נישט ארויס פון שטוב".

דער דאָקטאָר האָט זיך פארטראכט און געזאָגט: „איך גיי צו איר".

עדנה האָט אים פארהאלטן אין געזאָגט: „ביי דער געלעגנהייט וויל איך דיך בעטן: דאָקטאָר. — אויב דו קענסט — דעם הייגטיקן

אונט מיך נעמען מיט דיין אויטא? וואלט איך דיר געווען דאנקבאר״.

„וווהין דארפסטו פארן״ האט ער געפרעגט.

„ווען דו וועסט קומען אין אוונט, וועל איך דיר זאגן ביסט פריי?״ האט עדנה געפרעגט.

„גוט״ האט ער איינגעשטימט. „איצט גיי איך צו תמר׳ן. ער האט דערלאנגט עדנה׳ן זיין האנט, זיי האבן זיך געזעגנט, און יעדער איז געגאנגען אין זיין ריכטונג.

ווען עדנה איז צוריק געקומען אין צימער איז דער דאקטאר שוין נישט געווען. תמר איז געלעגן אויף דער סאפע און געוויינט. „וואס האט פאסירט?״ האט עדנה דערשראקן געפרעגט, „וואס וויינסטו?״

„אך טייערע עדנה, ס׳איז מיר אזוי שלעכט איך וויל מער נישט לעבן״ האט תמר א פארביטערטע געזאגט.

„רעד נישט קיין נארישקייטן, זאג וואס האט פאסירט?״, דיין דאקטאר איז געווען ביי דיר?״ האט עדנה געפרעגט „יא״ האט תמר געענטפערט, איך וויל אים מער נישט קענען! האט זי נערוועז אויס־געדופן.

„פארוואס״ האט עדנה געפרעגט פארוואונדערט.

„ווייל ער איז א שלעכטער מענטש״ האט תמר געענטפערט אין פארשוויגן.

„וואס האט ער דיר געטאן?״ האט עדנה געפרעגט קוקענדיק אויף תמרן מיט שרעק.

„ער האט מיר צוגענומען מיין יוגנט, און איצטער האט ער קיינע פליכטן פאר מיר״ האט תמר געזאגט וויינענדיק.

עדנה איז צו צו תמרן האט זי ארומגענומען ווי א קינד און געזאגט: „ערשטנס בארואיק זיך, און זאג וואס איז געשעען וואס האט ער מיט דיר גערעדט? דערצייל מיר דעם אמת, האט עפעס פאסירט? שעם זיך נישט, זאג! מיר זענען דאך פרויען; עס קען געשעען ביי יונגע מענטשן״...

תמר האט א ווארף געטאן איר קאפ אין קישן, און געזאגט:

„איך שוואנגער" זי האָט פאַרבראָכן אירע הענט און נישט אויפגעהערט וויינען.

„וויין נישט קינד" האָט עדנה זי באַרואיקט „דו ביסט נישט די ערשטע און נישט די לעצטע, אָבער פאַרצווייפלט דאַרפסטו נישט זיין, איך וועל דיר העלפן מיר וועלן אלץ ערליידיקן, זאָרג נישט".

„וואָס וועט זיין, אז מיין מוטער וועט זיך דערוויסן, ווי וועט זי דאָס אויפנעמען?" האָט תמר ביטער געפרעגט.

„זיי שטיל" האָט עדנה איר באַרואיקט. „אלץ וועט זיך איינאָרדנען, נאָר אָן היסטעריע, געדענקסט! איך האָב דיר געזאָגט זאָלסט זיך היטן".

„אָבער וואָס מאכט מען איצטער?" האָט תמר געפרעגט נערוועז.

„זיי נאָר רואיק איך וועל זיך היינט באַגעגענען מיטן דאָקטאָר און וועל מיט אים רעדן, וועל איך הערן וואָס ער וועט זאָגן, וועלן מיר וויסן, וואָס מיר האָבן צו טאָן, זיי נאָר רואיק, אלץ וועט גוט ווערן. איצטער מוז איך גיין, דו פאַרהאַלט זיך רואיק". עדנה האָט תמר'ן אַ קוש געטאָן און געבעטן וואַרטן ביז זי וועט צוריק קומען זיכער מיט בשׂורות.

עדנה איז אוועק מיט אַ שווער האַרץ, טראַכטנדיק וואָס וועט איצט זיין מיט דער אומגליקלעכער בלינדע מיידל? ווער ווייסט וואָס דער דאָקטאָר דענקט צו איז ער אַ מענטש וואָס מ'קען אים טרויען אין לעבן?

אין דער באַשטימטער שעה איז דער דאָקטאָר געקומען עדנה'ן נעמען.

דער דאָקטאָר האָט איר געפרעגט: „וווהין ווילסטו פאָרן?

„וווהין דו וועסט מיך פירן, וועל איך פאָרן". האָט עדנה געענטפערט און צוגעגעבן: „איך בין היינט דענערווירט".

„וואָס האָט פאַסירט?" האָט ער געפרעגט.

„ס'האָט פאַסירט נישט קיין פיינע האַנדלונג פון אַ פיינעם אינטעליגענטן מענטשן".

„וואָס צום ביישפּיל?" האָט דער דאָקטאָר געפרעגט „קען איך דאָס וויסן?"

„דאָס וועל איך דיר דערציילן ווען מיר וועלן זיין אויף אַ פלאַץ, נישט אין אויטאָ". האָט עדנה געענטפערט.

„האָסט רעכט" דער דאָקטאָר האָט גענומען פאַרדרייען די מאַשין אין די געסלאַך פון דער אַלטער שטאָט אין ירושלים.

„וווהין פאָרסטו?" האָט עדנה געפרעגט, דערזעענדיק די ענגע קרומע געסלאַך, וועלכע זי האָט — ריכטיק — נישט געקענט.

„שרעק זיך נישט, איך פיר דיך אין אַ קאַפע הויז, דאָרט וועלן מיר קענען רואיק רעדן".

„פאַרוואָס אין אַזעלכע געסלאַך?" האָט עדנה געפרעגט „איך וויל דו זאָלסט באַקענען ירושלים של מטה ירושלים של מעלה קאָנסטו, דעריבער האָב איך דיך אַהער געבראַכט, זיי רואיק דו פאָרסט מיט מיר, ס'וועט דיר גאָרנישט געשעען".

עדנה האָט נישט געענטפערט, זי האָט זיך שטיל צוגעקוקט צום וועג פון די זיגזאַגיקע געסלאַך, וועלכע זענען איר פרעמד געווען. זי איז פון דעם שפּאַציר נישט געווען צופרידן, אָבער זי האָט שוין נישט געקענט צוריק. און אָט שטייען זיי שוין פאַר א קליינע אַראַבישע קאַפע.

זיי זענען אַריין, אַלע טישלעך זענען געווען פאַרנומען. אין אַ ווינקל איז געזעסן אַ מיידל און געררויכערט. די מיידל האָט באַמערקט ווי עדנה בלייבט שטיין זוכנדיק אַ פלאַץ האָט זי געזאָגט צו עדנהן: איר קענט זיך דאָ זעצן איך וועל אייך נישט שטערן. גלייך גיי איך אוועק אין דער טיש בלייבט פאַר אייך". עדנה האָט זיך געזעצט און דער דאָקטאָר לעבן איר. זי האָט זיך ארום געקוקט פאַרדעכטיק אויף דעם פלאַץ אין די קאַפע. די מיידל האָט געלאַכט און געזאָגט צו עדנהן: „דאָס ערשטע מאָל ווי דו קומסט אין דעם פלאַץ אמת?" „יאָ דאָס ערשטע מאָל". אירע אונטערגעשמירטע אויגן האָבן געקוקט צום דאָקטאָר און געפרעגט: אויך דו דאָס ערשטע מאָל?" „ניין" האָט דער דאָקטאָר געזאָגט „איך קען גוט דעם פלאַץ".

„איך ווייס, עס|אז דו קענסט דעם פלאַץ" האָט זי געזאָגט, „אָבער נישט זי", האָט די מיידל געלאַכט און אָנגעוויזן אויף עדנהן. „פון ווו ווייסטו דאָס?" האָט דער דאָקטאָר געפרעגט כא, כא, כא, האָט זי זיך

צעלאכט. „דאָס זע איך אין איר אלע זענען מיר פרויען אָבער נישט די זעלבע; זי איז געקומען מיט אַ מאַן און איך וואָרט מ׳זאָל מיך רופן צו א מאַן״ דאָס איז דער אונטערשיד. זי האָט געקוקט אויף עדנה׳ן ווי אויף א נאיווע קינד. און צוגעגעבן: „דיר קומט אויס קאַמיש מיינע ווערטער, אמת? אָבער אַזוי איז דאָס לעבן אלע זענען די זעלבע, די פון דיין וועלט און איך פון מיין וועלט. אונז האָט די געזעלשאַפט פיינט. מען רופט אונז מיט געסטעמפּלטע נעמען.

„ווער״ האָט עדנה געפרעגט נישט פארשטייענדיק אירע ווערטער.

„די פּאָליציי לייגט אויף אונז איר סטעמפּל, אויך דו האָסט נישט געוואָלט זעצן זיך ביי מיין טישל, ווען דו האָסט מיך דערזעען״. די מיידל האָט אראָפּגעלאָזן איר קאָפּ.

„איך קען אייך נישט; פון ווו ווייסט איר, וואָס איך טראַכט וועגן אייך?״ האָט עדנה געפרעגט.

„איך האָב עס געפילט אין דיין בליק, ווען דו ביסט אריין כא, כא, כא, האָט זי זיך ווידער צעלאַכט און פארצויגן דעם רויך פון איר סיגארעט, וועלכן זי האָט געהאַלטן אין מויל.

„איר קלערט שלעכט״ האָט עדנה געזאָגט.

„איך דענק אַזוי ווי איך האָב דיר געזאָגט, מיר זענען אלע פרויען אָבער מיט אונטערשיד איינע גיט איר קערפּער פאר געלט, די צווייטע פאר ליבע, דאָס איז דער ריינער אמת״ האָט זי שמייכעלדיק פארענדיקט.

„פאר וואָס טוט איר נישט ווי די צווייטע, וועט מען אייך אריינרעכענען אין דער געזעלשאַפט, אויך די פּאָליציי וועט אייך נישט פארפאלגן. האָט עדנה געזאָגט ערנסט.

„דו דענקסט דאָס איך בין אימער אַזוי געוועזן? ניין! איך האָב מיין קערפּער געשענקט דעם וועלכן איך האָב ליב געהאַט, און אָט האָסטו דעם רעזולטאַט וואָס ער האָט געמאַכט פון מיר״. האָט זי געזאָגט טרויריק.

„איר קענט זיך באַפרייען פון דעם לעבן, אויב ס׳געפעלט אייך נישט״ האָט עדנה געזאָגט: „אין צוריק ווערן ווי געוועזן״.

„באַפרייען זיך?״ האָט דאָס מיידל אויסגערופן מיט ביטערקייט

וואָס וועט מיר שוין דאָס לעבן געבן? נאָך דעם איבערלעבן, ווער וועט מיט מיר רעדן? וווּ וועל איך געפינען ארבעט? יעדער וועט אָנווייזן אויף מיר און זאָגן: דאָס איז די וועלכע די פּאָליציי קען איר גוט, נו איז וואָס דענקסטו? איך וועל קענען צוריק געפינען מיין לעבן, צווישן מענטשן? ניין טייערע; איך בין פארמשפּט צו פארבלייבן מיט מיין גורל ווי איך בין".

עדנה האָט געקוקט אויף דער אומגליקליכער, א ציטער איז איר אַ דורך, זי האָט שטיל אַ זיפץ געטאָן. דאָס מיידל האָט עס דערפילט און געזאָגט: „דו באַדויערסט מיך האַ? דארפסט מיך נישט באַדויערן ווייל אין דער אמת'ן איז מיין ארבעט ווי אלע אנדערע, איינער ארבעט באַטאָג, אַ צווייטער באנאכט. נאָר געלט צו פארדינען. אַזוי מאַכן מיר אויך; מיר זוכן פרנסה, דאָס איז אלץ. קיינער גיט נישט קיין געלט אָן עפּעס צו באקומען, דער סוחר, דער שניידער דער דאָקטאָר, דער לערער און אפילו א פּראָפעסאָר זוכט אויף פרנסה מיך האָט דאָס לעבן אריינגעפירט אין אזא פרנסה". און זי האָט צוגעגעבן: „נישטאָ וואָס מיך צו באדויערן? מיר מאכן אַ לעבן, צו יעדער ארבעט געווינט מען זיך", האָט זי לאכנדיק פארענדיקט, ווי עס איז איר שוין נישט קיין אונטערשיד.

„ווען מ'זאָל אייך ארויסנעמען פון דעם אונטערגרונד, וואָלט איר עס פארלאָזן?" האָט עדנה געפרעגט.

„ווער וועט מיך נעמען? ווער איז פאראינטערעסירט אין אזאַ ווי איך? האָט זי געפרעגט טרויריק, „ווער וועט קומען צו מיר?"

„אָבער דאָך, ווען ס'קומט ווער, וואלט איר געגאנגען?" האָט עדנה געפרעגט.

„איך יאָ, אָבער מיין באַס וואָלט מיך אויסגעפונען — וווּ איך זאָל נישט זיין, וואָלט ער מיך צוריק געשטעלט צו דער ארבעט. דאָס איז זיין געשעפט און אויך ער זוכט פרנסה". עדנה האָט געקוקט אויף איר מיט בעדוירונג.

עדנה און דאָס מיידל וואָלטן נאָך גערעדט און גערעדט, ווען נישט אין דעם מאָמענט איז ארײַן אַ מאַן, ער האָט אַ ווונק געטאָן צו

דער מיידל. זי האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט און צוזאמען מיט איר אוועק. זי האָט פריינטליך אַ מאַך געטאָן — פון ווייטן — מיט איר האַנט און איז פאַרשוווּנדן מיט איר באַגלייטער.

עדנה האָט איר נאָכגעקוקט פילנדיק אַן אינערליכן ווייטיק, זי האָט געטראַכט: ווי אַזאַ יונגע מיידל, זי איז אַן אָביעקט, אַ געצייג אין די הענט פון איר באַס, פון די וועלכע קומען צו איר פון דער אונטער־וועלט. קיינעם אינטערעסירט זי נישט, קיינער טראַכט נישט אַזאַ יונגע מיידל איז אַ פאַרלוירענע נשמה. זי איז אַ געצייג אין מענטשלעכן געש־טאַלט, זי געהערט צו אַלעמען און צו קיינעם נישט, ווער עס גיט געלט דעם געהערט זי אויך נישט צו זיך אַליין; פאַר זיך עקזיסטירט זי נישט; זי לעבט נאָר אויסצופירן פונקציעס פאַר אַנדערע, אָן וועלכע זיכערקייט פאַר זיך, אָן וועלכע צוקונפט פאַר זיך.

דער דאָקטאָר האָט זיך איינגעהערט צו זייער שמועס מיט אַ שמייכל. דאָס באַגעגעניש האָט געווירקט שלעכט אויף עדנה׳ן, דער דאָקטאָר האָט באַדויערט, וואָס ער האָט איר גענומען אין דעם פּלאַץ. — ווי פאַרשעמט — האָט ער געזאָגט: „ס׳האָט אויף דיר געמאַכט אַ שלעכטן איינדרוק איר רעדן, דו ביסט נישט געוווינט צו באַגעגענען אַזעלכע טיפּן, ווי זי. אמת?״

„אמת״ האָט עדנה געענטפערט, איך האָב ביז היינט נישט געוווּסט ווי ס׳זעט אויס די אונטערוועלט. דאָ האָב איך זי באַגעגנט אַדאַנק דיר דאָקטאָר!״ האָט עדנה רואיק און ערנסט געזאָגט. דער דאָקטאָר האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט: „די אונטערוועלט פאַרמאָגט שיכטן, קלאַסן, העכערע, נידעריקע ראַנגעס, טראַכט נישט, אַז מיט דעם מיידל איז שוין אַלץ פאַרענדיקט; דאָס איז נאָך נישט אַלץ. ווו זענען די סמען דאָס לעבן פון גנבים, פאַרברעכער, סתם אויסוואָרפן, וועלכע שפּילן זייער ראָלע אויף דער וועלט, ווי דזשענטלמענער. די הויכע געזעלשאַפט מאַכן געשעפטן ,דורך אָט די קליינע מענטשעלעך. קיינער ווייסט נישט וועמען צו באַשולדיקן, די הויכע פיינע געזעלשאַפט, אָדער די אונטערוועלט דו ביסט נאַיוו, פאַרשטייסט עס נישט״.

עדנה איז געזעסן, געקוקט אויף דעם דאָקטאָר און געטראַכט: פון

וו ווייסט ער אלע סודות פון דער אונטערוועלט און פון וווּ קען ער זייער לעבן. זי האָט געפרעגט: „זאָג מיר דאָקטאָר, וואָס דענקסטו וועגן דעם מאַן, וועלכער האָט געבערענגט דאָס מיידל צום אָפּגרונט?”.

„עס איז נישט פיין פון דעם מאַן, אזעלכס דאַרף נישט זיין” האָט דער דאָקטאָר ערנסט געענטפערט.

„ווען דו ביסט אויף זיין פּלאַץ, דאָקטאָר? וואָס וואָלסטו געטאָן מיט דעם מיידל?” האָט עדנה רואיק געפרעגט און געקוקט ערנסט אין זיין פּנים.

דער דאָקטאָר האָט זיך אַהויב געטאָן, ער האָט זיך געפילט נישט באַקוועם, דאָך האָט ער געמוזט ענטפערן און ער האָט געזאָגט: „איך ווייס נישט וואָס איך וואָלט געטאָן”.

עדנה האָט געפילט ווי ער וויל זיך ארויסדרייען פון דעם דאָזיקן געשפרעך, זי האָט אבער געוואָלט אים אריינציען, ביז זי וועט צוקומען צו דעם וואָס זי וויל וויסן. „ווייסט דאָקטאָר, אַז מיר מוזן זיך אייביק שטעלן אין די רייען פון די ליידנדע אומגליקלעכע ווי צום ביישפיל תּמר”, האָט עדנה ערנסט געזאָגט.

דער דאָקטאָר האָט אַ קוק געטאָן אויף עדנה'ן, און געפרעגט: „וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן?.

„איך וויל דיר נאָר זאָגן — דאָקטאָר — אַז אָט די תּמר געפינט זיך איצט אין דער זעלבער לאַגע ווי דאָס אומגליקליכע מיידל האָט זיך געפונען, ווען זי האָט געליבט דעם ערשטן בחור אין איר לעבן, ער האָט זי פאַרלאָזן און גענאַרט”.

„וואָס ווייסטו פון תּמר'ן? ווער האָט איר פאַרלאָזן? האָט דער דאָקטאָר געפרעגט. „קיינער האָט איר נישט פאַרלאָזן”.

„קיינער האָט איר נישט פאַרלאָזן?” האָט עדנה געפרעגט און צוגעגעבן „איך האָף אַז מ'וועט איר נישט פאַרלאָזן, ווייל תּמר איז דאָפּלט אומגליקלעך, מער ווי אַ צווייטע פרוי; זי האָט נישט אירע אויגן” האָט עדנה טרויריק אין ערנסט געזאָגט.

„וואָס זאָל דאָס הייסן?” האָט דער דאָקטאָר געפרעגט, קוקנדיק עדנה'ן אין די אויגן מיט פאַרדאַכט.

„דאָקטאָר! תמר שוואַנגערט פון דיר, איר קען מען נישט פאַרלאָזן, ווייסטו דאָס?״ האָט עדנה געזאָגט.

„פון וואו ווייסטו, אַז דאָס איז פון מיר?״ האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

„יאָ דאָקטאָר, דו ווייסט עס אויך, אַז דו ביסט דער ערשטער ביי איר און ביסט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם וואָס האָט פּאַסירט״. עדנה איז שטיל געבליבן וואַרטנדיק אויף ענטפער.

דער דאָקטאָר האָט אָנגעגאָסן צום טרינקען, האָט דערלאַנגט עדנה׳ן און אַ צווייטע גלאָז פאַר זיך. עדנה האָט עס נישט אָנגערירט. זי איז געזעסן אָן אויפגערעגטע. דער דאָקטאָר האָט זיך בארויִקט, געטרונקען און געפרעגט מיט אַ שמייכל: „צו דעם האָסטו מיך געבעטן דיך באַגלייטן? צו דערציילן מיר זאַכן פון וועלכע איך ווייס גאָרנישט וואָס עס קומט פאַר מיט דער בלינדער מיידל?״

„יאָ דאָקטאָר״ האָט עדנה געענטפערט „איך האָב געוואָלט מיט דיר רעדן״.

„מיט וואָס ביסטו זיכער, אַז דאָס וואָס תמר ערציילט דיר — וועגן מיר — איז אמת?״ האָט דער דאָקטאָר געפרעגט גלייכגילטיק.

„דאָקטאָר, איך גלויב איר מער ווי אַלע אַנדערע, זי איז אַ ריינע נשמה! תמר איז אַ פיין קינד, זי וועט מיר נישט נאַרן, דו דאַרפסט פאַרשטיין, זי איז גענוג אומגליקלעך. דו ביסט אַ געבילדעטער מענטש אָן אינטעלעקטואַל, דיין בילדונג און אַרבעט פאָדערן פון דיר העלפן אומגליקלעכע אין אַלע צייטן, דאָס פאָדערט מענטשלעכע הומאַניטאַרע געפילן, פאַרגעס נישט דאָקטאָר! תמר איז די וועלכע שטייט צו באַגיין זעלבסטמאָרד אויב דו וועסט איר פאַרלאָזן, וואָס זאָגסטו דערצו?״

דער דאָקטאָר האָט זיך געפילט געטראָפן; ער איז געבליבן זיצן, נישט אויסגערעדט אַ וואָרט, פאַרטיפט אין זיך, איז ער פאַרבליבן אָן ווערטער.

עדנה האָט עס באַמערקט און געזאָגט טרויריק: „דו ווייסט איך לערן אַדוואָקאַט, דאָס געזעץ זאָגט, אַ מערדער קומט די מאַקסימאַלע שטראָף און דער וועלכער דערפירט צו אַ זעלבסט־מאָרד, דעם זעלבן שטראָף״.

דער דאָקטאָר האָט זיך אַ הויב געטאָן און געזאָגט: „צוואָס זעלבסט־מאָרד? היינט זענען פאראן מיטלען, זאָל זי טאָן ווי ס׳טוען אנדערע באַזייטיקן און ווערן פריי פון צרות״. האָט ער פארענדיקט.

„דאָקטאָר! דו זאָגסט עס אזוי לייכט, זיי וויסן דאָס בעזייטיקן איז אויך אַ מאָרד״.

„אָבער זי וועט עס מוזן טאָן״, האָט דער דאָקטאָר שטיל געזאָגט און פארביסן די ליפּן ווי אַ שולדיקער, וועלכן מען כאַפּט ביי דער האנט.

עדנה האָט געקוקט אויף אים, און באַוואונדערט ווי לייכט ער נעמט אויף אַזאַ ערנסטע זאך, פון צוויי לעבנס. זי האָט אַ זיפץ געטאָן און מיט ווייטיק געזאָגט: „ס׳וואונדערט מיר, דאָקטאָר, דו נעמסט אלץ אזוי לייכט, אפילו ווען ס׳האנדלט זיך וועגן צוויי לעבנס, וועלכע שטייען אין געפאר ווו זענען דיינע געפילן פאר אזא אומגליקלעכע מיידל, דו טראָגסט די גאנצע שולד און פאראנטוואָרטלעכקייט; איך פאָדער פון דיר: דו זאָלסט רעדן מיט איר און באשליסן, ווי איר צו העלפן אין איר שווער׳ער לאגע״.

„גאנץ פארשטענדלעך וועל איך אזוי טאָן״, האָט דער דאָקטאָר געענטפערט אַ צופרידענער, אַז סוף סוף ענדיקט זיך דער נישט אנגענעמער אינטערוויו.

„נאָך איין פראגע וויל איך ביי דיר פרעגן״ האָט עדנה געזאָגט.

„פרעג! איך הער״.

— דאָקטאָר — פאַרוואָס זאָלסטו נישט הייראטן תמר׳ן, דו האָסט דאָך איר ליבע געשווּוירן און צוגעזאָגט: זי זאָל דיין פרוי ווערן״.

„אך! דאָס קען איך נישט, ס׳איז אונמעגלעך. איך מוז ענדיקן מיין פּראקטיק און איך האָב נאָך אַ סך זאָרגן פאר זיך״ האָט דער דאָקטאָר נערוועז געענטפערט.

„תמר וועט דיר נישט שטערן אין דיין פּראקטיק, זי איז אַ הארציק מיידל, זי וועט דיר נאָך העלפן אין דיין שווער׳ער צייט״ האָט עדנה געזאָגט.

„ניין! ניין! דאָס קומט נישט אין דער פראגע, איצט קען איך

נישט טראכטן פון הייראטן״. האָט דער דאָקטאָר געזאָגט נערוועז. ער האָט גערופן דעם קעלנער צו באַצאָלן דעם חשבון און זיך אויפגעשטעלט. ביידע זענען ארויס שווייגנדיקע פון דער קאפע.

די נאכט איז געווען אַ פינצטערע, זיי זענען געפאָרן און נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. יעדער האָט געטראכט אנדערש. און פארביידן איז עס געווען גענוג אויף היינט.

קאפיטל 57

ווען עדנה איז אריין אין צימער, האָט זי נישט אָנגעצינדן די ליכט. זי איז געווען פארביטערט פון דעם דאָקטאָר, דערוויסנדיק זיך זיין מיינונג זי האָט געמיינט, אַז תמר שלאָפט און האָט נישט געוואָלט איר אויפוועקן. תמר איז אָבער נישט געשלאָפן, זי האָט געוואַרט — אומגעדולדיק — אויף עדנהס צוריק קומען. זי האָט געהערט ווי עדנה איז אריין אין צימער און געוואָלט זי זאָל איר דערציילן וואָס זי האָט גערעדט מיטן דאָקטאָר, זי האָט געפילט ווי עדנה שווייגט, האָט זי שוין מער נישט געקענט זיך איינהאלטן און געפרעגט: „עדנה דו ביסט עס? איך שלאָף נישט איך וואַרט אויף דיר״.

„יאָ תמר איך בין עס איך האָב געדענקט דו שלאָפסט״.

„ניין טייערע, איך קען נישט שלאָפן אין וואַרט אויף דיר אָן געדולד״.

עדנה איז צו צו תמרן, זי האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן איר, און געזאָגט שטיל, „איך האָב אַ סך גערעדט מיט דיין דאָקטאָר״.

„וועגן וואָס?״ האָט תמר געפרעגט פאראינטערעסירט.

„פארשידענעס; און אויך וועגן דיר״ האָט עדנה געענטפערט.

„וואָס האָט ער געזאָגט?״ האָט תמר נייגעריק געפרעגט.

ער האָט געזאָגט: ער ווייסט דיין לאגע און וויל דיר העלפן.

„מיט וואָס וויל ער מיר העלפן?״ האָט תמר געפרעגט.

ער זאָגט: מ׳מוז באזייטיקן די שוואנגערשאפט.

„איז וואס ווילסטו?״ האט עדנה געפרעגט, נישט וויסנדיק וואס

„אך״ האט תמר א שפרונג געטאן, און צוגעלעגט אירע הענט צום פנים און האט זיך צעוויינט.

„וואס וויינסטו קינד זיי צופרידן, דו וועסט פריי ווערן פון זארג, פון צרות״, האט עדנה געטרייסט תמר'ן און האט איר געגלעט ווי א מוטער גלעט א קינד.

„טייערע! ס'איז מיר אזוי שלעכט און ביטער, די גאנצע וועלט איז מיר ענג״ און טרערן זענען געפלאסן פון אירע אויגן.

„איז וואס ווילסטו?״ האט עדנה געפרעגט, נישט וויסנדיק וואס צו טאן פאר איר.

תמר האט אויסגעווישט די אויגן און געבליבן שטיל זיצן, זי האט פארפלאכטן אירע פינגער, האנט אין האנט און טרויריק געזאגט: „הער עדנה מיר איז טאפלט שלעכט אין לעבן״.

„פארוואס״ האט עדנה געפרעגט.

„ווייל איך זע נישט די וועלט״.

„וואס האבן דיינע אויגן צו טאן מיט דעם פראבלעם?״ האט עדנה געפרעגט.

„טייערע דו פארשטייסט מיך נישט, איך קען נישט זאגן, ווי אנדערע מיידלעך, וועלכע ווערן באפרייט פון שוואנגערשאפט. זיי קענען ווידער זיין פרייע און קענען זיך באגעגענען מיט יעדן מאן און ווייטער אנגיין מיטן לעבן, אבער איך — טייערע — מיר איז פינצטער מיין לעבן ווער וויל זיך פארנעמען מיט א בלינדע? און ווער ווייסט בכלל, אויב איך וועל חתונה האבן אין מיין לעבן, און אפשר שוין קיינמאל נישט שוואנגערן; מיין גורל איז ביטער, היינט פיל איך, אז איך בין א פרוי גלייך מיט אלע פרויען און טראג א קינד אונטער מיין הארץ; איך וויל נישט מיין קינד טויטן מיט מיינע הענט צוליב זיך באפרייען, איך וועל דאך אין מיין לעבן קיינמאל קיין רו האבן; אך בין איך אומגליקלעך״ האט זי אויסגערופן און שטארק געוויינט.

עדנה האט געקוקט אויף תמר'ן מיט גרויס מיטגעפיל און ווייטיק.

זי האָט איר גוט פאַרשטאַנען, אָבער וואָס זאָגט מען איר, מיט וואָס קען מען איר העלפן? זי איז געבליבן שטיל און טרויריק אָן אָן אויסוועג מיט וואָס תּמרן צו העלפן.

תּמר האָט געפילט וואָס ס׳גייט אדורך אין עדנה׳ס קאָפּ און זי האָט געפרעגט: ביסט בייז אויף מיר? ענטשולדיק, קיינער קען מיר נישט העלפן, איך בין אומגליקלעך אויף אייביק.

זי האָט תּמרן צוריק געפירט אין בעט און זי איינגעדעקט און זיך געזעצט נעבן איר „איצט טייערע! מוזטו אליין באַשליסן וואָס צו טאָן״. האָט עדנה געזאָגט באַזאָרגט, און טיף מיטגעפילט מיט דער אומגליקלעכער תּמר.

„ווייסט וואָס איך דענק צו טאָן? איך וועל רעדן מיט מיין מוטער״ האָט תּמר געזאָגט: „זי וועט מיך פאַרשטיין; זי איז אַ פרוי מיט בילדונג מיט אינטעלעגענץ און זי וועט מיר זיכער העלפן, איך בין דאָך איר קינד״.

האָסט רעכט האָט עדנה געזאָגט אַ צופרידענע, רעד מיט דיין מוטער, וועסטו זיכער וויסן וואָס צו טאָן. עדנה האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט און געפילט ווי ס׳פאַלט אראָפּ אַ שווערער שטיין פון איר הארצן און איצט טראָגט זי נישט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דעם שווערן פּראָבלעם. אַ צופרידענע האָט זי תּמר׳ן אַ קוש געטאָן, זאָגנדיק: „אויף היינט איז שוין גענוג, טייערע! מיר דארפן דאָך שלאָפן אויך, זאָלן מיר דאָס לאָזן אויף מאָרגן״.

„יאָ״ האָט תּמר געזאָגט דאנקענדיק עדנהן. עדנה איז אריין אין בעט און גלייך איינגעשלאָפן. באַר תּמר איז געלעגן לאַנגע שעה׳ן און געטראַכט מיט אָפענע אויגן, נישט זעענדיק אין נישט געפינענדיק קיין וועג פאַר זיך אין לעבן.

קאַפּיטל 58

רפי׳ס עלטערן האָבן ערהאַלטן די איינלאַדונג. ער לעבט, ער האָט אַ פרוי, אַ קינד, און ער געפינט זיך צוזאמען מיט זיין יידן, דער

פראָפעסאָר. דער פאָטער שרייבט צו זיין פארלוירענער טאָכטער; מיר בעטן אייך הארציק איר זאָלט קומען צו אונז אין אמעריקע, מיר ווארטן אומגעדולדיק אויף דעם גליקלעכן טאָג זיך צו זעען. די עלטערן: לעבן ווי אין אַ חלום אַזאַ גליק. בערוישט זענען זיי. אלע הברים זענען צופרידענע, סוף סוף וועט זיך ענדיקן דער פּראָבלעם רפי. די טיר פון די עלטערן פארמאכט זיך נישט. יעדער פון קיבוץ קומט זיי באגריסן מיט פרייד, אפילו די קינדער און אויך דער הונט טרעט נישט אָפּ פון פענצטער, אזוי ווי ער וואָלט אויך גענומען אָנטייל אין דעם גרויסן גליק וואָס האָט ארום, גענומען דעם גאנצן קיבוץ.

נאָר די מלחמה שטערט די שמחה די בחורים זענען אוועק אין פראָנט. אין קיבוץ פעלן ארבעטס הענט אין דאָס אַלץ איז געקומען אזוי פלוצלינג. די פרייד אין צער האָבן זיך באגעגנט. די מוטער פון רפי מוז בלייבן, זי איז דאָקטאָר און קען נישט פארלאָזן איר קיבוץ אין אַ צייט פון מלחמה; אויך דער פאָטער מוז פארטרעטן די וועלכע זענען אין קריג; יעדער גיט עפּעס, טוט עפּעס מ׳מוז די פּרוכט אין גרינס אַראָפּ נעמען ,שיקן אין שטאָט, די באַפעלקערונג דארף עסן. דאָס פייער פליט איבער די קעפּ און דער קיבוץ ארבעט און האָפט, עס וועט נישט לאַנג נעמען אין דער שלום וועט קומען. און דאָס פייער איבעריים איז געקומען; דער וואָס איז געפאַלן איז מער נישטאָ, דער וואָס לעבט טוט זיין ארבעט, דאָס לעבן ווערט רואיקער, נאָר די שרעק וואָס וועט זיין ווייטער, צו ענדיקט זיך ווירקלעך דערמיט די מלחמות, מ׳לעבט דאָך כסדר צווישן קריג און פרידן.

די עלטערן פון רפין האָבן ענדלעך באשלאָסן צו פאָרן אין אמעריקע, זיך זעען מיט זייערע ליבע און טייערע. פאָרן פאָרן זענען זיי געגאנגען צו די צוויי קברים פון זייערע קינדער. זיי האָבן געגלעט די קאלטע ערד און געזעגנט זיך מיט זיי. די מוטערס הארץ איז איבערפולט פון צער, זי האָט זיך נישט געקענט האלטן און געוויינט די אויגן, וועלכע האָבן זיך נישט געשטילט פון טרערן. דער פאָטער האָט איר צוגעהאַלטן, געבעטן: זי זאָל זיך בארואיקן, ער האָט זיין ווייטיק פארשוויגן. דאָרט ביי רפין

און מיין פאָטער האָף איך זיך צו בארויקן. זיי האָבן געקושט די קאַלטע ערד און פארלאָזט דעם פלאַץ.

מיט שווערע געמיטער זענען זיי אריין אין עראפלאַן און זענען ענדלעך אָנגעקומען אין אַמעריקע, צו זייערע נאָנטע און טייערע.

רפי און מערי האָבן זיי אָפגעוואַרט און נאָך אַ גליקלעך באַגעגעניש פון טרערן און פרייד אָפּגעפירט די געסט אהיים ווו עס האָט געוואַרט דער פראָפעסאָר דער פאָטער פון רפיס מוטער.

מערי האָט צוּעפנט דעם גרויסן טויער און געזאָגט מיט שטאָלץ: דאָס איז אונזער היים. אלע זענען אריין גליקלעכע. אויף די טרעפּ איז געשטאַנען דער פראָפעסאָר מיט אויסגעשטרעקטע־ציטערדיקע הענט און זיי באַגריסט. די טאָכטער איז אָן ווערטער ארייַנגעפאַלן אין איר פאָטערס אָפענע אָרעמס, מיט אַ פאַרשטיקטע שטימע האָט זי גערופן: „פאפא! פאפא! איך בין צוריק געקומען צו דיר. דער פאָטער האָט איר געהאַלטן אין זיינע הענט, דריקנדיק צום הארצן זיינע טרערן זענען געפאַלן אויף איר קאָפּ, טראגיש האָט אויסגעזען דאָס באַגעגעניש פון פאָטער און טאָכטער, נאָך אזויפיל ליידן, רפי האָט זיי ביידן אָנגענומען אין זיינע שטאַרקע הענט און אריינגעפירט אין סאַלאָן און מערי מיט רפיס פאָטער נאָך זיי. אלע זענען געווען באַרוישטע פון גליק. אַ הייליקע שטילקייט האָט אלעמען ארומגענומען.

מערי האָט דערלאַנגט צו טרינקען. דעם פראָפעסאָר האָט זי געבעטן — מיט אַ שטילע שטימע זיך בארויקן: „פאפא! גענוג מ׳מוז זיך בארויקן, איצט זענען די עלטערן שוין מיט אונז, אויף דעם האָבן מיר אלע געוואַרט. דער פראָפעסאָר האָט געקוקט מיט איבערראַשענדע אויגן אויף זיין טאָכטער און איר מאַן. ווײַלכן ער האָט נישט געקענט.

דער מאַן איז צו צום פראָפעסאָר, דערלאַנגט אים די האַנט, זיך פאָרבייגט פאַר אים און אַ קוש געטאָן. דער פראָפעסאָר האָט געפרעגט מיט אַ שמייכל: „דו ביסט עס דער ,העלד׳ וואָס האָט ביי מיר אַוועק גערויבט מיין טאָכטער?״ אלע האָבן געלאַכט. דער פראָפעסאָר האָט אים ארומגענומען אין אַ קוש געטאָן, ווי אַ פאָטער אַ זון. „היינט ווערט ערליידיקט דער אַלטער קאָנפליקט. איך האָב אייך צוריק געבראַכט

אייער טאָכטער״ האָט רפיס פאָטער געזאָגט, אלע האָבן געלאַכט, און געווען אין אַ גוטער שטימונג.

עס האָט זיך באַוויזן די ערציערן מיטן קינד אלע אויגן האָבן זיך געוואָנדן צום קינד. רפיס מוטער איז צוגעלאָפן געכאַפּט דאָס קינד אין אירע הענט און עס באַשאָטן מיט קושן, דריקנדיק עס צום הארצן, האָבן אירע אויגן — דאָס מאָל — געווינקט פון פרייד. אלע האָבן איר מיט געפילט און געווישט אַ טרער פון גליק.

די משפחה האָט זיך נישט געקענט באַרואיקן. אלע זענען געווען גערירט פון דעם באַגעגעניש און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, מערי איז געווען די איינציקע, וועלכע האָט זיך געהאַלטן און זיי באַרואיקט, זי האָט געבעטן די געסט צום טיש. דער ערשטער גליקלעכער צוזאמענטרעף אַ יום־טוב פאַר אלע אין דעם הויז.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך נישט געקענט באַרואיקן פון אזויפיל פרייד. די טאָכטער האָט נישט אויפגעהערט פרעגן דעם פאָטער: „ווי זענען זיי געקומען אין אמעריקע? וואָס האָט פּאַסירט מיט דער מוטער? און נאָך זייער פיל פראגן, וועלכע האָבן געהערט נאָר צום פאָטער און טאָכטער. רפי האָט געפרעגט פון קיבוץ, יעדער קלייניקייט האָט איב אינטערעסירט. מערי׳ן האָט אינטערעסירט נאָר ישראל, זי האָט נישט אויפגעהערט צו פרעגן. זי האָט געהערט אַלץ וואָס מ׳האָט דערציילט, וואָס זי האָט נישט פארשטאַנען האָט זי איבערגעפרעגט. די מוטער האָט איר אלץ דערציילט און געענטפערט אויף אלע אירע פראגן.ביידע האָבן זיך ליב באַקומען, די מוטער האָט איר צוגעזאָגט, אז זי וועט זי מיטנעמען אין ישראל ווען זי וועט אַהיים פאָרן. און זי וועט זעען מיט אירע אויגן, אלץ וואָס זי פרעגט און אלץ וואָס אינטערעסירט איר, מערי איז געווען גליקלעך, און האָט געזאָגט: איך וויל שוין דאָרט זיין; וויפל איך לייען און וויפל איך הער, איז אלץ נישט גענוג פאַר מיר. איך האָב ליב באַקומען אַלץ וואָס ס׳געהערט צו רפי׳ן, אַלץ איז מיר טייער. די מוטער האָט אַרומגענומען איר קאָפּ און געקושט מיט אמת׳ע מוטער ליבע, זי האָט געזאָגט: „פאַר מיינע לײַדן האָט מיך גאָט באַשאָנקען מיט אַ טייערע טאָכטער דאָס ביסטו מערי מיינע!״

איך בין גליקלעך מיט אייך, קינדער, האָט די מוטער געזאָגט מיט באַגייסטערונג.

קאַפּיטל 59

תמר האָט קיין רו געפונען נאָך דעם שמועס מיט עדנה׳ן זי האָט געבעטן עדנה זאָל איר צופירן צו איר מוטער. אפשר וועט זי זיך דאָרט קענען באַרואיקן.

ווען די מוטער האָט דערזעען תמר׳ן, האָט זי זיך דערשראָקן, און געפרעגט: „וואָס האָט פּאַסירט? קינד, זע ווי דו זעסט אויס?״.

„שרעק זיך נישט מוטער, ס׳האָט גאָרנישט פּאַסירט״ האָט תמר געזאָגט פאַרשעמט.

„זעסט אויס קראַנק, פילסט זיך שלעכט? קינד. אַ מוטער פילט אַלץ. ווען זי קוקט אויף איר קינד ווייסט זי גלייך ס׳האָט עפּעס פּאַסירט. רעד! דערצייל!״ האָט די מוטער געבעטן תמר׳ן און זי געקושט, נישט קענען זיך באַרואיקן.

עדנה האָט זיך ענטשולדיקט און גלייך אוועק.

מוטער און טאָכטער זענען געבליבן אליין. תמר האָט זיך געזעצט אַ מידע און די מוטער קעגן איר.

„נו קינד דערצייל, וואָס האָט פּאַסירט?״.

„מוטער טייערע״ האָט תמר סוף סוף געזאָגט: „איך פיל זיך נישט גוט״. זי האָט נישט געקענט פאַרשטיקן אירע טרערן און זיך צעוויינט.

„תמר קינד מיינס, ווייך נישט, דערצייל דיין מוטער אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט אַ מוטער איז אייביק גרייט צו העלפן איר קינד״.

די מוטער האָט זי אַרומגענומען און שטיל געפרעגט: „איז נישט עפּעס מיט דעם דאָקטאָר?״

„יאָ מוטער״ האָט תמר שטיל און פאַרשטיקט געענטפערט, דורך

טרערן. זי האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. וואָס די מוטער האָט איר אַרויס־געהאָלפן.

ער האָט דיך פאַרלאָזן? ער קומט נישט מער? נישט געפערלעך, קינד. אויב נישט ער, וועט קומען אַ צווייטער" האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל און איר בארויקט.

„מאמא, ער קומט יאָ" האָט תמר געזאָגט.

„איז דאָך גוט, קינד מיינס, איז וואָס ווייסטו?"

„אָבער איך פיל זיך נישט גוט" האָט תמר ווידער געזאָגט.

„פון אים פילסטו זיך נישט גוט" האָט די מוטער געפרעגט, מיט שרעק.

„יאָ מאמא" האָט תמר געענטפערט און פארשטעלט איר פּנים.

די מוטער האָט פארבראָכן די הענט און אַ טרויער און שרעק האָט זי ארומגענומען, אַ מינוט איז זי געבליבן שטיין, זי האָט זיך פארלוירן, און נישט געוווסט וואָס צו טאָן, אבער באלד האָט זי זיך באהערשט און געזאָגט: האָסט גערעדט מיט אים, טאַכטער! ער ווייסט עס אויך?".

„יאָ מוטער, ער האָט געזאָגט אז איך בין נישט די איינציקע אין מיין לאגע ס׳זענען דאָ אַ סך אזעלכע ווי איך, היינט איז דאָס אַ טאָג טעגליכע ערשיינונג. מ׳דארף נישט מאכן קיין טראגעדיע דערפון, מ׳דארף דאָס באזייטיקן ווערט מען צוריק די וועלכע מ׳איז געווען, ס׳איז קיין פּראָבלעם.

די מוטער האָט געקוקט אויף דער טאָכטער מיט צער און געפרעגט טרויעריק: „וואָס האָסטו באַשלאָסן צו טאָן? קינד מיינס".

„איך ווייס נישט מוטער, מיר איז שווער צו באשליסן. מוטער טייערע!" האָט תמר מיט ווייטיק אויסגערופן: „איך פיל, אז מיין לעבן איז אַנדערש, ווי ביי אלע מיידלעך, איך זע נישט די וועלט, מיינע אויגן זענען פינצטערע איך ווייס נישט אויב איך וועל נאָך באגעגענען אַ צווייטן מאן און אויב איך וועל נאָך בכלל האָבן אן אייגנע משפחה; איך פיל, איך ווער מוטער. אַ קינד וועלכעס איז מיר נענטער ווי אלע מענער אין דער וועלט. אויב איך זאָל דאָס אויך פארלירן, וועל איך בלייבן עלנט אין מיין גאנץ לעבן. אייביק וועל איך טרויערן אויף דעם וואָס

איך האָב געטאָן". האָט תמר פאַרענדיקט מיט טרערן. די מוטער האָט זי פאַרשטאַנען. אין שטוב האָט געהערשט אַ שווערע שטימונג ס'האָט געפרעסט ביידנס הערצער, קיינער פון זיי האָט זיך נישט געקענט באַהערשן די שטילקייט האָט אָנגעוואָרפן נאָך מער פוסטקייט און אַ שווערע אַטמאָספער. די מוטער האָט סוף סוף איבערגעריסן די שטילקייט, זי האָט ארומגענומען תמרן און געזאָגט: „הער קינד, אויב דו דענקסט אזוי האָב איך קיין רעכט דיר צו זאָגן אַנדערש, זאָל בלייבן ווי דו זאָגסט, איך בין אויך אַ מוטער און פיל ווי שווער דיר איז, איך שרעק זיך זאָגן דיר יאָ אָדער ניין; איך וויל דיך גליקלעך זעען. אפשר וועט די צייט און דאָס קינד, וועלכעס וועט קומען, ברענגען דיר גליק". די מוטער האָט זיך איינגעבויגן, ארומגענומען איר אומגליקלעכע טאָכטער, צוגעדריקט צו זיך און געקושט, מוטער און טאָכטער האָבן זיך פאַרשטאַנען, זיי האָבן שטיל געוויינט, ווי זיי וואָלטן געשיקט אַ הייליקע תפילה צו גאָט ער זאָל זיי נישט פאַרלאָזן אין זייער עלנטן לעבן און די צייט זאָל זיי אויסלייזן פון זייערע ביידנס צרות.

שווער איז זיי געווען, אָבער נאָך אביסל שווייגן האָט די מוטער געזאָגט: „שווערע צייטן האָבן מיר געהאַט אין אונזער לעבן, זאָלן מיר עס לאָזן ווי דו ווילסט, מעגלעך דו האָסט רעכט".

די מוטער האָט אויסגעווישט די אויגן, אַוועקגעזעצט זיך נעבן תמרן ווי ביי אַ קליין קינד און געבעטן ביי איר מיט מוטערליכע ליבע: „האַלט זיך, טאָכטער, דו ביסט נישט אליין אין דיין צער, דיין מוטער איז מיט דיר, אזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן וועל איך דיר העלפן, דיינע ליידן זענען אויך מיינע. דאַרויף בין איך דיין מוטער. נאָר דו ביסט פאַרבליבן אין מיין לעבן, זאָל די צוקונפט אונז ביידן באַגליקן און אונז לייכטער מאַכן אונזער שווער לעבן.

תמר האָט אַ זיפץ געטאָן. די מוטער האָט איר פאַרשטאַנען אָן ווערטער.

אַ פּאָר טעג שפּעטער איז תמר צוריק געקומען צו עדנה'ן. זי איז געווען באַרואיקט און איינגעשטימט מיט איר גורל. זי האָט געבעטן עדנה'ן צו העלפן איר געפינען ארבעט אויף איר שרייב מאַשין זי זאָל

פארדינען אביסל געלט אויף דער צייט וועלכע דארף קומען. עדנה האט זי פארשטאנען און צוגעזאגט צו העלפן איר אין אלעם.

דער דאקטאר איז געקומען צו תמר׳ן מיט א וויזיט. תמר איז געווען אליין אין צימער. ער האט זיך מיט איר דערפרייט: „דו זעסט אויס וואונדערבאר״ האט ער געזאגט א צופרידענער.

תמר האט אים נישט געענטפערט, זי האט געפילט ווי ער רעדט צו איר מיט איראניע. ער איז צו צו איר, זי ארומגענומען און געקושט: „איך האב דיר געזאגט תמר, אז דאס איז נישט קיין פראבלעם באפרייט צו ווערן פון דעם, היינט איז עס א טאג טעגליכע ערשיינונג. איצט ביסטו ווידער פריי טייערע! דאס לעבן געהערט דיר; מיר וועלן זיך ווייטער ליבן, ווי מיר ווילן.

תמר האט נישט געענטפערט, אויף זיינע ווערטער, איר הארץ איז געווארן פול. אירע אויגן האבן זיך אנגעפילט מיט טרערן. זי האט געציטערט פאר אויפרעגונג. ער האט געקוקט אויף איר און געזעען ווי איר פנים ווערט ווייס; אירע הענט ציטערן און זי שווייגט ער האט עפעס דערפילט.

„דו פילסט זיך נישט גוט?״ האט ער געפרעגט.

„איך פיל זיך זייער גוט״ האט תמר געענטפערט ערנסט און אויפגערעגט.

„אבער דאך אנדערש ווי איך קען דיך״. האט ער געזאגט באזארגט.

„ס׳איז נישט אמת״ האט תמר געזאגט, „איך בין די זעלבע ווי דו האסט מיך געלאזן דאס לעצטע מאל, אבער מיט מער ערפארונג״.

„אך דאס לעצטע מאל ביסטו געווען צופיל היסטעריש״.

„היינט האב איך זיך שוין צוגעוווינט צו דער סיטואציע אין וועלכער איך געפין זיך האט תמר געזאגט און צוגעגעבן דאריבער בין איך רואיקער״.

„איך פארשטיי דיך נישט״ האט דער דאקטאר געזאגט פארטראכט.

„וואס קענסטו נישט פארשטיין, ס׳האט זיך גארנישט געענדערט ביי מיר״. אלץ, ווי עס איז געווען, איז פארבליבן.

דער דאָקטאָר האָט געקוקט אויף איר, נישט וויסנדיק וואָס זי מיינט.

„זאָג מיר תמר דעם אמת, ביסט געווען ביים דאָקטאָר אָדער נישט?"

„ניין" האָט תמר געענטפערט רואיק, „איך בין נישט געווען".

„אויף ווען וואַרטסטו, ס׳וועט ווערן שפּעט" האָט ער געזאָגט ערנסט קוקנדיק אויף איר.

„איך וועל נישט גיין צו קיין דאָקטאָר". האָט תמר געענטפערט ענטשלאָסן.

„פאַר וואָס?" האָט ער געפרעגט דערשראָקן.

„דאָס איז די פּרוכט פון מיין ליבע, דאָס איז מיין קינד".

דער דאָקטאָר האָט נישט געגלויבט זיינע אויערן, וואָס ער הערט. נערוועז האָט ער זיך געדרייט איבערן צימער, די לופט האָט אים גענומען שטיקן. תמר האָט געהערט זיינע טריט און נישט געשטערט.

פּלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט נעבן איר און געזאָגט: „זיי וויסן, דאָס איז נישט קיין לייכטער פּראָבלעם שוואַנגערשאַפט, געבורט, מוזט באַרעכענען וואָס צו טאָן" — תמר האָט רואיק און ענטשלאָסן געענטפערט: „איך קלער גאָרנישט טאָן און איך וועל גאָרנישט טאָן דאָקטאָר".

„דו מוזט טאָן" האָט ער נערוועז געשריגן, „דו מוזט דאָס טאָן פאַר דיר און אויך פאַר מיר. דיר וועט זיין שווער, באַטראַכט דיין לאַגע".

„דו זאָרג זיך נישט פאַר מיר, איך וועל טאָן ווי אַלע אַנדערע מוטערס טוען פאַר זייערע קינדער". האָט תמר געזאָגט.

„איז דאָס דיין לעצטער באַשלוס?" האָט ער געפרעגט ערנסט.

„יאָ" האָט תמר געענטפערט „איך וויל נישט מאָרדן מיין קינד, דאָס איז אַ מאָרד".

„תמר" האָט דער דאָקטאָר געזאָגט — אַננעמענדיק זי ביי דער האַנט וואָס רעדסטו? „אַזוי טוען אַלע. איך וועל דיר געבן געלט גיי ערליידיק

עס וואָס שנעלער". האָט דער דאָקטאָר מיט געבעט געזאָגט און געקוקט אויף תמרן מיט רחמנות, ער האָט געגלעט איר קאָפּ געקושט אירע הענט און געוואָלט דערמיט ווירקן אויף איר אָנצונעמען זיין פאָרלאַנג.

תמר האָט ארויסגעריסן אירע הענט פון זיינע און האָט געזאָגט: „דו שרעקסט זיך פאר די קאָנסעקווענצן, איך נישט. איך וויל פון דיר גארנישט, איך וועל דיך נישט צווינגען, דו זאָלסט חתונה האָבן מיט מיר, דו וועסט דיר שאפן דיין משפחה, דיין לעבן, אָבער איך? ווייס נישט, בכלל וואָס דאָס לעבן וועט מיר ברענגען. איך פיל איך ווער אַ מוטער, דאָס קען זיין מיין איינציק גליק אין מיין פינצטער לעבן, זאָל איך עס טויטן? ניין! ניין! לאָז מיך, מאטער מיך נישט". זי איז צוזאמענגעבראָכן און האָט זיך היסטעריש צעוויינט.

דער דאָקטאָר האָט געגלעט איר קאָפּ. ער האָט זיך איינגעבויגן, איר אַ קוש געטאָן און געזאָגט: „תמר די צייט איז נאָך פאר דיר, דו קענסט זיך נאָך באפרייען, איך וועל דיר געבן אַ דאָקטאָר און געלט, גיי און ווער פריי!".

תמר האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט שטאָלץ געענטפערט: „אַ דאַנק דיר דאָקטאָר פאר דיין מיטגעפיל; דו ביסט אַ פרייער מענטש. קענסט טאָן ווי דו פארשטייסט און איך וועל טאָן ווי איך פארשטיי".

דער דאָקטאָר איז — אָן ווערטער — אַוועק אַ נערוועזער.

תמר האָט געפילט, אַז מיט דעם האָט זיך פארענדיקט איר ערשטע ליבע.

קאפיטל 60

רפיס עלטערן זענען געווען צופרידענע מיט זייער וויזיט אין אמעריקע, זיי האָבן זיך זייער פיל אָנגעזעען אין דעם גרויסן לאנד. זיי האָבן באזוכט אלע פריינט, וועלכע האָבן זיך באטייליקט אין זוכן זייער זון. זיי האָבן יעדן געדאנקט פאר זייער מענטשלעכע האנדלונג. צווישן די אדרעסן האָבן זיי אויך געפונען די אדרעס פון דער משפחה ווילסאָן, וועלכע זיי האָבן באקענט אין ישראל אין קיבוץ. רפיס עלטערן האָבן זיך

פאַרשטענדיקט מיט זיי טעלעפאָניש און געפרעגט אויב זיי וועלן זיי אויפנעמען? שוין העכער אַ מאָנאַט ווי זיי געפינען זיך ביי די קינדער אין טאָג טעגליך קלינגט דער טעלעפאָן מ׳לאַדנט זיי איין, זיי זאָלן קומען מ׳וויל זיי זען, נאָר רפי און מערי לאָזן זיי נישט אוועק פון הויז. נאָך אזויפיל יאָרן ווי מ׳האָט זיך נישט געזען, קען מען זיך נישט אויסרעדן, מ׳איז געווען אזוי ווייט איינער פון צווייטן מ׳האָט אזויפיל מיטגעמאַכט, אזוי פיל מלחמות, צרות, בענקשאַפט. ס׳איז זייער שווער זיך צושיידן. אפילו אויף איין טאָג. רפי׳ס מוטער האָט דאָך באַשלאָסן זי מוז אָנרופן די משפחה ווילסאָן און מיט דעם ענדיקן זייער לעצטן וויזיט אין אמעריקע.

ווען די מוטער האָט אין טעלעפאָן זיך פאָרגשטעלט פאַר מאַדאַם ווילסאָן, האָט פרוי ווילסאָן זיך זייער דערפרייט און זי האָט געזאָגט: „איך וויל אייך זען ביי מיר אין שטוב, איך וואַרט אויף אייך. ביטע קומט״. און פאַרשטענדלעך רפי׳ס עלטערן האָבן די איינלאַדונג אָנגענומען און געפאָרן צו משפחה ווילסאָנס היים. דער וועג איז געווען אַ ווייטער אָבער אנגענעם און ווען זיי זענען אָנגעקומען אין הויז, האָבן שוין פרוי און מאַן ווילסאָן געוואַרט אויף זיי. זיי האָבן זיך הארציק באַגריסט און אריינגעפירט די געסט אין סאַלאָן. פרוי ווילסאָן האָט זיך זייער געפרייט מיט די געסט, וועלכע זענען איר פאַרבליבן אין זכרון פון זייער באַזוך אין ישראל. נאָך אַ פיינעם קבלת פנים, האָט רפי׳ס מוטער דערציילט ווי אזוי זי האָט געפונען איר פאַרלוירענעם פאָטער, וועלכן זי האָט שוין אזויפיל יאָרן נישט געזען און נישט געהערט פון אים. די ווילסאָנס האָבן זיך צוגעהערט מיט אינטערעס, און געטראַכט, מעגליך וועלן מיר אויך אַמאָל געפינען אונזער טאָכטער. זיי האָבן פאַרשוויגן. אין הארצן האָבן זיי מקנא געווען די גליקלעכע עלטערן פון רפי. מען האָט זיך אונטער־האַלטן פריינטלעך. ס׳איז געוואָרן שפעטלעך און די וויזיט האָט זיך פאַרענדיקט. רפי׳ס מוטער און פאָטער האָבן געבעטן די ווילסאָנס קומען זיי באַזוכן ביי איר פאָטער אין הויז און באַקענען די קינדער, זיי וועלן זען די אינטערעסאַנטע ארבעט וועלכע איר פאָטער דער פראָפעסאָר האָט אָנגעזאַמלט אין זיין לעבן.

די משפחה ווילסאָן האָט די איינלאַדונג אָנגענומען און האָבן

איינגעשטימט צו קומען זיי וועלן פריער אָנרופן טעלעפאָניש. ביידע עלטערן האָבן זיך פריינטלעך געזעגנט רפי׳ס עלטערן זענען צופרידענע אהיים פון דעם וויזיט.

רפי און מערי האָבן שוין אויף זיי געוואַרט. און געפרעגט ווי זיי האָבן פאַרבראַכט. ביז די עלטערן זענען געקומען האָט רפי נישט געוווּסט, ווי אַזוי ער וועט צוריק פאָרן אין ישראל. ער האָט זיך אדורך גערעדט מיט מערין און ביידע האָבן באַשלאָסן בּאַראַטן זיך מיט די עלטערן, ווי אַזוי אדורך צופירן דעם געדאַנק, דאָס זייער חלום זאָל פאַרווירקלעכט ווערן און איבערפירן זייער היים נאָך ישראל. עס איז נישט לייכט האָבן זיי געדענקט.

דערווייל איז אָנגעקומען אַ בריוו פון קיבוץ אין וועלכן די חברים פרעגן ווען קומען די עלטערן מיט רפי׳ן צוריק אהיים? איך געהער צו ישראל, האָט רפי געזאָגט און געקוקט אויף מערין ערנסט, טראַכטנדיק: ווער ווייסט? וואָס זי וועט זאָגן?

מערי האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט מיט פרייד: „אויך איך וואַרט אויף דעם גליקלעכן טאָג, וועלכער וועט מיך ברענגען אין הייליקן לאַנד״.

דער פּראָפעסאָר האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן, געקוקט אויף די אַרומיקע, האָט טיף אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט: „איר האָט רעכט קינדער. ישראל איז אונזער לאַנד. אונזער פלאַץ איז דאָרט, אָבער דאָס אַלץ איז פאַר אייך יונגע, נישט פאַר מיר. צו שפּעט איז פאַר מיר צו פאָרן און אָנהויבן אַלץ פון אָנהייב״.

„פאַפּאַ״ האָט די טאָכטער אויסגערופן צום פאָטער, זי האָט אים אַרומגענומען מיט ליבע און געזאָגט: „איינמאָל האָסטו געזאָגט ניין, אָבער היינט, פאַפּאַ, ווו מיר וועלן זיין, דאָרט וועט אויך זיין דיין היים. מער פאַרלאָז איך דיך נישט; פאָטער דו גייסט מיט אונז״. זי האָט אָנגענומען זיינע מאַגערע הענט און זיי געקושט.

דער פּראָפעסאָר האָט אַ שמייכל געטאָן און געפרעגט: „וואָס וועט זיין מיט מיין אַרבעט, וואָס איך האָב מיין גאַנץ לעבן געשאַפן? איר דענקט קינדער, איך וועל זיך קענען שיידן פון דעם אַלעם אַ ניין. ניין! קינדער, דאָס איז אַ צו גרויסער אוצר פאַר מיר, איך זאָל אים לאָזן הפקר און

אוועק, דאָס איז דאָך מיין לעבן, איך בין געבונדן מיט דעם אוצר אויף אייביק" האָט דער פאָטער געזאָגט רירנד און ערנסט.

„פאָטער" האָט די טאָכטער אויסגערופן מיט פרייד „דאָס איז אונזער אלעמענס אוצר, מיר וועלן עס נישט לאָזן, מיר וועלן דעם גאנצן אוצר מיט נעמען מיט זיך אין ישראל".

רפיס פאטער האָט געקוקט אויף דעם פראָפעסאָר און געזאָגט: „ליבער פאָטער ישראל וואַרט אויף אייך, אויך אויף אייער ארבעט, מיר אין ישראל זוכן וויסנשאַפטלער, דאָס לאנד איז יונג, מיר וועלן אייך אויפנעמען מיט כבוד, אייער אינסטיטוט וועט ווערן איבערגעפירט פון אמעריקע אין ישראל. אייער ארבעט וועט אנגיין מיט יונגע סטודענטן, וועלכע ווארטן אויף אייך".

דער פראָפעסאָר האָט זיך ערנסט פארטראכט און געפרעגט „ווער וועט זיך פארנעמען מיטן איבערפירן דאָס אלץ? ס'איז דאָך אוממעגלעך, אַ שאַפונג פון צענדליקער יאָרן?" האָט ער באזארגט געפרעגט.

„טייערער פאפא" האָט רפי געזאָגט, „אַלץ איז מעגלעך, מיר זענען יונג און זענען גרייט צו אלעם, זיי רואיק, מיר וועלן אַלץ ברענגען אויפן פלאץ אין בעסטן אָרדנונג".

דער פּראָפעסאָר האָט געקוקט אויף רפי'ן און געזאָגט: „ביסט גערעכט, קינד, איך האָב מיינס שוין ערליידיקט; איר זענט דאָך מיינע נאָכפאָלגער, מאכט עס ווי איר פארשטייט". א שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פנים. זיינע אויגן האָבן ארום גענומען אלע, וועלכע זענען געשטאנען פאר אים. ער האָט געזעען פאר זיך דריי דורות, וועלכע געהערן אים. דערהערנדיק דעם קינדס קלינגענדיקע שטימעלע האָט ער געזאָגט: „יאָ קינדער איר זענט גערעכט, אַלץ געהערט אייך, טוט ווי איר פאר־שטייט" און צוגעגבן: „דור הולך ודור בא". אין דעם מאָמענט האָט אַ פרייד — אלעמען — ארומגענומען מיט די צושטימונג פון פאָטער צו פאָרן מיט די קינדער און איבערפירן זיין היים אין ישראל.

רפי איז צו צום אלטיטשקן, געקושט זיינע הענט. די משפחה האָט געפילט, פון היינט, הויבט זיך אָן דער בשותפות'דיקער לעבן פון פיר דורות, וועלכעס דער גורל האָט זיי צוזאמענגעפירט נאָך לאנגע ליידן.

רפי מיט זיין פאָטער האָבן זיך גלייך גענומען ערליידיקן אלע

פאַרמאַליטעטן; מערי מיט דער מוטער האָבן ערליידיקט די שטוב זאַכן. זיי האָבן באַשטימט וואָס מיט צונעמען און וואָס לאָזן. ס׳האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין טעלעפאָן וועלכער האָט איבערגעריסן זייער אַרבעט. מערי איז צו צום טעלעפאָן און געפרעגט ווער מ׳רופט. ס׳האָט זיך דערהערט אַ פרויען שטימע, וועלכע האָט געבעטן די געסט פון ישראל. מערי האָט איבערגעגעבן דאָס טרייבל צו די מוטער און זי איז ארויס פון צימער. די מוטער האָט זיך דערפרייט הערנדיק די ליידי ווילסאָן. היינט קומען זיי אין אַ וויזיט און זי פרעגט אויב זי וועט נישט שטערן. „אַך! ניין, טייערע ליידי ווילסאָן, ס׳וועט אונז זיין זייער אנגענעם אייער וויזיט. גוט וואָס איר קומט, ווייל מיר פארלאָזן אין קורצן אמעריקע מיר פאָרן צוריק אהיים אין ישראל. ביידע זענען געווען צופרידענע. ווידער זיך צו באַגעגענען.

רפיס מוטער איז גלייך אַריין צו מערין און איר דערציילט דאָס היינט האָבן מיר געסט. זייער נאָבעלע מענטשן.

„ווער זענען די געסט?״ האָט מערי געפרעגט.

„טייערע מענטשן, איך האָב זיי באַקענט אין ישראל, זיי האָבן באַזוכט אונזער קיבוץ אלס טוריסטן און מיר האָבן זיך זייער באַפריינדעט. מיר האָבן זיי באַזוכט אין אמעריקע. זיי זענען זייער פיינע מענטשן; זיי לעבן אין אַ זייער שיינע היים״.

די מוטער האָט צוגעגעבן: „זיי האָבן מיר צוגעזאָגט, צו קומען באַקענען דעם פאָטער און אויך אייך קינדער״.

„אויב אזוי מוזן מיר אָפלייגן אונזער ארבעט, און צוגרייטן זיך אויפצונעמען די געסט״ האָט מערי אַ פריילעכע געזאָגט.

„ריכטיק קינד״ האָט די מוטער איינגעשטימט.

מערי האָט געזאָגט צו די מוטער: „גיי רו זיך אויס, ביז די געסט וועלן קומען. איך וועל אויך אַזוי טאָן״. די עלטערן פון מערין האָבן זיך געלאָזן אין דעם לאנגן וועג. דער טאָג איז געווען אַ ליכטיקער אַ שיינער. זיי זענען געפאָרן צופרידענע און ענדלעך אָנגעקומען צום הויז.

די עלטערן פון רפי האָבן זיי אָפגעוואַרט און מיט פרייד אַריין צוזאמען אין הויז. זיי האָבן באַקענט דעם פראָפעסאָר און מ׳האָט זיך

פריינטלעך אונטערגעהאַלטן, דערווייל איז אין סאַלאָן אַריין געקומען מערי מיט רפי צו באַקענען די געסט.

רפי׳ס מוטער האָט אָנגעוויזן מיט איר האַנט און געזאָגט: „אַט זענען געקומען די קינדער" און אָנווייזנדיק אויף די ווילסאָנס, האָט זי געזאָגט: „די הערשאַפטן זענען אונזערע געסט. זייט באַקאַנט!".

פאַר מעריס עלטערן זענען געשטאַנען מערי מיט רפי׳ן. די מוטער האָט היסטעריש אַ געשריי געטאָן: „מערי! מיין קינד" און איז געפאַלן אין אונמאַכאַט דער פאָטער איז צו צו מערין, געכאַפּט איר איך זיינע הענט און זי געקושט. ער האָט זיך נישט געקענט באַהערשן פון וויינען. רפי׳ס מוטער איז צו צו מעריס מוטער און גענומען איר באַרואיקן, נישט וויסנדיק וואָס דאָ האָט פּאַסירט, איז זי געבליבן שטיין. נאָך אַמינוט האָט זי איר געגעבן טרינקען און זי באַרואיקט.

מערי האָט באַרואיקט איר פאָטער אין איז צו צו איר מוטער, טאַטע און מוטער האָבן זיך געקלאַמערט, טרערן האָבן זיך געגאָסן פאַר דער גאַנצער צייט; לאַנג האָט געדויערט דאָס איבעראַשונג ביז מ׳האָט זיך געקענט באַהערשן און באַרואיקן פון דער צופעליקער באַגעגעניש. מעריס עלטערן זענען געווען גערירט פון דעם אומגעריכטן גליק, אויך מערי, רפי, און אַלע אַרומיקע זענען געוואָרן איבעראַשט, ס׳האָט זיך אַלעמען אויסגעוויזן ווי אַ חלום הערנדיק, די ווילסאָנס זענען מעריס עלטערן. מער פון אַלע, דער אַלטיטשקער פּראָפעסאָר, וועלכער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. ער איז געזעסן רואיק. ער האָט געקוקט אויף אַלע פאַרזאַמלטע און האָט שטיל געשעפטשעט ווי אַ תפילה: גאָט אין הימל וואָס איז דאָ? אַ רעטעניש איז דאָס לעבן; וויפל איך האָב געלערנט און שטודירט און געזוכט דעם סוד פון לעבן, האָב איך אים נישט געפונען, און איצט אין דעם מאָמענט האָב איך אים געפונען. דער פּראָפעסאָר האָט געדרייט מיטן קאָפּ, זיינע אויגן האָבן געקוקט מיט באַוווּנדערונג אויף די עלטערן און אויף די קינדער אַ שמייכל האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיינע ליפּן. יאָ האָט ער לייכטער אָפּגעזיפצט, דאָס לעבן איז די משפּחה, דאָס גיט אומגליק און גליק, אין דער אמת׳ן האָט ער געטראַכט זענען מיר אַלע געליטענע, אַלע די

זעלבע, אַלע זענען מיר באַגאַנגען פעלערן אין לעבן מ׳דאַרף קיינעם נישט באַשולדיקן איצט ווען מיר האָבן זיך שוין ווידער געטראָפן, צו וועלן מיר שוין וויסן ווי דאָס גליק צוהאַלטן? אָדער ס׳וועלן ווידער קומען קאָנפליקטן און מיספאַרשטענדענישן? ער האָט אויסגעווישט די אויגן, ווי ער וואָלט געוואָלט פאַרטרייבן פון זיך אַלע שלעכטע געדאַנקען, אין אַזאַ הייליקע מינוט פון פאַמיליע גליק. פאַר שיכור׳ט איז ער געווען פון דעם געשעעניש, ריכטיק ווייסט קיינער נישט — פון זיי — ווער איז דער שולדיקער? די עלטערן אָדער די קינדער? דער פּראָפעסאָר איז געווען פאַרטיפט אין געדאַנקען; און מער נישט גערעדט און נישט געפרעגט. אַ רעטעניש, האָט ער געטראַכט איז דאָס גאַנצע לעבן.

דאָך האָט זיך ווידער אַ שוואַרץ וואָלקנדל אַריינגעגנב׳עט: אין האַרצן, יעדער פון זיי האָט דערזעען די ווירקלעכקייט: רפי׳ס עלטערן האָבן פאַרביסן די ליפּן, טיף אין האַרצן האָט זיי ווי געטאָן, זייער איינציק קינד, — די ישראל־צברה, — האָט געהייראַט אַ נישט יידישע פרוי, נישט דאָס האָבן זיי דערוואַרט פון רפי זייער זון. — אַ טיפער שטילער ווייטיק האָט פאַרכאַפּט זייערע הערצער, וועלכע זענען געווען פול מיט ליידן און באַדוירונג.

נאָך שווערער האָט עס געטראָפן די עלטערן פון מערי. זיי האָבן געוווסט, אַז רפי איז אַן אינוואַליד, זיי האָבן אָבער נישט געוווסט, אַז ער איז אַ ייד, ס׳האָט זיי געטראָפן דאָס אומגליק ייד — נאָך שטאַרקער ווי זי האָט פאַרלאָזן די עלטערן און זייער היים. וואָס קענען זיי שוין איצט טאָן? פריער האָבן זיי נאָך געהאָפט, מערי זייער טאָכטער וועט זיך צוריק קערן, אָבער היינט, אַז זי האָט שוין אַ מאַן און אַ קינד, וואָס איז זיי נאָך פאַרבליבן צו טאָן? די מוטער האָט געפילט איר טאָכטער איז פאַר איר פאַרלוירן אויף אייביק; אָבער דאָך האָט זי נאָך געפּרווט. זי האָט פאָרגעשלאָגן מערין, זי זאָל קומען אַ היים מיטן קינד, און בלייבן מיט זיי אויף זייערע אַלטע יאָרן אין דאָס קינד ערציען אין קאַטאָלישן גלויבן.

מערי האָט אַ שמייכל געטאָן, זי האָט געקוקט אויף די עלטערן מיט באַדוירונג און געזאָגט: „טייערע! דאָס לעבן בינט אַ מאַן מיט אַ

פרוי, דאָס הייסט משפחה, אזוי לאַנג ווי איך בין געווען אַ קינד, האָב איך געהערט צו אַייך, אָבער היינט בין איך אַ פרוי פון אַ מאַן און אַ מוטער צו אַ קינד געהער איך צו מיין משפחה. מיין מאַן פאַרט אהיים נאָך ישראל — פון ווו ער איז געקומען — און איך מיט אונזער קינד פאָרן מיט אים" האָט זי פארענדיקט, פילנדיק ווי גרויס דער ווייטיק האָט געטראָפן אירע עלטערן, אָבער אנדערש האָט זי נישט געקענט, אַזוי איז דאָס לעבן און די ווירקלעכקייט, מעריס פאָטער איז געשטאַנען אַ פאַרביטערטער און געקוקט אויף איר. ער האָט געפילט די ווייטקייט פון זייער טאָכטער צו די עלטערן; אירע ווערטער האָבן אים דערווייטערט פון פאָטער ליבע. טיף אין הארצן איז עפעס איבערגעריסן געוואָרן, פאַר אים איז איצט געשטאַנען אַ צווייטע מערי, אָבער דאָך זיין קינד, זיין טאָכטער. דער ווייל זענען רפיס משפחה ארויס פון סאלאָן און געלאָזן די משפחה ווילסאָן אליין אין אזעלכע הייליקע מינוטן, עס איז געווען זייער פיל אַדורך צו רעדן צווישן: מוטער פאָטער און טאָכטער און יעדער פון זיי האָט אַנדערש געטראַכט.

מעריס מוטער איז געזעסן ווי פארשטיקט, אָן ווערטער. איר הארץ האָט געוויינט טראכטנדיק פון איר מערי, איר טייערע טאָכטער מערי, וועלכע האָט זי אזוי מיאוס באליידיקט, אנטלאָפן פון דער היים, חתונה געהאט אָן זייער איינשטימונג, מיט אַ ייד, אַן אינוואַליד. איצט פאַרלאָזט זי אויך איר פאָטערלאנד, פאָרט אין אַ פרעמד לאַנד פול מיט מלחמות, אין אַ מדבר, ווילדע אראבער, ווער ווייסט וואָס ס׳קען נאָך דאָרט פאסירן? די מוטער האָט אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט מיט אַ פארשטיקטע שטימע: „מערי מיין קינד! דו האָסט פארגעסן ווער דו ביסט, האָסט פארגעסן דיין היים, דיין ערציאונג" זאָגנדיק די ווערטער האָט די מוטער געוויינט. זי האָט זיך נישט געקענט באהערשן פון איר צער.

מערי איז געווען רואיק זי האָט אַרומגענומען — איר מוטער מיט ליבע — געדריקט צו זיך, געקושט און געבעטן: „מאמא בארואיק זיך, טייערע פארשטיי מיך, איך בין דאָך נישט מער קיין קליין מיידעלע, וועלכעס גייט מיט דיר, און דו מוזט אויפפאסן אויף מיר, ס׳זאָס מיר קיין

שלעכטס נישט געשען, פארגעס נישט מוטער! איך בין דאך דערוואקסן זעלבסטשטענדיק און אליין שוין א מוטער".

די מוטער האט געקוקט אויף דער טאכטער פול מיט ליבע און מיט טרערן. גערדריקט מערין צוזיך און געזאגט: „מערי טייערע, אייביק ביסטו מיין קינד ביי מיר, דאס וועסטו פון מיין מוטער הארץ קיינמאל נישט ארויסרייסן, ווען דו וועסט אפילו אוועק פון אמעריקע, פון מיין היים, פון מיין גלויבן, אבער פון מיין הארץ וועסטו קיינמאל נישט אוועק" זי האט אנגענומען מעריס הענט, געקושט זיי, קוקנדיק אויף זיי ווי אויף א טייערן ברילאנט און אויסגעקושט יעדן פינגער באזונדער, ווי א מוטער א קליין קינד מיט אמת הארציקע ריינע מוטער ליבע. זי האט געזאגט: „די הענטעלעך, וועלכע איך האב אזוי געהיטן, זיי זאלן זיך נישט פאר־פלעקן, זיי זאלן אייביק בלייבן ווייסע, צארטע, די הענט וועלן ארבעטן שווערע ארבעט אין ישראל, אין א קיבוץ, אך!" האט זיך די מוטער איינ־געבראכן אין א געוויין.

דער פאטער האט געקוקט אויףביידן, — מוטער און טאכטער — מיט פארביסענע ליפן האט ער איינגעהאלטן זיין ווייטיק, זייענדיק א דזשענטלמען אין א פרעמדער היים, האט ער קיין ווארט נישט אויסגערעדט. ער איז געווען א גיבור, אבער טיף אין הארצן האט ער געווייטיקט אויף דעם אומגליק וועלכעס האט אים געטראפן אין זיין משפחה, א טייער קינד, האבן זיי געהאט, אבער די פרייד איז אוועק. ווי א שטראל וואס די זון האט זיי געשענקט נאר איין מינוט אויף פארוואלקענעם הימל, אין נאך א מינוט איז דער שטראל פארשוווּנדן און באלד איז אלץ טונקל געווארן, אזוי האט מעריס פאטער געטראכט. מערי האט געקוקט אויף אירע עלטערן. איר הארץ איז געווארן פול מיט רחמנות. זי האט געזען זייערע ליידן, וואס זיי לעבען איבער צוליב איר. כ'האט איר שטארק וויי געטאן זייער צער. און זי האט געזוכט מיט וואס זיי צו העלפן. אויך זי האט געליטן נישט ווייניקער פון זיי. זי האט פארשטאנען זיי וועלן עס נישט לייכט אויפנעמען, דאך האט זי געפרווט זיי איבער רעדן: „טייערע מיינע" האט זי געזאגט: „אמת אלץ האט איר מיר געגעבן, דאס שענסטע און בעסטע, וואס נאר עלטערן קענען געבן קינדער. האט איר מיר געגעבן. אבער ליבע צו מיין מאן האב איך מיר אליין

גענומען. ער איז מיר געפעלן און מיט דעם מאן האָב איך פארבונדן מיין לעבן, און אים ליב איך, אייך איז ער נישט געפעלן פאַר אייער טאָכטער מערי, האָט איר אים און מיך פאַרטריבן פון אייער היים, אָבער איך האָב אים ליב געהאַט בין איך געגאַנגען מיט אים, אייך איז געפעלן אַ רייכער זון, אַ זון פון מיליאָנער עלטערן, מיר איז ער אָבער נישט געפעלן געוואָרן און נישט זיינע מיליאָנען, זיין לעבן האָט מיך נישט געצויגן צו ווערן זיין פרוי, ווי אומגליקלעך וואָלט איך געווען — און נאָך מער איר — ווען איך וואָלט געוואָרן די פרוי פון יענעם רייכן אונטערוועלט מענטש; ווער ווייסט וואָס די צייט וואָלט געמאַכט פון אים און פון מיר". האָט מערי ערנסט געזאָגט. דער פאָטער האָט געעפנט זיינע אויגן און געפרעגט: „וועגן וועמען רעדסטו מערי?"

„איך דענק דעם זון פון אייער פריינט ג׳ורג׳, וועלכער איז געווען דער באַשטימטער קאנדידאַט צו ווערן מיין מאַן" האָט מערי געענטפערט ערנסט.

„פון ווו ווייסטו וואָס האָט מיט אים פאַסירט?" האָט די מוטער געפרעגט ערשראָקן קוקנדיק אויף מערין.

„די פרעסע האָט ליב סענסאַציעס" האָט מערי געענטפערט, ס׳איז נישט קיין סוד פאַר דער וועלט, ווי ווייט ער איז דערגאַנגען דער ,העלד׳.

מוטער און פאָטער האָבן זיך איבערגעקוקט.

מערי האָט ווייטער גערעדט: „די וועלט איז קליין אַלץ ווייסט מען גוטס און שלעכטס, אייער גליק און מיין גליק, איז מיין מאַן רפי. וועלכער איז געקומען אין דער ריכטיקער צייט, און מיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן אומגליק, ווי וואָלט ער מיך פאַרפירט אייער אויסגעוויילטער איידעם, פון די מיליאָנען משפחה, ווי גרויס וואָלט געווען די שאַנדע אין ווייטיק, פון אונז אַלע. אָבער איצט אַז איך בין די פרוי פון רפי, וועלכער איז רייכער ווי אַ מיליאָנער, ער פאַרמאָגט די גאַנצע מענטשלעכע גוטס־קייט און ערלעכקייט פון לעבן, איך בין שטאָלץ מיט אים און אויך איר טייערע! דאַרפט אים צונעמען ווי אייער אייגענעם זון; און זיין שטאָלץ מיט דעם אמתן מענטשן, וועלכער איז אייער טאָכטערס מאַן און פאָטער פון איר קינד" האָט מערי מיט פאַטאָס געזאָגט.

„רעליגיע איז קיין פאַרברעכן אין קיין שאַנדע נישט, טייערע

עלטערן", האָט זי צוגעגעבן: אויב רפי איז נישט פון אונזער רעליגיע, איז עס קיין שאנדע, רעליגיעס שאפן נישט דעם מענטשן, נאָר דער מענטש שאַפט רעליגיעס, יעדער איינער ווי ער וויל. און יעדער אין זיין שפּראך, גאָט איז איינער". מערי האָט געקוקט אויף אירע עלטערן מיט שטאָלץ, זי האָט געפילט אז אירע ווערטער האָבן געטראָפן אין ציל. „איך שעם זיך נישט מיט רפי'ס עלטערן, זיי זענען נישט קיין מיליאָנערן, זיי פאַרמאָגן אָבער אַ רייכטום מער ווי מיליאָנען זיי זענען סאָליד און זענען ליבע, הומאניטארע מענטשן מיט הארץ און נשמה; איר געפינט זיך אין דעם הויז פון דעם בארימטן פּראָפעסאָר, רפי'ס זיידע, זיינע שאפונגען, זיינע ווערק, וועלכע האָבן די ווערט מער ווי מיליאָנען; וויפל מיליאָנערן וואָלטן אוועקגעגעבן אַ סך מיליאָנען צו באקומען זיין נאָמען און זיין כבוד, זעט ווי באשיידן ער איז דער גרויסער מאן; ער איז דער אמת'ער מענטש. יאָ טייערע עלטערן איך בין צופרידן דאָס איר זעט דאָס אלץ און איצט טייערע! דענקט ווי איר ווילט". האָט מערי פארענדיקט מיט שטאָלץ איר ערקלערונג פאר אירע עלטערן.

זי האָט זיך געזעצט און געוואַרט אויף ענטפער.

שטיל איז געווען אין צימער, יעדער האָט געטראכט פאר זיך. שווער איז געווען צו ענטפערן. דאָך האָבן אירע ווערטער געווירקט, זי האָט דאָס געפילט.

מוטער און פאָטער זענען געזעסן רואיקע, געקוקט אויף מערי'ן, זיי האָבן נישט געגלויבט צו הערן פון זייער טאָכטער אַזעלכע ווערטער. דער פאָטער האָט זיך אויפגעשטעלט, ער איז צו, צו איר, ארומגענומען מיט ליבע און געזאָגט: „קינד מיינס איך דערקען דיך נישט. דו האָסט דאָך קיינמאָל נישט גערעדט צו אונז, ווי היינט".

„אמת פּאפּא, איך האָב עס נישט בעדארפט פּאפּא, רעדן וועגן אַזעלכע פּראָבלעמען, איך בין אויך געווען ווייט פון לעבן און נישט געוווסט דעם אונטערשיד פון ייד ביז נישט ייד, און פאר וואָס זאָל דער ייד געפייניקט ווערן? האָט מערי טרויריק געפרעגט?

„פון וואו ווייסטו אז זיי האָבן דאָס נישט פארדינט?" האָט די מוטער שטיל געפרעגט און מיט איר האנט געמאכט איבער זיך אַ קרייץ.

„מוטער"! האָט מערי אַ געשריי געטאָן מיט איבערראשונג: „דו

זאָלסט אַזעלכעס זאָגן? דו וועלכע פאַרמאָגסט אַזויפיל מענטשלעכע געפילן פאַר די מענטשהייט און זייערע ליידן?״

„די יידן האָבן יעזוסן געקרייצט״ האָט די מוטער פרום און נאַיוו געזאָגט און פאַרמאַכט אירע אויגן.

„מאַמאַ!״ האָט מערי אויסגערופן „יעזוס איז אויך געבוירן אַ ייד אין ישראל. די רוימער האָבן זיך געשראָקן פאַר אַ קאָנקורענט, האָבן זיי אים געקרייצט אין געענדיקט מיט אים״.

די מוטער האָט זיך נישט צוגעהערט צו איר טאָכטערס רייד, זי האָט פאַרמאַכט אירע אויגן און פרום פאַרלייגט אירע הענט ווי צו אַ תפילה, אירע ליפן האָבן זיך שטיל באַוועגן און זי האָט אויסגערופן: „הייליגער יעזוס — מאַריאַ! היט אָפּ מיין קינד פון שלעכטע געדאַנקען״. ווען זי האָט פאַרענדיקט איר תפילה האָט זי איבער מערי׳ן געמאַכט אַ צלם. דערמיט איז איר לייכטער געוואָרן, ווי זי וואָלט געווען זיכער, דאָס זי רופט אַרויס אַלע געטער זיי וועלן אָפּהיטן איר קינד און וועלן צונעמען דאָס שלעכטע, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין איר, זינט זי האָט באַקענט דעם ייד.

דער פאָטער האָט מערי׳ן אוועק געזעצט נעבן זיך און איר רואיק ערקלערט: עס טוט אונז ווי וואָס מען נעמט דיך צו פון אונז און דו פאַרלאָזט אַמעריקע. מיר האָבן געדענקט, אַז ערשט איצט וועט זיך אָנהייבן אונזער גליק, ווען מיר האָבן זיך שוין געפונען און צוזאַמענגעטראָפן.

„פּאַפּאַ קיינער נעמט מיך נישט צו פון אייך, איך גיי אַליין מיט מיין אייגענעם ווילן איך וועל אייביק דענקען און שרייבן צו אייך״ האָט מערי האַרציק געענטפערט.

„פּאַפּאַ איך האָב ליב מיין מאַן און מיט אַ מאַן גייט מען אין דער וועלט; מ׳שאַפט זיך אַן אייגן לעבן, אַזוי האָט איר געטאָן, אַזוי טו איך״, האָט מערי פאַרענדיקט, און באַרואיקט איר פאָטער.

זי איז צוגעגאַנגען צו דער מוטער, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני, זי האָט אַרויפגעלעגט אירע הענט אויף דער מוטערס הענט און געזאָגט קוקנדיק איר אין פּנים מיט אַ שמייכל און ליבע! „מאַמאַ, טייערע מאַמאַ! איך בין די זעלבע מערי־מאַרגאַרעט, די זעלבע מאַרגאַרעט,

גאָרנישט געענדערט, אזויווי איך האָב אייך ליב געהאַט זייענדיק אַ קינד האָב איך אייך אויך היינט באמת ליב, די גאנצע צייט ווען איך בין געווען אוועק פון אייך האָב איך אייך ליב געהאַט, איך ווייס איר האָט געליטן, איך האָב אויך געליטן; אַנדערש האָב איך אָבער נישט געקאָנט טייערע, ווייל איך ליב רפי'ן. צוליב מיין ליבע האָב איך מיין היים פארלאָזן. איר זענט דעמאָלט נישט צופרידן געווען, איך האָב עס געוווּסט, אָבער אנדערש קען עס נישט זיין; מוטער טייערע! פאַרשטיי מיך. זי האָט ארויפגעלייגט איר מויל אויף דער מוטערס הענט און זיי געקושט מיט ערלעכע ליבע ווי אַ טאָכטער צו אַ מוטער.

די מוטער איז געזעסן גלייך, זי האָט זיך נישט קיין בויג געטאָן; נאָך אַ שווערן זיפץ, האָט זיך איר האנט אויפגעהויבן, האָט אַ גלעט געטאָן מעריס קאָפּ און פארביסן אירע ליפּן שווייגנדיק.

מערי האָט זיך אויפגעשטעלט, ארומגענומען די מוטער מיט ליבע און מיט טרערן האָבן זיי זיך ביידע צוקושט שווייגנדיקע.

דער פאָטער האָט זיך צוגעקוקט צו דעם רירנדיקן בילד. און נישט ווילנדיק האָבן אויך זיינע אויגן זיך אָנגעפילט מיט טרערן.

מערי האָט זיך געקלאַמערט אין איר מוטער און די מוטער האָט געדריקט די טאָכטער צו זיך מיט שרעק, ווי מ'וואָלט וועלן ארויסרייסן איר מערי — איר קינד פון אירע הענט.

ביידע זענען געשטאַנען, ווי צוגעשמידטע צו זיך, אין ליידן און פריידן. דער פאָטער איז צו, צו זיי האָט ביידן ארומגענומען, און זיי אוועקגעזעצט. ער האָט אויסגערופן „גענוג" און ווי מיט אַ באַפעל געזאָגט — ווענדנדיק זיך צו מערין — „מערי גיי צום קלאַוויר שפּיל פאר אונז עפעס, מיר האָבן דיך שוין לאַנג נישט געהערט שפּילן.

מערי איז צו צום קלאַוויר, געעפנט, געגלעט מיט אירע הענט די קלאַווישן, ווי זי וואָלט זיך מיט זיי באַגריסט, נאָך אַ לאַנגע צייט וואַרטן אויף דעם גליקלעכן טאָג, צו שפּילן פאר אירע עלטערן. אירע פינגער האָבן זיך גענומען באַוועגן. די שטוב איז פול געוואָרן מיט מוזיק־קלאַנגען. מיט לעבן און פרייד, די קלאַנגען האָבן געשוועבט איבער דעם הויז ווי מלאכים, מערי האָט זיך דערמאָנט אין יענע שיינע צייטן, ווי זי האָט

געשפּילט ביי אירע לערער און אירע עלטערן זענען געזעסן און געהערט, ווי היינט זיצן זיי מיט איר, אָבער מיט איין אונטערשיד: דעמאָלט האָט איר יונג הערצעלע געקלאַפּט שטאַרקער, פון שרעק, וואָס וועלן אירע עלטערן זאָגן צו איר מוזיק גוט אָדער שלעכט; אָבער היינט שרעקט זי זיך נישט מער איר האַרץ איז רואיק, היינט פילט זי ווי די הערצער פון אירע עלטערן קלאַפּן פון אויפרעגונג. זיי הערן זיך בכלל נישט צו, צו איר מוזיק, זיי ווילן נאָר צורק ברענגען די גליקלעכע ערינערונגען, ווען מערי איז נאָך געווען זייער קליין טעכטערל.

מערי האָט געשפּילט די עלטערנס ליבלינגס לידעלעך. זי האָט געוואָלט, מיט עפּעס זיי באַפרידיקן, און ווען זי האָט פאַרענדיקט שפּילן, האָט זי געפרעגט אויב ס׳איז זיי געפעלן. אַזוי ווי זי פלעגט עס טאָן, ווען זי איז נאָך אַ קליין מיידעלע געווען ביי אירע עלטערן אין שטוב. די עלטערן האָבן געקוקט אויף איר אָן ענטפער. מערי האָט אָנגענומען איר מוטערס הענט און געזאָגט „זאָרג נישט מאַמאַ!״ און ווענדנדיק זיך צום פאָטער האָט זי מיט אַ האַרציקן שמייכל צוגעגעבן: „איר זעט, טייערע. איך בין פאַרבליבן אייער טאָכטער מערי, ווי איך בין געווען און איר עלטערן מוזט איינשטימען מיט דעם געדאַנק, אַז אַנדערש וועט קיינ־מאָל נישט זיין די טיר האָט זיך געעפנט און רפי איז אריין אַזוי, רפי׳ס עלטערן און דער פּראָפעסאָר, זיי האָבן שלום געמאַכט מיט דער ווירקלעכקייט דער אָוונט האָט זיך פריינטליך פאַרענדיקט פול מיט איינדרוקן. אַלע האָבן באַגלייט די עלטערן צו זייער מאַשין. און מערי האָט זיי פאַר־זיכערט, דאָס זי האָט זיך נישט געענדערט נאָר איצט בין איך אַ פרוי פון אַ מאַן און אַ מוטער פון אַ קינד. איר דאַרפט נישט זאָרגן פאַר מיר טייערע! מיר איז גוט. איך בין גליקלעך מיט מיין משפּחה.

זי האָט געקושט די מוטער, דעם פאָטער און האָט זיך געלאָזן גיין. די עלטערן האָבן איר נאָכגעשריגן: פאַרגעס נישט אין אונז און קום מיר ווילן דיך זעען״.

„איך וועל קומען, איך וועל קומען״ האָט מערי געענטפערט. זי האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט נאָך דעם וויזיט. דער אויטאָ האָט זיך שנעל באַוויגן און געאיילט צו ברענגען פאָטער און מוטער אין זייער היים.

קאַפּיטל 61

רפי׳ס פּאַטער איז געווען אומרואיק און נערוועז. ער האָט געזוכט אַ געלעגנהייט צו רעדן מיט זיין זון אויג אויף אויג. אין אַ געוויסן טאָג ווען זיי זענען געפאָרן צוזאמען ערליידיקן די דאָקומענטן צו פאָרן אין ישראל האָט דער פּאַטער אויסגענוצט די געלעגנהייט און געזאָגט: „רפי! איך וויל עפּעס פרעגן. נאָר זיי נישט בייז אויף מיר״.

„פרעג, פּאַטער פרעג״.

„זאָג מיר זון מיינער, מיר פאָרן אַ היים אין ישראל וואָס איז מיט דיין פרוי? זי איז דאָך נישט קיין יידישע...״ דער פּאַטער האָט נישט פאַרענדיקט. ער האָט פאַרשלונגען די ווערטער און געוואַרט אויף רפי׳ס ענטפער.

רפי האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט צום פּאַטער: „איך האָב פאַרשטאַנען — פּאַטער — אַז ס׳וועט קומען דערצו. זיי רואיק. מערי איז גענוג פאַרשטענדלעך; זי האָט אויף אַלעם געזאָרגט, ס׳זאָל נישט זיין קיין פּראָבלעמען אין אונזער משפחה.

„מיט וואָס?״ — האָט דער פּאַטער געפרעגט. —

„זי האָט פון מיר פאַרלאַנגט זי זאָל איבערגיין צום יידישן גלויבן״. האָט רפי געזאָגט אַ צופרידענער, זי איז געוואָרן אַ יידישע, נאַטירלעך איז אויך אונזער זון אַ יידיש קינד. מיר האָבן די באַשטעטיגונג, איך וועל זי דיר ווייזן. איך וויל — פּאַטער — דו זאָלסט זיין רואיק און נישט קלערן שלעכט וועגן מערין״. האָט רפי געבעטן.

דער פּאַטער האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. צוויי טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זיינע אויגן, פאַר גליק. ער האָט גענומען רפי׳ן אין זיינע אָרעמס און געדריקט צוזיך. ביידע האָבן זיך צוקושט.

„פּאַטער דאָס דאַרפסטו מערין דאַנקען. זי האָט עס געטאָן; זי האָט פאַרשטאַנען אַז אַ פרוי און קינד טראָגן דעם נאָמען פון פּאַטער און כדי צו זיין איין משפחה מוז די פרוי גיין צוזאַמען מיט איר מאַן.

דער פּאַטער האָט געפּילט נאָך רפיס ערקלערונג ווי אַ שווערער שטיין איז אים אראָפּ פון הארצן.

שפּעטער, ווען ער האָט זיך איבערצייגט אין אַלץ, וואָס זיין זון האָט געזאָגט, האָט ער אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט אַ צופרידענער: איך האָב נישט געוואָלט פארלירן מיין איינציקן זון צווישן פרעמדע פעלקער. ער האָט מערין ארומגענומען, זי געקושט, און געזאָגט: „דו ביסט מיין טאָכטער: ווי רות פון דער ,מגילת רות', אויך זי האָט אזוי געטאָן ווי דו. זי האָט ליב געהאט איר מאַן, זיין מוטער און זיין פאָלק, איז זי געגאנגען מיט אים צו זיין פאָלק און אין זיין לאנד". דער פּאַטער האָט ארויסגענומען אַ קליין שאכטעלע און איר דערלאנגט. זאָגנדיק: „דאָס טאָכטער איז אַ מתנה פאר דיר, און זאָל דיין לעבן מיט דיין משפחה זיין אייביק גליקלעך".

מערי האָט גענומען דאָס שאכטעלע, האָט א קוש געטאָן דעם פּאַטער, אין האַנט, ווען זי האָט עס געעפנט האָט זי ארויסגענומען אַ „מגן־דוד'ל" אויף אַ קייטעלע, זי האָט עס אָנגעטאָן און אַ צופרידענע געזאָגט: „אַ טייערע מתנה, אַ דאַנק פּאַטער". עס איז מיר זייער געפעלן.

פון דעם טאָג אָן האָט זיך געפילט די נאָנטקייט פון די עלטערן צו די קינדער און הארציקע געפילן פון אַ גליקלעכע משפחה.

דער פּראָפעסאָר, אַ צופרידענער האָט זיך געדרייט איבער דעם הויז און די אידיליע פון דער משפחה האָט אים ארום גענומען, ווי אַ ווארעמקייט אויף זיינע יאָרן ער האָט נישט געגלויבט זיך אַליין, אַז אַלץ וואָס ער זעט איז אמת, ווי אין אַ חלום האָט ער געלעבט, זיין עלנטקייט האָט זיך פארביטן אין אַ וווּלקאַן דער טעלעפאָן קלינגט אָן אויפהער, מענטשן קומען און גייען; מ'לויפט אויף די טרעפּ ארויף און אראָפּ; ס'הערט זיך געלעכטער און אַ קינדיש געוויין; מ'ברענגט, מ'טראָגט ארויס אריין, ס'דרייט זיך אַ וועלט, ס'ווייזט זיך אים אויס, אז ער איז גאָר אַ פרעמדער אויף דער טומלדיקער חתונה. די מענטשן וועלכע ער האָט נאָרוואָס דערקענט, זענען איצטער די גאנצע בעלי־בתים און זיין הויז געהערט זיי. ער דרייט זיך ארום אין דעם רוישיקן קעסל. וואָס איז

דאָ געשעען? וואָס טוט זיך דאָ? האָט ער זיך אַליין געפרעגט און מיט אַ שמייכל זיך געענטפערט: ביסט נישט אַליין, דיין טאָכטער לעבט און זי האָט פאַרבונדען דעם משפחה פאַדעם וועלכער ציט זיך אָן סוף אויף דורות.

קאַפּיטל 62

עדנה האָט דערהאַלטן אַ בריוו פון פעניז, דער בריוו האָט עדנהן איבעראַשט. פעני שרייבט: טייערע עדנה! קענסט מיך באַגריסן מיט אַ מזל־טוב. איך האָב באַקענט אַ בחור פון ישראל — וועלכער איז געקומען צו זיינע קרובים — אין אַ וויזיט, מיר זענען זיך געפעלן פון ערשטן בליק. ער וויל צוריק פאָרן אין ישראל. האָבן מיר באַשלאָסן שטעלן אַ חופה און קומען צוזאַמען אין ישראל. שטעל דיר פאָר מיין גליק! איך וועל דיך ווידער זען. טייערע! און איצטער שוין אויף אייביק! אונזער היים וועלן מיר בויען אין ישראל. אויך מיינע עלטערן וועלן זייערע ביזנעס ליקווידירן און קומען אין ישראל. קענסט דיר פאָרשטעלן מיין פרייד. וועגן דיר ווייס איך אַלץ. איך ווייס אַז רפי האָט זיינע עלטערן ביי זיך אין אַמעריקע, און זיי קליינבן זיך די גאַנצע משפחה צופאָרן אַהיים אין קיבוץ. איך שטעל מיר פאָר ווי דער קיבוץ וועט זיי אַלעמען אויפנעמען. מערי רפי׳ס פרוי איז אַ טייערע פערזאָן, אַ גוטע נשמה. איך האָף אַז ביי דיר איז אַלץ אָלרייט. דאָס איבעריקע לאָז איך אויף דער צייט ווען מיר וועלן זיין צוזאַמען. איך וואַרט שוין אומגעדולדיק אויף דעם טאָג. קישע דיך האַרציק. מיינע עלטערן גריסן דיך, טייערע! אויך מיין בחור זאָגט דיר שלום. גריס אַלע פאַר מיר, זיי געזונט. דיין פעני. איך לאַדן רפי׳ן מיט זיין גאַנצע משפחה צו מיין חתונה. ביי! ביי! איך וואָלט זייער וועלן האָבן דיך ביי מיר אויף מיין חתונה, אָבער לײדער״.

עדנה האָט געלעזן דעם בריוו און געשמייכלט טראַכטנדיק: ווי זי איז געוועזן, אַזוי איז זי פאַרבליבן, אפילו אין אַזאַ ערנסטן מאָמענט ווי

פארבינדן דאָס לעבן מיט אַ מאַן איז איר אויך לייכט צו באַשליסן איינס און צוויי און שוין אַ חתונה. זי האָט באַגעגנט אַ בחור; ער איז איר געפעלן איז זי פּאַרטיק, מ׳שטעלט גלייך אַ חופּה און מ׳פּאָרט מיט אים אין דער וועלט; גוט איז איר די טייערע גוטע פּעני מיט איר לייכטע ערלעכע נאַטור און גוט האַרץ אַ ריינע נשמה איז זי און גלויבט יעדן, וואָס ער זאָגט. מיר איז שווערער ווי איר, האָט עדנה ביי זיך געטראַכט. איך קען נישט צו גיין אַזוי לייכט צום לעבן, ווי זי, אָפּגעטאָן און פּאַרטיק דערפאַר בין איך אַליין און האָב נישט קיין פּאַרערער. זי האָט אַ קרעכץ געטאָן און גענומען איר טאַש מיט די ביכער, און ערנסטע — ווי שטענדיק — איז זי אַוועק לערנען. קומענדיק אין אוניווערסיטעט האָט זי דערהערט ווי מ׳רופט איר נאָמען: עדנה! עדנה! זי האָט געקוקט אין אַלע זייטן און נישט געוווּסט ווער עס רופט איר, פּלוצלינג איז צו איר צוגעלאָפן אַ הויכער בחור מיט אַ קאָפּ געדיכטע לאַנגע האָר אַ טאַש מיט ביכער אין האַנט; ער האָט איר פאַרשטעלט דעם וועג זי זאָל נישט קענען גיין ווייטער, און געזאָגט: „איך זוך דיך שוין אַ צייט, עדנה; איך וויל דו זאָלסט מיר העלפן אין מיין אַרבעט צו מיין עקזאַמען״.

„וועלכע אַרבעט?״ האָט עדנה געפרעגט.

„איך מאַך סטאַזש, און איך האָב — צום טייוול — אַזויפיל צום שרייבן, וויפל איך זאָל נישט אַרבעטן קען איך נישט אַרויס דערפון. וויל איך דו זאָלסט מיר איבערשרייבן אַביסל צוגרייטונגען אויף דיין שרייב מאַשין, פאַרשטייט זיך נישט אומזיסט עדנה. איך וועל דיר גוט באַצאָלן״ האָט דער בחור צוגעגעבן און געוואַרט אויף עדנה׳ס ענטפער.

טראַכטנדיק אַביסל האָט עדנה געזאָגט: „ווייסט וואָס? מיין פריינדין תמר זוכט אַרבעט, קום מיט מיר און גיב איר אַוועק, זי וועט דאָס דיר מאַכן אין בעסטן אָרדנונג, זי זוכט צו פאַרדינען; זי וועט זיין צופרידן פון אַזאַ אַרבעט״.

„האָסט מיך געראַטעוועט! מאַדמואַזעל״ האָט דער בחור זיך אָנגעגערופן מיט פרייד. ער איז צו צו עדנה׳ן, האָט איר אַרומגענומען אין גענומען שפּאַנען מיט איר צוזאַמען ווי ער וואָלט געווען פאַרליבט אין איר. „וואַרט, אייל זיך נישט, וואָס לויפסטו? קיינער יאָגט דיך נישט״. האָט עדנה זיך

באפרייט פון זיינע שטארקע הענט. זי איז געבליבן שטיין און געקוקט אויף דעם צוטראָגענעם בחור. און האָט זיך נישט גערירט פון פלאַץ.

דער בחור איז אויך געבליבן שטיין, ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ שלעכטס ער איז דאָ באַגאַנגען פאַר אים איז געשטאַנען אַ יונגע שיינע מיידל, אין אַ ספּאָרט קליידל, גלאַט פארקעמטע האָר; פון איר ערנסט פּנים האָבן ארויס געקוקט צוויי קלוגע אויגן, וועלכע האָבן געזאָגט ווער זי איז. דאָס ערשטע מאָל ווי ער האָט באַגעגנט אַזאַ טיפּ ווי עדנה ער האָט געקענט אַ סך פרויען אין ישראל. און אין אויסלאנד, אָבער אנדערש ווי זי. בכלל האָט ער וויניק וואָס געהאלטן פון פרויען. ער האָט געזאָגט — נאָך אין פראנקרייך — צו זיינע עלטערן, וועלכע האָבן געוואָלט ער זאָל חתונה האָבן: אַ פרוי איז אַ לייכטער עלעמענט, מ׳קען איר נישט טרויען. און דאָ שטייט פאר אים אַ פרוי, וועלכע האָט אים אָפּגעשטעלט און געפרעגט ווהין לויפסטו, ווער ביסטו? ווארט אביסעלע, דאָס איז אים געפעלן, מיט אַזאַ פרוי איז כדאי זיך צו באקענען און וויסן וואָס קלערט זי וועגן לעבן.

ער האָט זיך פאַרנייגט פאר עדנה׳ן און געזאָגט אין ענגליש: „מיי דיער ליידי” און אין עברית צוגעגעבן: „כל הכבוד” קען איך זיך פאר דיר פאָרשטעלן מיין נאָמען איז סאלאמאן שלמה איך בין אַ סטודענט, פון אדוואקאטור, איך מאך סטאזש צובאקומען דעם דיפלאָם”. די ווערטער האָט ער עלעגאנט און פיין ערקלערט; ער האָט עדנה׳ן דערלאנגט זיין האַנט און געפרעגט: „קענען מיר איצט גיין צוזאמען?” ער האָט זיך אויסגעגלייכט ווי אַ נאבעלער מאַן און געוואַרט.

עדנה האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַן אַרטיסט, אַ קינסטלער מיט מימיק און זשעסט. געשיקט האָט ער דאָס אלץ געמאכט, ווי ער וואָלט זיך נאָך נעכטן אויסגעלערנט צום היינטיקן אויפטריט פאר עדנה׳ן.

זי האָט לייכט א שמייכל געטאָן, אָנגענומען זיין האַנט און געזאָגט: „ביסט אַן אויסגעצייכנטער ארטיסט און זיכער נישט קיין נאַר, אזוי זאָגט אויך דיין נאָמען שלמה דער באַוווסטער חכם שלמה המלך.

פון דעם טאָג איז שלמה געוואָרן אַ בן־בית ביי עדנה׳ן און תמר.

תמר האָט גענומען די אַרבעט פון שלמה, עדנה האָט איר פאַרגעלייענט און תמר האָט געשריבן. זיי האָבן זיך ביידע באַמיט וואָס שנעלער צו ענדיקן. שלמה איז געווען זייער צופרידן, ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן פאַר גליק. ער האָט גוט באַצאָלט און אַלע זענען געווען צופרידן, נאָך מער פון אַלע עדנה, אַז עס איז איר געלונגען תמרן צו העלפן.

איינמאָל איז שלמה אַריין צו עדנה, באַהאַנגען פול מיט פּעקלעך און פּעקאַלאַך. ער האָט אַלץ אַראָפּגעוואָרפן פון זיך און זיך געזעצט. ווי אַ שיכור איז ער געווען פאַרשוויצט און שווער געאָטעמט.

„וואָס האָט פּאַסירט?" האָט עדנה געפרעגט דערשראָקן, קוקנדיק אויף אים און אויף די פּעקלעך, פּלעשלעך, „וואָס איז דאָס?" האָט זי אָנגעוויזן מיט איר האַנט.

„טייערע" האָט שלמה אויפגעשפּרונגען, אַרויסגענומען אַ קאָנווערט און דערלאַנגט עדנה׳ן, ביז וואָס ווען, האָט ער איר געכאַפּט אין זיינע הענט און זי געקושט, געוויזן אויפן קאָנווערט זאָגנדיק: „אָט האָסטו מיין דיפּלאָם, אַ גרויסער טאָג איז היינט פאַר מיר, פאַר דיר פאַר אַלע, מיר מוזן טרינקען און פריילעך זיין", האָט ער אויסגערופן איבעראַשט. ער האָט עדנה׳ן אויפגעהויבן הויך און זיך מיט איר אַרום געדרייט אין אַ ריידל — ווי אַ שיכור פון גליק —. ענדלעך האָט עדנה זיך באַפרייט פון זיינע הענט און געבעטן: „שאַ, שאַ, אַן טומל, איך בעט דיך שלמה, זי האָט אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.ער האָט אָנגעכאַפּט איר האַנט, און געקושט מיט ליבע זאָגנדיק: „ווי דו זאָגסט וועל איך טאָן, אייער מאַיסטעט!" עדנה האָט גענומען אַלע פלעשער, פּעקלעך און אַוועק געשטעלט אויפן טיש. האָט שלמהן דערלאַנגט איר האַנט, און אים גראַטולירט זאָגנדיק: „איך ווינטש דיר הצלחה שלמה!"

תמר האָט פאַרשטאַנען, אַז שלמה קומט נישט צו איר, נאָר צו עדנה׳ן. זי איז געווען צופרידן, אַז סוף כּל סוף פאַראינטערסירט זיך ווער אין עדנה׳ן אויך. זי האָט גענומען רעדן מיט עדנה׳ן זי זאָל אים נישט פאַרטרייבן. „שלמה איז אַ טייערער בחור, ער איז קלוג, געלערנט און ווייסט ווי זיך צו האַלטן. ער וועט אין לעבן געפינען זיין פּלאַץ; ער איז מיט אַ סך ענערגיע, נישט נאָר אַדוואָקאַט וועט ער בלייבן, ער וועט גיין העכער און

העכער גוט וועט זיין דעם מיידל, וועלכע וועט ווערן זיין פרוי. ער איז א מענטש, א מאַן מיט געפילן און וועט וויסן ווי טריי צו האַלטן זיין משפחה". עדנה האָט געהערט תמרן און געפרעגט מיט איראַניע: „דו דענקסט, דאָס ער מיינט מיך?"

„יאָ טייערע, דו פילסט נישט ווי ער לויפט צו דיר; ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן פאַר דיר; ווי דו זאָגסט, אַזוי טוט ער; ער ליבט דיך, עדנה, פאַרשטויס אים נישט. ער דענקט ערנסט וועגן דיר".

אין דעם מאָמענט האָט זיך די טיר געעפנט און שלמה איז אריין ער איז צו צו עדנה, אָנגענומען איר האַנט און זי געקושט.

„הערט! האָט ער זיך אָנגערופן וואָס ס'האָט פּאַסירט, איר קענט זיך נישט פאַרשטעלן וואָס פאַר אַ איבעראַשונג איך האָב!".

„וואָס? האָט תמר און עדנה געפרעגט פאַראינטערעסירט.

„שטעלט אייך פאַר איך באַקום אַ טעלעגראַמע: מיינע עלטערן קומען היינט אין לאַנד, איך האָב זיי טעלעגראַפירט, ווען איך האָב באַקומען דעם דיפּלאָם, האָבן זיי פאַר גליק זיך געלאָזן גלייך פאָרן צו מיר. גו איר קענט זיך פאַרשטעלן וואָס דאָ קומט פאָר?".

„זייער פיין" האָט עדנה און תמר געענטפערט.

„עדנה איך וויל דו זאָלסט מיט מיר פאָרן צום פלי פלאַץ" האָט שלמה זיך געוואָנדן צו עדנה'ן.

„וואָס עפּעס איך?" האָט עדנה געפרעגט ערשטוינט, נישט גלויבנדיק שלמהס ווערטער.

„איך בעט דיר זאָלסט נישט פרעגן פאַר וואָס" נישט וואַרטנדיק קיין איין מינוט האָט ער איר אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער האַנט, אַרויס מיט איר, אריין געזעצט זי אין זיין אויטאָ און אוועק צום פלי פלאַץ, אָפּנעמען זיינע עלטערן.

עדנה האָט שויז גאָרנישט געוווסט וואָס צו טאָן א צעטומלטע האָט זי געקוקט אויף אים ווי ער איז געזעסן נעבן איר. אָנקומענדיק אויפן פלי פלאַץ זענען זיי ביידע ארויס פון אויטאָ — שווייגנדיקע — און גענומען גיין. גלייך איז אָנגעקומען דער עראָפּלאַן און שלמה'ס עלטערן האָבן זיך באַוויזן פון ווייטן. שלמה איז צו, צו זיי מיט פרייד און זיך

צו קושט. די מוטער איז צו צו עדנה, זי ארומגענומען און מיט טרערן — פון גליק —, האָט זי עדנה׳ן צוגעדריקט צום הארצן, זאָגנדיק: „מיין קינד, מיין טאָכטער. אַ גרויסער טאָג איז היינט ביי אונז, אַזאַ גליק, אַזאַ גליק. דער פאָטער האָט דאָס זעלבע געטאָן, געדריקט עדנהס הענט, געקושט איר קאָפּ און געוויינט פון נחת. עדנה האָט געקוקט מיט נישט פארשטענדיקע אויגן, וואָס קומט דאָ פאָר?

שלמה האָט אלע אריינגעזעצט אין מאשין און אוועק געפירט אין אַ רייכן האָטעל. עדנה האָט זיך געזעגנט און געוואָלט גיין, האָט די מוטער סאלאמאָן זיך אָנגערופן: „קינדער! איר בלייבט מיט אונז״, איר זעענט אונזער פרייד, מיר מוזן זיין צוזאמען, ווייל מיר האָבן אַ סך צו רעדן, צו דערציילן, און צו הערן פון אייך; מיר ווילן אלץ וויסן דערציילט״.

עדנה איז געשטאנען געקוקט אויף די פרעמדע מענטשן, נישט געוווסט ווער זיי זענען און וואָס זיי ווילן פון איר הערן, וואָס אינטערעסירט איר זייערע מעשיות? וואָס האָט זי מיט די מענטשן צו רעדן? וואָס האָט זי מיט די פרעמדע, וועלכע זי זעט צום ערשטן מאָל אין לעבן? אַ צוטומלטע איז זי געוואָרן אין אלגעמיינעם טומל, אין דעם לויפעניש, דאָס פאָרן, דאָס רעדן, דער טומל. זי האָט געטראכט, ווי דרייט מען זיך ארויס פון דעם גאַנצן אָנשיקעניש, און ביז וואָס ווען איז צו, צו איר שלמה׳ס מוטער, האָט אראָפּגענומען אַ רינג — מיט ברילאנטן — פון איר פינגער, און אָנגעטאָן אים אויף עדנהס פינגער, זאָגנדיק צו איר: „טראָג געזונט! מיין טאָכטער, איך האָב נאָך אַ סך טייערע זאכן געבראַכט פאַר דיר. נאָר אלץ איז אין באגאזש. איך בין אַ מוטער צו דיר און דו זיי אַ טאָכטער״.

עדנה האָט איר געדאנקט מיט אַ קוש און ווי פאַרשיכערט געקוקט אויף די פרעמדע פרוי און אויף דעם רינג זי האָט נישט פארשטאנען וואָס זיי ווילן פון איר. איך עקזעסטיר נישט מער. אַ שמייכל האָט זיך אויסגעגאָסן אויף עדנה׳ס פנים מיט אַ איראָניע, טראכטנדיק וועגן זיך אליין. זי האָט אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט צו זיך: מיר וועלן זעען וואָס ווייטער וועט זיין, ווער ווייסט וואָס זיי דענקען?

די מוטער איז צו, צו איר און געזאָגט מיט ליבע: „טייערע דו בלייבסט מיט אונז״, ווי אַ באַפעל האָט עס געקלונגען. עדנה האָט איר

געענטפערט: „דאָס איז מיר אונמעגלעך״, איך מוז גיין לערנען מיין פלאַץ איז אין אוניווערסיטעט, דאָס קען איך נישט אָפּלייגן״.

„ס׳מאַכט נישט, קינד, דו וועסט שיינקען די עלטערן אַ ביסעלע צייט, איצט קומט עסן קינדער״ האָט די מוטער געזאָגט. די מוטער האָט עדנה׳ן ארומגענומען און מיט איר געגאנגען זאָגענדיק „ווען דו ווייסט קינד ווי מיר האָבן געוואַרט אויף דעם גליקלעכן טאָג, איך און דער פּאַפּאַ, מיר זאָלן דיך זעען און באַקענען... זי האָט געווישט אירע אויגן געקושט עדנה׳ס קאָפּ, אונזער שלמה איז ביי אונז איינאונאיינציק, מער האָבן מיר נישט, ער איז אַ טייערער און געלונגענער בחור, שיין איז ער ווי די וועלט, דו האָסט געוווסט וואָס זיך אויסצוקלייבן; דיר וועט גוט זיין ביי אים און מיט אונז אויך טייערע!״ שלמה׳ס מוטער האָט צופּעפנט פאַר עדנהן איר מוטער האַרץ. פול מיט ליבע און טריישאַפט האָט זי געזאָגט: „אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן איז פאַר אייך קינדער. דו ביסט, ווי אונזער שלמה האָט אונז געשריבן וועגן דיר, אַזוי זעען מיר דיך ריכטיק: אַן ערנסטע, אַ סאָלידע, אַ פיינע, אַ קלוגע. וואָס ווילן עלטערן מער? ווי זעען זייערע קינדער גליקלעכע; אַך גאָט אין הימל איך דאנק דיר פאַר דעם ריכטיקן זיווג, וועלכן דו האָסט מיין קינד צוגעשיקט״. די מוטער האָט פאַרלייגט אירע הענט ווי צו אַ תפילה.

זי האָט עדנה׳ן ארומגעהאלטן מיט ליבע, און זי צוגעפירט צום טיש.

נאָכן עסן האָט עדנה געבעטן שלמה׳ן ער זאָל איר באַפרייען, זי מוז גיין צו איר לערנען. אָבער שלמה — אַזוי ווי זיינע עלטערן — האָט — נישט געוואָלט הערן וועגן איבערלאָזן די עלטערן אליין און עדנה זאָל אוועק, ער האָט צו איר געזאָגט ערנסט: „דו מוזט בלייבן מיט אונז, איינאָרדענען אַ לעבן איז נישט אַ געלעכטער; מיר וועלן נאָך גענוג צייט געבן, ביז מיר וועלן אַלץ ערליידיקן״.

עדנה׳ס קאָפּ איז געוואָרן פול פון דעם אלעם וואָס דאָ קומט פאַר מיט איר; זי איז געשטאנען, געקוקט אויף אלעמען און נישט געוווסט וואָס שלמה דענקט מיט זיינע ווערטער זי איז צומישט געוואָרן און ערנסט געפרעגט: „זאָג מיר שלמה, וואָס דענקסטו בכלל, איך ווייס דאָך גאָרנישט וואָס איז דאָ? וואָס ווילן דיינע עלטערן און וואָס ווילסטו פון מיר? שלמה

האָט א שמייכל געטאָן און געזאָגט: „דו ביסט דאָך אַ קלוגע מיידל, עדנה, און מיט דעם רינג אויף דיין פינגער פארשטייסטו נאָך גאָרנישט?״

„שלמה״ האָט עדנה זיך אָנגערופן „איך פארשטיי דיך נישט אין נאָך מער פארשטיי איך נישט דיינע עלטערן. זיי קענען מיך בכלל נישט, וואָס ווילן זיי פון מיר?״ זי האָט פארביסן אירע ליפּן פון אויפרעגונג און צוגעגעבן: מעגליך זענען זיי גאָרנישט שולדיק, נאָר דו האָסט זיי געשריבן וועגן מיר און פארפירט דעם גאנצן שפּיל. דו טראָגסט די גאנצע פאראנטוואָרטלעכקייט, אָבער ווו בין איך? איך לעב דאָך אויך; פאַרוואָס האָסטו מיט מיר נישט גערעדט פריער? פארוואָס האָסטו נישט געפרעגט, אויב דו קענסט אזעלכעס שרייבן צו דיינע עלטערן. דו האָסט פריער מיך געקענט פרעגן און ווארטן אויף מיין ענטפער. צו דער באגעגעניש מיט דיינע עלטערן האָסטו מיך אויך נישט צוגעגרייט. איך ווייס דאָך נישט וואָס צו רעדן מיט זיי און וויזיך צו האלטן אין זייער געזעלשאפט. דו האָסט מיך אריין געבראַכט אין אַן אומאנגענעמע לאַגע. ווי קומט דאָס צו דיר? דו אַ געלערנטער קלוגער בחור מיט אַ דיפּלאָם, זאָל אזוי נישט אויסגערעכנט זיין אין דיין האנדלונג; זאָג מיר וואָס האָב איך איצט צו טאָן מיט דיינע עלטערן? איך פרעג ביי דיר״.

עדנה איז געווען שרעקלעך נערוועז און נישט געוווּסט, ווי זיך ארויסצודרייען פון דעם באגעגעניש. שלמה איז געבליבן שטיין געטראָפן. פאר זיין לייכטזיניק שטיקל ארבעט, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. ער האָט געפילט זי איז גערעכט. ער איז געווען גערירט פון עדנה׳ס ווערטער און געפילט זיין נישט לאָגישע האנדלונג קעגן איר; ער האָט געזען, ווי ער האָט עדנהן באליידיקט. זי איז דאָך אַ מענטש מיט אייגענע אמביציעס, איז זי ביים אים נאָך טייערער געוואָרן. ער האָט א שמייכל געטאָן און א צופרידענער געזאָגט צו עדנהן: „וואָס מיר פעלט פארמאָגסטו, און דאָס וואָס איך האָב צופיל פעלט דיר; אַזוי איז דאָס לעבן עדנה, מיר זענען אַ פּאָר פון גאָט. איך פארשטיין דיך טייערע, און וועל אַלץ טאָן גוט צומאכן״. און צום סוף האָט ער ווי אַ קליין קינד אויסגעצויגן זיין האנט צו עדנה און געבעטן: „זיי מיר מוחל, טייערע, דו האָסט רעכט, יעדער מענטש

מאכט פעלרן אין לעבן און ווען מ׳ליבט טייערע! פאַרלירט מען דעם קאָפּ און דעם שכל״. ער האָט אָנגענומען עדנה׳ס הענט און זיי געקושט מיט אמתע ליבע.

עדנה האָט געקוקט אויף אים ווי אויף אַ קינד; אַ רחמנות געפיל האָט איר ארומגענומען זי האָט אים אַ גלעט געטאָן און געזאָגט: „דו ביסט אַ פיינער שלמה און דענקסט גוט. נאָר צו שנעל מאכסטו אלץ און שפעטער באדויערסטו וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן. פון היינט און ווייטער פארגעס נישט, געדענק! דו ביסט אַ דערוואקסענער פריער גוט באַרעכענען און דערנאָך טאָן און נישט ליידן און מאַכן אַנדערע ליידן״. האָט עדנה ערנסט געזאָגט. שלמה האָט זי מיט ליבע און דאנק אַרומגענומען, געדריקט צום הארצן און געזאָגט: „איך האָב דיך פאַרשטאַנען טייערע דו האָסט רעכט״.

עדנה האָט אים פארשטאנען, זי האָט אים נישט געקענט זאָגן „ניין״. שלמה האָט איר אזויפיל ליבע געשאָנקען, און אויך זיינע עלטערן האָבן איר ליב באַקומען. זי האָט געדענקט דער הימל האָט זיך פאר איר צועפנט און צוגעשיקט איר אַ משפחה, וועלכע זי האָט עס נישט געהאט אין לעבן איר האַרץ האָט זיך איבערפולט פון גליק. עדנה׳ס וואָרט האָט מען געשעצט און געהערט. זי איז געוואָרן די טאָן געבערן. די משפחה סאלאמאן האָבן געוואָלט מאַכן אַ רייכע חתונה און איינאָרדענען אַ רייכע היים פאַר די קינדער, אָבער עדנה האָט אנדערש געזאָגט און אנדערש פארשטאנען. צו וואָס זיך אַיילן? איך מוז נאָך לערנען און ענדיקן מיין שטודיום, צו וואָס אַ רייכע חתונה? בעסער דאָס געלט צו שענקען אויף נויטיקע צוועקן עס איז מלחמה. נאָר אַ חופה איז גענוג.

די עלטערן האָבן געבעטן מ׳זאָל באַזאָרגן אַ דירה און גלייך חופה נעמען און עדנה וועט קענען ווייטער שטודירן און מיר וועלן צוריק פאָרן אַ היים, דאָס האָט די מוטער דורכאויס געפאָדערט פון שלמהן און שלמה פון עדנהן. עדנה האָט מער נישט געוואָלט זיך אקעגנשטעלן און האָט מסכים געווען. אַ רואיקע און ערנסטע איז זי געגאנגען צו דער חופה מיט שלמה׳ן אין איר היים — אין קיבוץ און פון דאָרט האָט ער זי געפירט אין זייער נייער היים און אַ ניי לעבן האָט זיך אָנגעהויבן פאר ביידן.

קאפיטל 63

פאר תמר'ן איז דאָס לעבן געוואָרן שווער אַן עדנה'ן זי איז דערווייל פאַרבליבן אַליין, און אויך עדנה האָט געליטן. איר האַרץ איז נישט רואיק געווען, זי איז געקומען צו תמר'ן אַ טאָג איבער אַ טאָג. זי האָט תמרן געטרייסט, זאָגנדיק: „אויך דיין גליקלעכער טאָג וועט קומען, אָבער דו קענסט נישט בלייבן אַליין" האָט עדנה געזאָגט און געפרעגט וואָס זי דענקט טאָן? „זאָרג נישט" האָט תמר געענטפערט — „איך בין גליקלעך טייערע מיט דעם געדאַנק, אַז נאָך אַביסעלע וועל איך מיין קינד באַרירן מיט מיינע הענט".

„קומט צו דיר דער דאָקטאָר?" האָט עדנה געפרעגט.

„איינמאָל איז ער געווען ער האָט מיך באַדויערט, פאַרוואָס איך האָב אים נישט געהערט און נישט געטאָן וואָס ער האָט געהייסן. ער האָט געוואָלט מיר לאָזן געלט, אָבער איך האָב עס נישט גענומען. איך האָב אים געדאַנקט און געזאָגט איך פאַרדין אויף מיין לעבן איך האָב אים באַרואיקט און פאַרזיכערט, איך וועל אים נישט שווער מאַכן מיט די געבורט. דאָס קינד איז מיינס און ער דאַרף זיך נישט זאָרגן. ער האָט מיר אַ קוש געטאָן און איז אוועק, אַ צופרידענער".

עדנה האָט געקוקט אויף תמר'ן מיט ווייטיק און זי באַדויערט, אין איר עלענדע לאַגע. זי האָט געקוקט אויף איר שיינעם גלייכן קערפּער, ווי אַ בוים, וועלכער שטייט אין בליאונג. נאָר אירע טריט זענען איר שווער געוואָרן; איר פּנים איז אויך געוואָרן פולער, אָבער מיטן זעלבן חן און שמייכל אויף אירע שיינע רונדע ליפּן. דאָס האַרץ האָט זיך אין עדנה'ן געבראָכן קוקנדיק אויף איר פון מיטגעפיל זי האָט געזאָגט צו איר: „טייערע תמר ווי איך זע דאַרפסטו מיך היינט מער ווי אַלע מאָל און דווקא אין אַזאַ צייט האָב איך דיך פאַרלאָזן; ווי אַזוי האָב איך עס געקענט טאָן?" האָט עדנה מיט זאָרג געפרעגט און געזוכט ווי תמרן צו העלפן. תמר האָט עדנהן געקושט זאָגנדיק: „טייערע איך בין גליקלעך מיט דיין גליק, גיי צו דיין לעבן, בוי דיר דיין היים, און לעב גליקלעך מיט שלמהן". ביידע האָבן זיך ארומגעהאַלזט, תמר האָט נישט געזען ווי טרערן פאַלן פון

עדנה׳ס אויגן. זי האָט געוויינט אויף תמר׳ס שווערן גורל.

„הער זיך איין תמר" האָט עדנה ענטשלאָסן געזאָגט: „איך וועל דיך נישט לאָזן אליין דו מוזט גיין צו דיין מוטער אָדער איך וועל דיר באַזאָרגן וועמען פון די סטודענטנס אין צימער".

איך דאַנק דיר טייערע, עס איז מיר היינט אונמעגלעך אריינצונעמען אַ פרעמדע פערזאָן אין מיין לאגע אין וועלכער איך געפין זיך. ס׳איז נישט פאר מיר און נישט פאר די פערזאָן, שוין בעסער גיין צו מיין מוטער" האָט תמר איינגעשטימט.

„ס׳איז מיר לייכטער אויפן הארצן" האָט עדנה געזאָגט און זיך בארואיקט, „גוט תמר איך וועל זיך פארשטענדיקן מיט דיין מוטער, און אַלץ וועט ווערן ערליידיקט, פאַר דיר".

„איך דאנק דיר טייערע, דו דארפסט זיך נישט באמיען, מיין מוטער קומט היינט צו מיר, וועל איך שוין רעדן מיט איר וועגן אלעם".

עדנה׳ן און תמר׳ן איז געווען שווער זיך צו שיידן. ביידע האָבן זיך ליב געהאט און געדענקט אייביק וועלן זיי זיין צוזאמען און זיך נישט שיידן, דאָך איז געקומען אַ טאָג און געפירט יעדן אין זיין לעבנס וועג.

אַ קלאַפ אין טיר האָט זיי ביידן ארויסגענומען פון די געדאנקען „אריין" האָט תמר געזאָגט און שלמה האָט זיך באַוויזן אַ פרייליכער, אַזוי ווי זיין נאטור.

„איר קענט זיך גאָרנישט שיידן האַ?" האָט ער געפרעגט. „איך בין געקומען נעמען מיין געזעצלעכע פרוי" האָט שלמה זיך געוואָנדן צו די צוויי פריינדינס.

„ער האָט זיך גאָרנישט געענדערט" האָט תמר געזאָגט אייביק מיט הומאָר.

„ווי פילסטו זיך?" האָט שלמה געפרעגט תמר׳ן, קוקנדיק אויף איר מיט רחמנות.

„אויסגעצייכנט" האָט תמר געענטפערט אַ שמייכלדיקע, נישט זעענדיק שלמה׳ס פנים. ווי ער קוקט אויף איר מיט באַדוירונג.

„קום מיין טייבעלע" האָט ער געזאָגט צו עדנה, אָננעמענדיק זי פארן האנט.

עדנה האָט דערלאַנגט תמר׳ן איר וויזיט קאַרטע און געזאָגט: דאָס איז אונזער אדרעס״. זי האָט איר אַ קוש געטאָן און איז ארויס מיט שלמה׳ן. פול מיט ווייטיק, איבערלאָזנדיק תמר׳ן אליין. עדנה׳ס האַרץ איז נישט רואיק געווען איך פאַר אַ היים מיט מיין מאַן אין אַ שיינעם אויטאָ. ווי עס וואַרט אויף מיר די נייע רייכע היים, אָבער תמר? צו וועמען פאָרט זי? צו איר אָרעמער מוטער אין איר קליינער וווינונג; איר מוטער גייט אַרבעטן צופאַרדינען אויף איר לעבן; און איצט, אין אַ צייט, וואָס אַלץ איז פאַר תמר׳ן שווער, אפילו איר אייגענער קערפּער איז איר שווער געוואָרן דער דאָקטאָר האָט שוין בכלל אויפגעהערט קומען. ער האָט עס שוין געזאָגט די אומגליקלעכע האָט געוווּסט אַז אַזוי וועט זיך ענדיקן, צו וואָס האָט זי דאָס געטאָן האָט עדנה געטראַכט. דער אויטאָ האָט זיך געשטעלט פאַר זייער הויז. עדנה און שלמה זענען ארויס. עדנה׳ס האַרץ איז פאַרבליבן נישט רואיק צוליב תמר׳ן.

קאַפּיטל 64

שלמה האָט אָנגעהויבן זיין נייע קאַריערע אין לעבן און עדנה איז צוריק אין אוניווערסיטעט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן זייער ביידנס בשותפות־דיק לעבן אַלץ האָט זיך געענדערט, עדנה איז געוואָרן אַ פרוי פון אַ מאַן זי האָט באַקומען עלטערן, אַ איינגעאָרדנטע היים, רייך און באַקוועם, נאָר איר פערזאָן איז פאַרבליבן די זעלבע, ווי זי איז געווען, זי לערנט ווייטער און וויל אויך איצט יעדן העלפן אַזוי ווי פריער. איין געדאַנק וועלכער האָט איר גליקלעך געמאַכט, דער געדאַנק: זי האָט עלטערן יעדער בריוו וואָס זי לייענט פון שלמה׳ס עלטערן פילט זי אַלץ מער ליבע צו זיי. זי האָט קיינמאָל נישט געוווּסט וואָס דאָס הייסט עלטערן. זי איז פאַרבליבן אַ יתומה ווען אירע עלטערן זענען ערמאָרדעט געוואָרן דורך די אַראַבישע באַנדעס איר גאַנץ לעבן האָט זי געטרוימט פון אַ מוטער, פון אַ פאָטער, היינט

איז דאָס פארווירקלעכט געוואָרן. זי דרייט זיך אין איר שיינער רייכער היים, ווי אין אַ חלום; דאָס אַלץ געהערט מיר? פרעגט זי. זי האָט קיינ־מאָל גאָרנישט פארלאַנגט פון לעבן. וואָס זי האָט יאָ פארמאָגט איז געווען אַ קליידל וואָס זי האָט געטראָגן אויף איר קערפּער, וועלכעס דער קיבוץ האָט איר געגעבן. שלמה׳ס עלטערן האָבן געוואָלט די קינדער גליקלעך מאַכן באַשענקען זיי מיט דעם טייערסטן און בעסטן. וויפל עדנה האָט געבעטן גענוג, גענוג, האָט די מוטער געוואָלט מערער און מערער. זי האָט געקוקט פארוואונדערט אויף עדנה׳ן און פלעגט זאָגן: „דו ביסט צו סאָליד, מיין קינד, נאָר דו דאַרפסט נישט; פאַראַן מיידלעך, וועלכע אַרבעטן די שווע־רסטע אַרבעט, זיי זאָלן זעטיקן זייערע אפּעטיטן צום אָנטאָן זיך און צום לוקסוס; און דיך מוז מען בעטן נעם! זאָג וואָס ווילסטו? דו ווילסט גאָרנישט? דאָס הייסט לעבן?״ האָט די מוטער געפרעגט ערשטוינט. זי האָט צועפנט אירע וואליזעס און גענומען ארויסקלייגן אַלץ וואָס זי האָט געבראַכט פון פאַריז. טייערע לוקסוס וועש, קליידער, שיך און פאַר־שידענע זאכן. צווישן די זאכן. די טייערסטע קאָסמעטיק און פּערפומען, באַך און נאָך. די אַלע זאכן זענען פאַר עדנהן געווען פרעמד אין איר לעבן. די מוטער האָט געבעטן: „נעם! נעם טייערע אַ פרוי מוז זיין עלעגאַנט און פלעגן איר פנים מיט פיינע קאָסמעטיק, קליידער, ביזשו־טעריע, אזוי פאָדערט דאָס לעבן פון דער פרוי. און איך וויל דו זאָלסט זיין די שענסטע פון אַלע פרויען. דו ביסט אונזער זונס פרוי מיר זענען שטאָלץ מיט דיר נעם דאָס לעבן און געניס פון אַלעם דו האָסט די מעגלעכקייט אַנדערע מיידלעך און פרויען וועלן דיך מקנא זיין מיט דיין גליק, נוץ עס אויס געזונטערהייט״. אזוי האָט שלמה׳ס מוטער גערעדט צו עדנה׳ן, עדנה האָט געקוקט אויף די מוטער און אויף די אַלע שיינע זאכן אָבער ס׳האָט איר נישט געצויגן דערצו. דאָס איז נישט נויטיק. מעגלעך, אַז די מוטער האָט רעכט אַ פרוי איז אַ פרוי, אָבער מיר איז דאָס אַלץ פרעמד אין קיבוץ האָב איך עס נישט געזען. זי האָט מיט איראָניע אַ שמייכל געטאָן און געטראַכט ווער ווייסט וויפל צייט ס׳וועט נעמען ביז איך וועל פילן אויב איך דאַרף אַ זעלכעס אין מיין טאָג טעגליכן לעבן אָבער דערווייל איז מיר גוט אַזוי ווי איך בין. רואיק

האָט זי דאָס אַלץ אַריינגעלייגט אין שאַפע פאַרמאַכט די טירן, ווי דאָס אַלץ געהערט איר נישט.

דערווייל זענען די עלטערן צוריק אַהיים געפאָרן און דער טומל איז אַוועק, אויך די באַמערקונגען צו ווערען עלעגאַנט און צוקומען אין דער הויכער געזעלשאַפט; דאָס אַלץ האָט זיך איינגעשטילט. זי איז געבליבן מיט שלמה'ן איר מאַן; ער ליבט איר און זי ליבט אים און דאָס איז גענוג פאַר איר צו זיין גליקלעך אין איר לעבן. זי האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דעם אָרום און ווי אַ קליין קינד האָט זי אַ שפּרונג געטאָן פון דער סאָפע ווי זי איז געזעסן. אירע צונויפגענומענע האָר איז געווען פאַרבונדן אויף אונטן און זי האָט זיך געזעצט לערנען. דאָ האָט זי געפונען איר וועלט.

קאַפּיטל 65

ווען עדנה איז אַוועק, האָט תמר געוואַרט אויף איר מוטער צו גיין מיט איר אַ היים. תמר איז געווען באַזאָרגט פון איר גאַנצער איבערלעבונג אין דער לעצטער צייט. עדנה האָט חתונה געהאַט און זי איז פאַרבליבן אַליין. עדנה איז געווען פאַר איר אַ טרייסט אין אַלע צייטן, זי האָט איר אימער געהאָלפן און איצט איז זי געבליבן עלנט. זי וואַרט אויף איר מוטער. וואָס ערוואַרט זי ביי איר מוטער אין שטוב, ניט קיין פריילּיכעס. די מוטער וועט מוזן אַלץ אויפגעבן פאַר איר טאָכטער, לאָזן אַליין אַ בלינדע איז נישט מעגלעך; די מוטער אַרבעט ביי די קראַנקע מאָזעס, דאָרט האָט זי געפונען אַ צווייטע היים; איצט וועט זי מוזן פאַרלאָזן דאָס אַלץ צוליב דער טאָכטער. תמרס האַרץ האָט זיך אָנגעפילט מיט ווייטיק, איר געוויסן איז נישט רואיק צו שאַפן איר מוטער אַזויפיל ליידן; איר קאָפּ האָט געאַרבעט מיט פאַרשידענע געדאַנקען פון ערינע־רונגען גוטס און שלעכטס. לעצטנס האָט זי געלעבט אין אייביקער שפּאַנונג, שווער איז איר געווען אויפן האַרצן.

ס'האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר און די מוטער איז אַריין.

„איך האָב זיך אַביסל פאַרשפּעטיקט" האָט די מוטער געזאָגט. זי האָט אַרומגענומען תמרן און געקושט איר קאָפּ. זי האָט זיך געזעצט און געזאָגט: „תמר איך וויל מיט דיר רעדן, די מיסעס מאַזעס איז שווער קראַנק, די דאָקטוירעם האָבן זי אויפגעגעבן, שטעל דיר פאָר ווי שווער עס איז מיר געווען איר צופאַרלאָזן; ביז היינט האָב איך נישט געקענט מיט זיי רעדן וועגן מיין אַוועקגיין. היינט האָט די פרוי מאַזעס באַמערקט מיין באַזאָרגט פּנים, האָט זי געפרעגט ביי מיר: וואָס האָט פּאַסירט? סאָניע! דיין פּנים איז שטאַרק באַזאָרגט, דערציי‫ל מיר טייערע! מיט וואָס קענען מיר דיר העלפן? איך האָב נישט געקענט מער זיך איינהאַלטן און האָב איר אַלץ דערציילט. שטעל דיר פאָר קינד! זיי האָבן מיך איינגעלאַדן צו קומען מיט דיר צו זיי וווינען. זיי האָבן שוין אַפילו צוגעגרייט אַ צימער פאַר אונז ביידן. איצט קינד באַשליס" האָט די מוטער פאַרענדיקט און געוואַרט אויף תמר׳ס תשובה.

תמר איז פאַרבליבן שטיל זיצן, עס איז געווען פאַר איר אַ סופּריז. זי האָט געקענט די מאַזעס פון דער סטיפּענדיע, וועלכע זיי האָבן איר צוגעטיילט צום לערנען. תמר האָט אויך געקענט דאָס קולטור־הויז אויפן נאָמען פון זייער געפאַלענעם זון; זי פלעגט דאָרט אויפטרעטן אין די קונסט־אָוונטן מיט איר רעפּערטואַר. זי ווייסט אויך, אַז אַזוי ווי איר מוטער האָט באַקענט די משפחה מאַזעס. האָט זי ביי זיי געפונען א היים און אין אַלע שווערע צייטן האָבן זיי איר געהאָלפן. אויך היינט ווען מיסעס מאַזעס איז אַזוי שווער קראַנק מוזן זיי די איינלאַדונג אָנעמען. זי האָט גאָר געדענקט וואָס וועלן זיי טראַכטן וועגן איר, אין אַזאַ נישט אָנגענעמע סיטואַציע, אין וועלכער זי געפינט זיך. זי האָט געפרעגט: „מאַמאַ! ווייסן די מאַזעס מיין איצטיקע לאַגע?" „יאָ קינד! איך האָב זיי אַלץ דערציילט. זיי האָבן מיך געטרייסט זאָגנדיק: היינט זענען אַנדערע צייטן, ס׳פּאַסירט, דו ביסט נישט די איינציקע, וועלכע שוואַנגערט נישט געהייראַט אין אַזאַ שווערע צייט פאַר אונז ביידן זענען זיי גרייט אונז צו העלפן, מיר זאָלן נישט זיין עלנט. די מוטער האָט אַרומגענומען תמרן, געקושט איר און וויינענדיק האָט זי געזאָגט: „זעסט קינד! עס זענען נאָך פאַראַן קלוגע און גוטע מענטשן" די מוטער האָט אַ קרעכץ געטאָן, געווישט אירע

אויגן און געזאָגט: „מיר זענען מער אומגליקלעך ווי שולדיק״.

תמר האָט עס אויך פארשטאנען. זי האָט זיך געדריקט צו איר מוטער געקושט זי און געזאָגט: „מאמא טייערע! איך וואָלט שטארק וועלן דו זאָלסט נאָך האָב׳ן אַביסעלע גליק אין דיין לעבן, זאָלסט האָבן אַ באלוינונג פאר דיינע אלעליידן. קום מאַמא מיר וועלן גיין צו די מאַזעס.

פאר תמרן האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי לעבן, זי האָט זיך אינגאנצן איבערגעגעבן דער קראנקער ,זי פלעגט זיצן ביים בעט און הערן ווי די מאזעס דערציילט פון איר רייכער פארגאנגענהייט, ווי גליקלעך איר משפחה האָט געלעבט, ביז איר איינציקער זון האָט געזאָגט: איך פאָר אין ישראל. עס האָט נישט געהאָלפן אונזער בעטן, ער זאָל נישט פאָרן, ער איז געפאָרן און געפאַלן פאַר ישראל.

די קראַנקע האָט געווישט די טרערן און געזאָגט: ווען מיר האָבן זיך דערוווסט פון זיין טויט, האָבן מיר באַשלאָסן ליקווידירן די היים אין אמעריקע און קומען אין ישראל, ווו אונזער זון איז געפאלן. מיר האָבן אויסגעבויט אַ „קולטור־הויז״ אויף זיין נאָמען און מיט סטיפענדיעס העלפן מיר ארעמע קינדער לערנען. מיר האָבן אויך געשאפן פארשידענע הילפס אנשטאלטן כדי צו געפינען אַ טרייסט נאָך אונזער זון. אָבער ווי דו זעסט טייערע ליג איך קראנק און דאָס אומגליק טרעט מיך נישט אָפּ.

תמר פלעגט זי טרייסטן און דערציילן פון אירע און איר מוטערס איבערלעבונגען אין רוסלאנד, ביז זיי זענען געקומען אין ישראל. זי האָט געוואָלט מאכן פארגעסן די קראנקע אירע ליידן, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן.

לאנגע נעכט און טעג האָט תמר און איר מוטער געוואַכט איבער די קראַנקע עס איז געוואָרן ערגער און ערגער, ווען תמר און די מוטער האָבן גערוט, האָט זיי מיסטער מאָזעס פארטרעטן. אין אַ טאָג ווען מיסטער מאזעס איז געשטאנען ביי זיין פרויס בעט, האָט זי אָנגענומען זיין האנט און געזאָגט ווי אין אַ געבעט: „טייערער! איך פיל, אז מיינע טעג זענען געציילטע, מיין לעצטע ביטע צו דיר איז: דו זאָלסט תמרן און איר מוטער נישט פארלאָזן, איך ליב זיי, איך וויל סאניע תמרס מוטער זאָל

מיין פלאץ פארטרעטן. דער מאן האט שטיל געוויינט און געקושט אירע הענט, נישט קענענדיק זיך באהערשן איז ער אוועק.

תמרס מוטער האט זיך דערשראקן, דערזעענדיק מיסטער מאזעס טרערן, האט זי געפרעגט: וואס האט פאסירט? מיסטער מאזעס האט איר נישט געענטפערט און מיט שנעלע טריט ארויס פון צימער.

די קראנקע דערזעענדיק סאניען נעבן זיך, האט זי געבעטן: גיב מיר דיין האנט. סאניע האט איר דערלאנגט איר האנט. די קראנקע האט ארויפגעלייגט אירע הענט אויף סאניעס און געזאגט: „איך האב דיך ליב, טייערע! דו ביסט גוט און געטריי צו מיר; איך פיל לאנג וועל איך אייך נישט באלעסטיקן מיט מיין שווערער קרענק, ווען איך וועל אוועק זאלסטו פארנעמען מיין פלאץ, דו ווייסט ווי איך האב עס געטאן אין לעבן, אזוי זאלסטו אויך טאן ווייטער". די קראנקע האט פארמאכט אירע אויגן און אוועק אין די אייביקייט, לאזנדיק א שווערן טרויער נאך זיך.

דער טומל, וועלכער האט אימער געדרישט אין דער היים פון די מאזעס איז שטיל געווארן. מענטשן האבן אויסגעדריקט זייערע מיטגעפילן און די טרויער איז פארבליבן. תמרן האט עס שווער געטראפן, איר האט די קראנקע געפעלט. אין דער קראנקער האט זי געפונען א טרייסט. זי האט קיין רו געפונען, אלץ איז איר געווארן איבריק און שווער. דאס זעלבע איז אויך געווען מיט איר מוטער, וועלכע האט נישט אויפגעהערט וויינען נאך איר אמת'ער פריינדין, וואס זי האט געפונען אין פרוי מאזעס.

מיסטער מאזעס איז געווען אינגאנצן פארצווייפלט, אלץ פארלוירן, זיין איינציקן זון און איצט זיין געליבטע פרוי, דאס הארץ האט געבלוטיקט נישט געקענט זיך בארואיקן. ווען ער האט געקוקט אויף תמרן האט זיך אים דערמאנט זיין פרויס לעצטע ווערטער: פארלאז איר נישט זיי איר א פאטער. ער האט זיך אנגעשטרענגט איר טרייסטן און בעטן זי זאל זיך האלטן.

די צייט איז געלאפן און פארהיילט צו ביסלעך די ווונד; נאך שווערע מאנאטן איז געקומען דער טאג, תמר האט געבוירן א זון, אין די זעלבע טעג האט מיסטער מאזעס גענומען חופה מיט סאניען — תמרס מוטער — דאס נייגעבוירענע קינד האט געבראכט א ניי לעבן אין דער

היים פון די מאַזעס. תמרס מוטער איז געוואָרן ,מיסעס מאַזעס׳, דאָס לעבן האָט אָנגענומען אַנדערע פאַרבן און געבראַכט אַ טרייסט פאַר דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס הויז פון משפחת מאַזעס האָט זיך ווידער געעפנט. די, וועלכע האָבן געזוכט זייער הילף האָבן עס געפונען. ביי תמרס עלטערן — סאַניע און מיסטער מאַזעס —, וועלכע האָבן פאַרהיילט דער פאַרשטאָרבע־נעם אָנדענק אויף אייביק.

קאַפּיטל 66

אין קראַנקנהויז האָט אַלעמען פאַראינטערעסירט תמרס אויגן דער דאָקטאָר האָט עס געלאָזן אויף שפּעטער, ווען תמר וועט זיך פילן בעסער. וועט ער כאַפּן אַ שמועס מיט איר און פרעגן אַלץ וואָס ער וויל וויסן.

ווען תמר איז אַרויס פון בעט — נאָכן געבורט — האָט דער דאָקטאָר איר איינגעלאַדן צו זיך אין קאַבינעט, געבעטן זיצן. ער האָט געוו־נט מען זוכן אַ געלעגנהייט, ווי אָנהייבן רעדן מיט איר און ווי צו פרעגן דאָס וואָס עס אינטערעסירט אים. „איצט וויל איך פאַרשרייבן דעם קינדס נאָמען, און דעם פאָטערס נאָמען" האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

„נאָר מיין נאָמען! דאָקטאָר וועט איר אַזוי גוט זיין פאַרשרייבן" האָט תמר רואיק געזאָגט.

דער דאָקטאָר האָט געקוקט אויף איר און פאַרשטאַנען אין וואָס עס האַנדלט זיך. מער דאַרף ער נישט פרעגן און פאַרשריבן אַזוי ווי תמר האָט פאַרלאַנגט. עס האָט אים אָבער גענומען אינטערעסירן אירע אויגן. קוקענדיק אויף די אויגן האָט ער געפרעגט: „האָבן שוין ווען ספּעציאַליסטן אונטערזוכט דיינע אויגן?" „דאָס ווייס איך נישט" האָט תמר געענטפערט פאַרשעמט.

„פאַרוואָס?" האָט דער דאָקטאָר געפרעגט פאַרוואונדערט. „וויל איך בין געבוירן אין רוסלאַנד אין אַ צייט פון מלחמה און הונגער, ס'איז נישט געווען קיין געלט צו זוכן ספּעציאַליסטן. די דאָקטוירעם וועלכע האָבן

מיך יאָ באהאַנדלט, האָבן נישט געלייגט קיין גרויסע אכט אויף מיינע אויגן, איך בין געווען אַ יידיש קינד אין גלות; דעריבער בין איך פארבליבן אזוי ווי איך בין".

דער דאָקטאָר האָט זי פארשטאַנען, זי האָט אים אויך דערציילט, זי איז אַ יתומה אָן אַ פאָטער, נאָר איר מוטער ארבעט אין דערפין לעבן זיי. אַ רחמנות געפיל האָט אַרום גענומען דעם דאָקטאָר און ער האָט געזאָגט צו איר ענטשלאָסן: הער זיך איין, טייערע! איך וואָלט זייער וועלן עפעס טאָן פאר דיינע אויגן און דיר העלפן".

תמר האָט מיט פרייד געזאָגט: „איך וואָלט יעדן הארציק געדאנקט, ווער ס'וואָלט מיר געשענקט אביסעלע ליכט אין מיינע אויגן, איך זאָל זעען מיין קינד, מיין מוטער, די וועלט אין וועלכער איך געפין זיך און קען זי נישט זעען" האָט תמר טרויריק פארענדיקט אין טרערן.

„איך וועל פרובירן ווייזן נישט! האָט דער דאָקטאָר געבעטן ביי איר אין זי ארום גענומען צו בארואיקן.

תמר האָט אים הארציק געדאנקט. זי איז אוועק מיט אַ פונק פון האָפנונג.

פון דעם טאָג האָט זיך דער דאָקטאָר פארנומען מיט תמר'ס אויגן און איר טרויריקן גורל. ער האָט געזוכט דאָקטוירעם ספּעציאַליסטן און געבראַכט זיי צו תמר'ן. ער און די דאָקטוירעם האָבן באַשלאָסן ווי נאָר תמר וועט געזונט ווערן פון געבורט, וועט מען מאכן די געהעריקע אונטער־זוכונג אין אירע אויגן.

תמר איז גליקלעך! זי איז אַ מוטער, זי האָט אַ קינד, אַ זון, וועלכער טראָגט איר נאָמען, אינגאַנצן אירער, קיינער האָט נישט קיין רעכט איבער אים, נאָר זי אליין זי הערט זיין געוויין, זי קושט אים, זי גלעט אים; אירע הענט בארירן זיין פנימל, זיין קעפעלע, די אויגעלעך בערירט זי און מיט פרייד רופט זי אויס ער האָט אָפענע אויגעלעך, ער זעט מיך, זיין מאמעלע. ער וועט זעען די זון, דעם הימל, די וועלט. אך איז מיר גוט. זי דריקט אים צום הארצן און טראַכט ער איז אינגאַנצן מיינער, אזאַ טייערס האָט מען געוואָלט צונעמען די רעכט צום לעבן, אָ! ניין, ניין, מיין קינד, מיין נשמה, מיין טרייסט. אַ גליקלעכע האָט זי געשע־

פטשעט צום קינד. אזוי ווי זי וואָלט זיך געטיילט מיט אים איר פרייד איר גליק. זי איז שטאָלץ מיט איר קינד. און גליקלעך מיט איר מוטערס גליק, און אפשר וועט דער גוטער דאָקטאָר איר ברענגען די ליכט, די גאנצע הילף פאר אירע אויגן.

קאפיטל 67

רפי מיט זיין גאנצער משפחה זענען אָנגעקומען אין לאנד דער קיבוץ האָט זיי אויפגענומען זייער הארציק און צוגעגרייט פאַר זיי אַ היים.

דער פּראָפעסאָר האָט נישט געגלויבט זיינע אויגן וואָס ער זעט, ס׳האָט זיך אים נאָך אלץ נישט געלאָזט גלויבן, אַז די מדבר זאַמדן, וועלכע ער געדענקט פון דעמאָלט, ווען ער איז געווען ביים ערעפענונג פון ירושלימער אוניווערסיטעט, זענען שוין מער נישטאָ. שיינע הייזער גאנצע שטעט זענען אויסגעבויט געוואָרן אויף די זאַמדן. מענטשן פון די גאנצע וועלט זענען אָנגעקומען. פארשידענע שפּראכן ווערן פארפלאָכטן אין איין נאציאָנאלע שפּראך: עברית, בירגער פון לענדער ווערן איינגעבירגערט אין איין מדינה: ישראל; פאַר אַלעמען גלייכע רעכט. דאָס לעבן רויש. ווער האָט דעמאָלט געטראכט, אַז אַלץ וועט זיך אזוי אנטוויקלען און וואָס עס וועט היינט זיין. איך בין יונג געווען און נישט געגלויבט, אַז אַזוי וועט זיך אלץ ענדערן האָט דער פּראָפעסאָר געטראכט. פארוואָס האָבן מיר, איך און מיין פרוי נישט פארשטאנען און אזויפיל צרות פארשאפט די משפחה, האָט דער פּראָפעסאָר גערעדט צוזיך אליין מיט ווייטיק און טיף געקרעכצט אויף דעם גרויסן אומרעכט וואָס ער איז דעמאָלט באגאנגען. ער האָט געזאָגט צו זיין טאָכטער: „יאָ קינד מיינס! איך בין שולדיג, איך האָב געזינדיקט״ און מיט זיין טיכעלע האָט ער געווישט די טרערן, וועלכע זענען געפאלן פון זיינע אויגן.

די טאָכטער האָט עס גוט געפילט. גענוג צרות איז אַדורך איר יונג

לעבן, ביז זי האָט באַקומען דאָקטאָראַט און געשאַפן איר לעבן. מער פון אלץ האָט איר ווי געטאָן וואָס זי האָט פארלוירן איר מוטער, זי האָט אויך שטיל געוויינט, ארומנעמענדיק דעם פאָטער, האָט זי געזאָגט: „גענוג פאפא! מיר זענען אלע שולדיקע; דערפאר וועלן מיר היינט ליבן אונזער לאנד, מיר מוזן פארגעסן די פאַרגאנגענהייט. זי האָט איר פאָטער אַ קוש געטאָן און ער האָט זי מיט ליבע געדריקט צום הארצן. רפי מיט מערין פארנעמען זיך מיט באזוכן דאָס לאנד. אלץ איז שיין און ניי, גליקלעכע קוקן זיי אויף אלעם. מערי איז פארליבט אין אַלץ וואָס זי זעט, אלץ איז איר טייער, און ליב און איבער אַלץ ירושלים.

זי שרייבט צו אירע עלטערן מיט באַגייסטערונג: טייערע! מיר איז גוט. איך זע אלץ אזוי ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט אין אמעריקע, דאָס לאנד פון די בייבל האָט מיך נישט געגנאַרט, ס'פארמאָגט פיל רייץ! טעמפלען און רעליגיעס און אייך גאָט באַשיצט אַלע גלייך. דער הימל די זון, די שטערן, די ערד, אלץ איז דאָ אנדערש ווי אָין אמעריקע מיט אנדערע אויגן זע איך עס".

אַ שמייכל איז אריבער איבער מעריס פנים, דערמאָנענדיק זיך — ביים שרייבן — ווי איר מוטער האָט איר געזאָגט פארגעס נישט דו ביסט אַ קריסטין היט דיין רעליגיע. אך האָט זי אַ זיפץ געטאָן. זי האָט פארמאכט שנעל דעם בריוו און אים געשיקט אויף פּאָסט. די צוויי מתנות, דעם „מגן דוד" און דער „קרייץ" וואָס זי האָט באקומען פון די עלטערן האָט זי אוועקגעלייגט אין שעכטעלע. זיי זענען ביי מיר טייער, ווייל זיי זענען פון די עלטערן. איך דארף זיי נישט טראָגן אויף מיין האלדז, ווייל איך בין אין הייליקן לאנד; דאָס איז גענוג מיט הייליקייט.

זי איז צו צו רפי'ן ארומגעלייגט אירע הענט ארום זיין האלדז, געקוקט מיט ליבע צו אים און מיט אַ שמייכל געזאָגט „אלץ וואָס איז ארום מיר איז מיר הייליק; רפי! אַ דאַנק דיר, געפין איך זיך דאָ. אך ווי איך בין גליקלעך מיט דיר.

רפי האָט איר געדריקט צום הארצן און געענטפערט: „און אַ דאַנק דיר טייערע! לעב איך. איך דערמאָן דיין היים, דיינע עלטערן און דיך, ווי איר זענט געווען גוט צו מיר, מיין נישט, אַז דאָס קען אַוועק פון

זכרון, אָ! ניין, ניין טייערע, נאָר א דאַנק אייך לעב איך". האָט רפי געזאָגט, קוקנדיק אויף מערין מיט ליבע און דאַנקבאַרקייט.

„אמת" האָט מערי צוגעגעבן: „און מיר ווייזט זיך אויס, איך בין ביי געבוירן, אַ דאַנק דיר בין איך אין דעם לאַנד, אונטער דעם בלויען זוניקן הימל". „האָסט רעכט" האָט רפי צוגעגעבן: „מיר זענען ביידע ניי געבוירענע, נאָך אזויפיל איבערלעבונגען און איצט הייבן מיר אָן אונזער לעבן אויפסניי, ביז היינט האָבן מיר געוואַנדערט ווי אַ שיף אויפן ים, ווו די כוואַליעס האָבן געטריבן דאָרט זענען מיר געגאנגען. היינט טייערע זענען מיר דערגאנגען צום ברעג. אָך טייערע! האָט רפי אויפגעהויבן מערין אין דערהויך מיט זיינע געזונטע הענט אַ גליקלעכער, זי געקושט מיט ליבע.

מערי האָט געזאָגט: „דו ביסט מיין רפי, אין דיר גלויב איך, דיך טראָג איך אין מיין האַרצן". ביידע זענען זיי גליקלעכע געשטאַנען און געקוקט דורך דעם פענצטער פון זייער ארבעטס צימער — ווי די זון לאָזט זיך אראָפּ אלץ טיפער און טיפער אין רויטן פארפור פייער.

קאפיטל 68

פעני איז אָנגעקומען אין ישראל מיט איר מאן. איר מאַנס משפחה האָט זיי ערווארט ביים שיף פון חיפה'ער פּאָרט.

„אַ וואונדערבארע רייזע האָבן מיר געהאַט", האָט פעני געזאָגט דערזעענדיק די עלטערן פון איר מאן, וועלכע זי האָט נאָרוואָס באקענט, פיל מיט פרייד איז זי געווען באקענענדיק די שוויגער עלטערן.

זי איז געווען באַרוישט פון גליק, זי איז אין ישראל דאָס ערשטע וואָס זי האָט געטאָן איז געווען, פארשטענדיקן זיך מיט עדנה'ן. זי האָט גלייך אנגעקלונגען אין אוניווערסיטעט און געבעטן עדנה'ן. מ'האָט איר געענטפערט, עדנה וווינט נישט מער אין אוניווערסיטעט. האָט פעני געבעטן עדנהס נייעם אדרעס. נאָך לאַנגע זוכענישן האָט זי ענדלעך

באקומען עדנה׳ס אדרעס. זי האָט זיך געשראָקן נישט וויסנדיק פאַרוואָס האָט עדנה פאַרלאָזן דעם אוניווערסיטעט. איצט האָט זי געקלונגען צו עדנה׳ן אין איר נייער היים, אָבער זי האָט נישט באקומען קיין ענטפער. עדנה איז נישט געווען, האָט זי גענומען קלינגען אין קיבוץ. פון קיבוץ האָט מען איר געענטפערט, אַז עדנה וווינט נישט מער אין קיבוץ. איז וווּשע וווינט זי? האָט פעני געפרעגט?

פעני איז געוואָרן נערוועז, זי האָט א וואָרף געטאָן דאָס טרייבל און געזאָגט: „אָלרייט, מער טעלעפאָניר איך נישט צו איר! איך וועל שרייבן, זאָל זי מיר זוכן. זי האָט זיך געזעצט, אָנגעשריבן עטלעכע ווערטער אוועק צום פּאָסט אריין געוואָרפן דאָס בריוול און אהיים אָן אויפגערעגטע.

עדנה האָט דערהאַלטן פעניס בריוול, פון פרייד האָט זי גענומען טאַנצן. זי האָט פעני׳ן זייער ליב געהאַט און געווען אַ צופרידענע וואָס זי איז געקומען אין ישראל. שלמה דערזעענדיק עדנה׳ס פרייד, האָט געפרעגט „וואָס איז דאָס פאר אַ בריוו? ווער איז דער גליקלעכער? וועלכן דו שענקסט אַזויפיל צופרידענהייט?

כא, כא, כא, האָט זיך עדנה צולאכט מיט איר גאנצן יונגן הארצן, קוקנדיק אויף שלמה׳ן האָט זי געפרעגט „דו ביסט אייפערזיכטיק?” זי האָט זיך נישט געקענט באַהערשן פון געלעכטער און האָט אים דער־לאנגט דאָס בריוול און געזאָגט: „לייען וועסטו וויסן אין וואָס דאָ האנדעלט זיך”.

שלמה האָט גענומען דאָס בריוול און גענומען לייענען, טייערע עדנה! ענדלעך בין איך צוריק אין לאנד. איך זוך דיך ארום און ווייס נישט וווּ דיך צו געפינען. וווּ איך פרעג אויף דיר באַקום איך נישט קיין ריכטיקן ענטפער; איך בין שוין מיד זוכנדיק דיך, טייערע! איך בענק נאָך דיר און איך וואַרט אומגעדולדיק דיך צו זעען. דאָס איז מיין אַדרעס און מיין טעלעפאָן איך בעט דיר טייערע קום צו מיר! איך וויל דיך וואָס שנעלער זעען. מיינע האַרציקע קישן פאַר דיר.

ווען שלמה האָט פאַרענדיקט לייענען האָט עדנה זיך אויפגעשטעלט און ארויס פון צימער. שלמה איז אריין מיט דעם בריוול אין האנט. צו איר.

און געפרעגט: „ווער איז דער, מיט אַזויפיל ליבע צו דיר?" עדנה האָט זיך צעלאַכט.

„שוין זאָלסטו מיר זאָגן ווער דער מאַן איז. און וואָס וויל ער פון דיר? פון ווו קומט ער און וואָס האָט ער דיך צו זוכן דו ביסט אַ פרוי פון אַ מאַן", האָט שלמה געשריגן אַן אויפגערעגטער, ער האָט נישט געפילט ווי קאָמיש ער מאַכט זיך מיט זיין אייפערזוכט.

עדנה קוקנדיק אויף שלמה'ן האָט זיך ביסלעכווייז בארויקט און פאַרשטאַנען דעם פּראָבלעם און געזאָגט „איך בעט דיך באַרויק זיך און הער: „דאָס איז מיין פריינדין פעני — פון אַמעריקע. זי איז געקומען אין לאַנד און זי וויל מיך זעען. וואָס מאַכסטו אַ טומל?"

„נישט אמת! איך גלויב דיר נישט; דו נאַרסט מיך" האָט שלמה געשריגן בערוועז.

עדנה האָט געקוקט אויף שלמה'ן און געזאָגט מיט בעדוירונג. „דו קענסט נישט פעגין זי איז צו אַלעם פעאיק, וועלטן קען זי איבערקערן, די צוטראָגענע בת־יחידקע, איך וויל דו זאָלסט מיר גלויבן".

שלמה האָט ווידער גענומען לייענען דעם בריוו; און געזאָגט: „איך גלויב נישט, דאָס איז אַ ליגן דאָס איז דאָך אַ ליבעס בריוו! אַזוי שרייבט אַ פרוי צו אַ פרוי? דאָס איז אַ מאַן, נישט קיין פרוי, דו נאַרסט מיך".

עדנה האָט ערנסט זיך אָנגערופן: „ניין! דאָס איז אַ פרוי, נישט קיין מאַן, דו קענסט זי נישט זאָלסט נישט שרייען.

שלמה האָט געכאַפּט דעם בריוו און ארויס מיט כעס פון שטוב.

עדנה איז געבליבן אַליין. זי האָט צום ערשטן מאָל דערפילט, אַז זי געהערט צו אַ מאַן; וועלכער האָט אויך וואָס צו זאָגן, ס'האָט איר שטאַרק ווייי געטאָן שלמה'ס האַנדלונג. זי האָט זיך פאַרטראַכט. און נאָך אַ פּאָר מינוט האָט זי זיך באַרויקט און געשטעלט זיך אַ פראַגע ווען איך געפין ביי מיין מאַן אַ ליבעס בריוו פון אַ צווייטע ווי וואָלט איך דעמאָלט געהאַנדלט? טיף אין האַרצן האָט זי געפילט אַז אויך זי וואָלט רעאַגירט, אָבער מעגלעך אַנדערש.

זי האָט שלמה'ן נישט באַשולדיקט נאָר געוואַרט ער זאָל צוריק קומען. לאַנג האָט זי נישט געוואַרט. די טיר האָט זיך געעפנט און איין

שטוב איז אריין פעני מיט איר מאַן און שלמה, אַלע דריי זענען אריינ־געפאַלן ווי אַ באָמבע.

עדנה איז אויפגעשפרונגען זי האָט נישט געוווסט ווו זיי האָבן זיך באַגעגנט. פעני האָט איר נישט געלאָזט לאַנג טראַכטן, זי איז געפאַלן אויף עדנהס האַלדז און געזאָגט קושנדיק: „האָסט געכאַפּט אַ מאַן עדנה! ער איז באמת אַ סחורה, וואָס מיר שרייבן? וואָס מיר קלינגען? ער איז געקומען, גענומען אונז מיט זיין אויטאָ און אָט! זענען מיר דאָ". כאַ, כאַ, כאַ. „שלמה דו ביסט אָלרייט!" און פעני האָט געדריקט שלמה'ס האנט אַ צופרידענע. זי האָט זיך ארום געקוקט און געווען עַנטציקט פון דער פּראַכטפולער היים. זי האָט גענומען לויפן איבער די צימערן און גערופן איר מאַן הערי: „קום זע דעם שלאָפצימער, ווי הערלעך אלץ איז, מיר מאכן אויך אַזאַ שלאָפצימער, יעס, דארלינג!"

הערי! איך פאַל אַוועק! האָט זי געשריגן.

„וואָס האָט פאַסירט? איז הערי געלאָפן צו איר אַ דערשראָקענער.

„וואָס איז געשעען דארלינג?"

פעני האָט אים אַכאַפּגעטאָן זאָגנדיק: „קוק, קוק, ווי שיין די קיטשן איז; מיר מאכן אויך די זעלבע קיטשן, יעס, יעס, דארלינג!"

„יעס! יעס! דאַרלינג", האָט הערי צוגעשטימט.

וואָס איז דיר? האָט עדנה געפרעגט אַ דערשראָקענע, קוקנדיק אויף פענין.

„גאָרנישט! איך קוק נאָר טייערע, אויף דיין דירה" האָט פעני געענטפערט, אַך ווי שיין, אַך ווי וואָנדערפול.

הערי מיי דארלינג קום צו מיר. הערי איז צוגעלאָפן צו איר. זי האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט און איר מויל, און ביז ער האָט באַרירט אירע ליפן האָט זי שוין געזאָגט טהענק יו, און אים אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ, ווי אַ קליין קינד. הערי אַ דאַר בחור'ל, מיט אַ שמייכלדיקן פנים, האָט געציטערט פאַר יעדן רוף אירן. יעדעס וואָרט וועלכעס פעני האָט ארויסגעזאָגט איז געווען הייליק פאַר אים.

שלמה האָט געקוקט אויף דעם פּאָרל פאַרוווּנדערט און געטראכט,

ווו האָבן זיי זיך געפונען. פעניך מוז מען ערשט ערציען און אויף הערען איז אַ רחמנות, ער איז נאָך א קינד.

אויך עדנה האָט נישט דערקענט איר פריינדין, ווי זי האָט איר געקענט האָט זי זיך געענדערט אין אַזאַ קורצער צייט. זי איז געוואָרן דיק ברייט און צולאָזן ווי אַ קינד. עדנה האָט געטראַכט דאָס לעבן וועט איר איינשטילן; דאָס לעבן איז אַ גוטע שולע, אין לעבן לערנט מען פיל ביז מ׳ווערט אַ מענטש, זי האָט זיי ביידן באַדויערט, סיי פעניך און אויך הערען, אָבער הערען מערער ווי פענין אין גלייך האָט פעני דערציילט עדנה׳ן ווי אַזוי זי האָט באַקענט איר הערען און ווי אַזוי זייער חתונה איז געוועזן שיין און רייך. נאָר דו עדנה האָסט מיר געפעלט. אויך האָט פעני איר דערציילט, ביז אירע עלטערן וועלן קומען אין ישראל וועט זי מיט איר מאַן וווינען ביי הערים עלטערן. ס׳געפעלט מיר זייער נישט, האָט זי שטיל געזאָגט עדנה׳ן אויפן אויער, הערי זאָל נישט הערן וואָס זי דערציילט.

„פאַרוואָס ?‟ האָט עדנה געפרעגט.

„איך האָב פיינט זיין מוטער‟ האָט פעני געזאָגט. הערים מוטער זאָגט איך בין פאַרוויינט ווי אַ קינד‟.

„איז וואָס ? זי האָט דיך אַריינגענומען צו זיך אין שטוב, געגעבן דיר אַ היים, ערצויגן פאַר דיר אַ מאַן, אַ פיינעם בחור, וואָס ווילסטו נאָך פון זיין מוטער ?‟ האָט עדנה געפרעגט.

„זיי זענען מיר פרעמדע; איך בין אַן אַמעריקאַנערין, איך לייד זיי נישט, איך האָב זיי פיינט. איך וויל נעמען אַ דירה ביז מיינע עלטערן וועלן קומען אין לאַנד, און לעבן פאַר זיך מיט מיין מאַן‟

עדנה האָט געקוקט אויף פענין און געטראַכט. טרויריק איז דאָס לעבן ס׳קומט אַ מיידל נעמט צו אַ זון פון עלטערן און ווערט זיי נאָך אַ שונא. זי האָט זיי פיינט, און די אלע יאָרן וועלכע די עלטערן האָבן געשענקט זייער קינד אינטערעסירט איר נישט. זי איז פרעמד צו זיי.

„הער פעני‟ האָט עדנה געזאָגט צו איר: „דו זאָלסט דאָס נישט טאָן, דו האָסט צוגענומען דעם זון פון די עלטערן, אָבער די עלטערן פון

זון, וועסטו נישט צונעמען הערסט? ווייל עלטערן און קינדער זענען איין משפחה, איין בלוט.

„וואס האב איך מיט זיינע עלטערן? איך קען זיי נישט; איך וועל אוועק פון זיי און אויס משפחה; הערי איז מיין מאן, נישט מיט זיי האב איך חתונה געהאט" האט פעני געזאגט.

„ניין פעני! ס'וועט נישט גוט זיין, הערי וועט גיין צו זיינע עלטערן ער איז זייער זון" האט עדנה ערנסט געזאגט.

„אויב אזוי וועל איך אים אויך שיקן" האט פעני געענטפערט געררוועז.

עדנה האט געזעען, ס'איז נישט גוט, האט זי געזוכט וואס צו טאן פאר פעני אין הערין, זי האט געוווסט, אז פעני וועט נישט וויסן צו האלטן איר היים. זאגן איר האט זי נישט געוואלט, זי האט נאר געבעטן ביי פענין זי זאל זיך בארואיקן אוןווארטן ביז אירע עלטערן וועלן קומען. דעמאלט וועט זי האבן איר מוטער ביי זיך און זי וועט ווייטער זיין די בת יחידה ביי אירע עלטערן.

נאך פיל און שווערע אנשטרענגונג פון עדנהן האט פעני גענומען פארשטיין אז עדנה איז גערעכט זי איז אוועק פון עדנה א צופרידענע און בארואיקטע, ווי א גוט קינד.

ווען שלמה און עדנה זענען אליין געבליבן, האט שלמה געפרעגט:

„זאג מיר טייערע! פון ווו האסטו גענומען די צעטראגענע אמעריקאנערין?"

עדנה האט א שמייכל געטאן געקוקט אויף איר מאן און געזאגט:

„זעסט ווי שלעכט ס'איז ווען א מענטש ווערט שנעל צוקאכט, אויפגערעגט. איצט ווייסטו שוין ווער פעני איז, זי איז א גוט מיידל נאר א פארוויינטע, אבער וואס ביסטו געלאפן? וואס האסטו געשריגן? פארוואס האסטו מיר נישט געגלויבט, ווען איך האב דיר געזאגט ווער פעני איז. עדנה האט געלאכט און געזאגט ליבלעך צו שלמה! ווי צו א קינד. וועלכעס מען וויל לערנען ווי זיך צו האלטן „אוי נארעלע וואס דו ביסט".

שלמה האט זיך פארשעמט און נישט געענטפערט ער האט עדנה'ן פארמאכט איר מויל מיט א קוש, פאר דאנקבארקייט.

עדנה האט געפילט אז שלמה האט איר פארשטאנען און זי האט

געטראכט, די צייט וועט אים בארויקן. זי האָט אים ארומגענומען און געפרעגט: „וועט דאָס שוין זיין די לעצטע נארישקייט דיינע?״

שלמה האָט געפילט ווי זי כּישופט אים מיט איר חכמה. און אָן ווערטער האָבן זיי זיך פארשטאַנען, אַז אַ מאַן מוז טרויען זיין פרוי און די פרוי מוז וויסן אַלע צייטן ווי צו האנדלען מיט איר מאַן און מיט איר משפחה; ווייל אַזוי פאָדערט דאָס לעבן.

קאפיטל 69

מיט תמר׳ן האָבן זיך פארנומען די גרעסטע ספעציאַליסטן; מ׳האָט אין קראַנקן הויז געטאָן אַלץ פאַר אירע אויגן. מער פאַר אַלע דער דאָקטאָר, וועלכער האָט איר באהאנדלט ביים געבורט, ער האָט זיין גאַנצע צייט אוועקגעשענקט פאַר תמרס געזונט.

אין אַ טאָג איז ער געקומען צו איר אַן איבעראַשנדער פון גליק. „איך האָב פאַר דיר איין אויסערגעוועלנלכע נייעס. די דאָקטוירעם און פראָפעסאָרן האָבן מיר צוגעזאָגט, אַז דיינע אויגן וועלן זעען, איך בין גליקלעך! האָט ער מיט פרייד אויסגערופן.

תמר האָט זיך אַ הויב געטאָן פון אָרט און אויסגערופן מיט איבעראַשונג: „דאָקטאָר! דאָס איז אמת?״. דער דאָקטאָר האָט געפילט איר גליק. ער האָט אָנגענומען תמר׳ס האַנט, און זי געדריקט מיט ליבע זאָגנדיק: „יאָ טייערע, די וועלט און איך ווילן דו זאָלסט אונז זעען; מיין נאָמען איז גיל״, האָט ער געזאָגט און געבעטן „רוף מיך גיל״.

תמר האָט עטלעכע מאָל געזאָגט דעם נאָמען און שטיל קוים הערענדיק האָט זי צוגעגעבן: „אַ שיינער נאָמען, גיל הייסט שמחה פרייד און זי האָט זיך צעוויינט פון גליק.

„יאָ טייערע! מעגלעך וועל איך זיין דער, וועלכער וועט דיר ברענגען דיין גאנצע גליק״ האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. „און מיך רופט מען תמר״ האָט זי געזאָגט ווישנדיק אירע טרערן. אַ היסטאָרישער

באַמען" האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. פון דעם טאָג אָן האָט זיך אָנגעהויבן דער שטילער ראָמאַן צווישן תמר און דאָקטאָר גיל.

קיינער האָט נישט באַמערקט, וואָס ס'קומט פאָר צווישן די בלינדע און דעם דאָקטאָר, ביידע האָבן זיי אויסבעהאַלטן זייער הייליקן סוד.

נאָר טיף אין האַרצן האָט תמר געדענקט: ער איז ווערט געליבט צו ווערן פאַר זיין מענטשלעכע האַנדלונג. זי האָט געזאָגט צו גילן: „איך וואָלט אַזוי געוואָלט דיך זעען גיל, זעען דעם מענטשן, וועלכער טוט אַזויפיל פאַר מיר, אַזויפיל גוטס און שיינס". זי האָט געזוכט זיינע הענט און זיי געדריקט מיט דאַנקבאַרקייט.

„דו וועסט מיך זעען, תמר! דו מוזט מיך זעען; די צייט וועט עס באַווייזן" האָט גיל איר געענטפערט מיט ליבע.

זי האָט געגלעט זיינע הענט, די הענט וועלכע שאַפן אַזויפיל גוטס פאַר די מענטשן און זי האָט געזאָגט שטיל: „איך האָב דיך אַזוי ליב, גיל!"

די צייט האָט באַוויזן נסים. תמר איז אָפּערירט געוואָרן און זי איז פאַרבליבן אונטער דער אויפזיכט פון די פּראָפעסאָרן ביז זי וועט געזונט ווערן דערוויילל איז איר אָפּעראַציע געוואָרן באַקענט און תמר איז געוואָרן די סענסאַציע אין דער וועלט.

סוף סוף ענדלעך איז געקומען דער טאָג, מ'האָט אַראָפּגענומען די באַנדאַזשן פון תמר'ס אויגן און זי האָט דערזעען די ליכט. אַרום איר בעט זענען געשטאַנען פּראָפעסאָרן און דאָקטוירעם און געוואַרט אויף דעם גליקלעכן מאָמענט צו הערן דאָס וואָרט, ווי זי זאָגט איך זע אייך. מער פון אַלע איז דאָקטאָר גיל געוואָרן איבעראַשט, דערהערענדיק תמרס ווערטער אויף תמר האָט נישט געגלויבט, אַז זי זעט די אַלע מענטשן. זי האָט גענומען באַוועגן איר קאָפּ רעכטס און לינקס, זי האָט אויסגערופן מיט פרייד און איבעראַשונג: איך זע אייך! איך זע די וועלט! דאָקטאָר גיל, איז געווען איבעראַשט פון גליק. אַלע אַנוועזנדע האָבן געקוקט צו תמרן די אָפּעראַציע איז געלונגען און די שיינע יונגע אויגן האָבן באַקומען לעבן; זיי זעען די וועלט.

דאָקטאָר גיל איז צו צו תמר'ן ער האָט איר אַרומגענומען און געקושט איר קאָפּ. ער האָט — פאַר גליק — פאַרגעסן ווו ער געפינט זיך.

תמר האָט געקוקט אין זיין פנים, איר פנים האָט געלויכטן פון גליק. אירע ליפּן האָט זי צוגעלייגט צו זיינע הענט, זי האָט זיי געקושט מיט דאַנקבאַרקייט זאָגנדיק: „גיל איך זע דיך איך בין אַ גליקלעכע גיל איך דאַנק דיר פאַר אַלעמ!"

די נייעס פון תמר'ס אָפּעראַציע איז געוואָרן אַ סענסאַציע אין דער פּרעסע, אַלע צייטונגען, זשורנאַלן פול מיט פאָטאָגראַפיעס; די גאַנצע וועלט האָט געלעזן: בלינדע אויגן זענען אָפּערירט געוואָרן און זעען די ליכט. די וועלט האָט באַווונדערט די נייעס. דאָס האָט אויך געלעזן תמרס באַקאַנטער דאָקטאָר פון אַ מאָל... דער פאָטער פון איר קינד. ער האָט דערקענט תמר'ן אין אַ בילד אין אַ צייטונג. איבעראַשט איז ער געוואָרן מיט די נייעס, תמר איז געוואָרן אָפּערירט? תמר זעט? ער האָט זיך דערמאָנט אין דער פאַרגאַנגנהייט, און געטראַכט כדאי זיך צו כאַפּן צו איר און זעען וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איר? וואָס מאַכט זי? וואָס איז געוואָרן מיט איר, האָט אים נישט געלאָזן צורו.

ער האָט זיך דערוווּסט עדנה'ס אַדרעס איז ער געפאָרן צו עדנה'ן, דאָרט איז ער געווען זיכער וועט ער אַלץ וויסן וועגן תמרן.

ווען עדנה האָט געעפנט די טיר און דערזעען דעם דאָקטאָר האָט זי געקוקט פאַרוווּנדערט: ער האָט געזאָגט ער זוכט תמר'ס אַדרעס.

עדנה האָט אים דערציילט, דאָס תמרס מוטער האָט חתונה געהאַט מיט מיסטער מאָזעס און זי איז גליקלעך און רייך.

עדנה האָט אים דערציילט, דאָס תמרס מוטער האָט חתונה געהאַט מיט זאָל זיך מיט אים באַגעגענען. האָט זי פאַרשוויגן און נישט געענטפערט. זי האָט אים פאַרגעשטעלט איר מאַן שלמה. דער דאָקטאָר האָט גענומען אויספרעגן אויף תמר'ן ווו זי געפינט זיך, אַלץ האָט אים היינט אינטע־רעסירט וועגן תמרן...

עדנה האָט געהערט ווי דער דאָקטאָר רעדט מיט אינטערעס האָט זי אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: „תמר האָט אַ זון און איז גליקלעך איך איר לעבן".

„אויב אזוי בין איך דאָך אַ פּאָטער" האָט דער דאָקטאָר געזאָגט ער האָט אַ שמייכל געטאָן קאַלטבלוטיק און געפרעגט: „איז אַלץ אמת וואָס די צייטונגען שרייבן וועגן תמרן?" עדנה האָט אים געענטפערט: „יאָ".

דער דאָקטאָר האָט באַשלאָסן צו געפינען תמרן פאַר יעדן פּרייז און רעדן מיט איר, זעען אירע אויגן אויב אַלץ איז אמת וואָס מען זאָגט. תמר האָט אים נישט געוואָלט זעען דעם וועלכער האָט זי פאַרלאָזן אין איר פינצטערער ביטערער צייט. איצטער איז ער געקומען. ער האָט געפונען איר אַדרעס וווּ זי וווינט מיט איר מאַן. ער איז געקומען נישט טראַכטנדיק וואָס ס׳וועט זיין, ווי תמר וועט אים אויפנעמען, עס האָט אים נישט אינטערעסירט, ער מוז זי זעען האָט ער זי געפונען אין אַ שיינער ווילע מיט אַ פּרעכטיקן גאָרטן וואָס האָט אים איבעראַשט. ווען מען האָט אים געעפנט די טיר האָט ער נישט געוואַרט אויף ערלויבעניש, נאָר איז גלייך אריין און באַגעגנט תמר׳ן.

תמר האָט אים דערזעען האָט זי פאַרוואונדערט געקוקט אויף אים און געפרעגט: „פון וווּ ווייסטו מיין אדרעס?".

„ער האָט געקוקט איבעראַשט אויף אַלעם וואָס ער האָט געזעען אין תמר׳ס רייכן הויז. ער האָט זיך נישט געקענט באהערשן פון איבעראַשונג און געזאָגט: „תמר איך בין געקומען זעען דיך און דאָס קינד. איך ווייס אַלץ פון דיר, דו ביסט געזונט. זעסט אויף דיינע אויגן ס׳פרייט מיך זייער, דערצייל מיר אַלץ, וווּ איז אונזער קינד? אַלץ אינטערעסירט מיר, טיירע!"

תמר איז געזעסן אַ רואיקע, געקוקט אויף אים מיט האַס, פאַרביסן אירע ליפּן און געזאָגט שטיל, ווי צו אַ פרעמדן מענטשן „מיר האָבן קיין שותפותדיקעס, איך האָב אַ זון ער איז נאָר מיינער, אזוי האָב איך געוואָלט, איך זע דיך צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, ביז היינט האָבן מיינע אויגן דיך נישט געזעען, דו ביסט אַ פרעמדער פאַר מיר" האָט תמר געזאָגט ענטשלאָסן.

„תמר" האָט ער אויסגערופן: „איך וויל דו זאָלסט ווערן מיין פרוי, איך וויל דיך גליקלעך מאכן דערפאַר בין איך געקומען". „צו שפּעט" האָט תמר געענטפערט, אָנווייזנדיק אים דאָס רינגל אויף איר פינגער

„איך בין אַ פרוי פון אַ מאַן מיט וועלכן איך בין שטאָלץ; איך בין גליקלעך מיט מיין לעבן מיט מיין משפחה".

דער דאָקטאָר האָט געקוקט אויף איר נישט גלויבנדיק וואָס ער הערט. „ווייז מיר מיין קינד, איך וויל עס זעען, איך בין דאָך דער פאָטער פון קינד" האָט ער געזאָגט.

„ביין" האָט תמר געענטפערט, „מיין קינד האָט אַ פאָטער און טראָגט דעם נאָמען פון זיין פאָטער, — וועלכער ליבט אים — דו האָסט קיין רעכט אויף אַ פרעמד קינד, דו ביסט אַ סאַדיסט!"

„פארוואָס?" האָט ער געפרעגט נערוועז און פארשעמט.

„ווייל דו האָסט עס נישט געוואָלט, דו האָסט געוואָלט, אַז ס'זאָל נישט לעבן און האָסט אונזביידן פארשטויסן, האָסט זיך געשראָקן, איך זאָל זיך נישט אנווארפן אויף דיר איך אַ בלינדע מיט אַ קינד" האָט תמר אַ שטאָלצע געזאָגט: „איך באַדויער פאַרוואָס די מעדיצין טיילט צו דעם טיטל דאָקטאָר צו מענטשן, וועלכע האָבן קיין רעכט זיך צו פארנעמען מיט מעדיצין, מענטשן, וועלכע שאפן זיך דעם דאָקטאָראַט פאַר זייערע פארלאנגען, ווי רייך צו ווערן און צוגעפינען כבוד אין דער געזעלשאַפט, ווי צו ווערן טיטולירט מיטן נאָמען דאָקטאָר, אָבער מער פארמאָגן זיי נישט, זיי זענען פוסט, אין זייער הארץ הערשט דער ‚איך', דער עגאָיזם, אַז אַ מענטש איז נישט פאַראַנטוואָרטלעך און ווייט פון הומיניטאַרע ארבעט; איך באַדויער, די דאָזיקע מענטשן לאָזן זיך נישט דערקענען ביז זיי געפינען זייער קרבן, אַזעלכע מענטשן פארמאָגן נישט קיין הארץ און נישט קיין נשמה. איך באשולדיק זיי אלס פאַרברעכער" האָט תמר געזאָגט מיט פארדרוס.

„איך האָב געדענקט דיין גוטס, איך האָב געוואָלט דיר העלפן" האָט דער דאָקטאָר זיך פארענטפערט נערוועז.

„נישט מיר האָסטו געוואָלט העלפן" האָט תמר געזאָגט „דו האָסט זיך אויסבאַהאַלטן ביז היינט פאַר מיר, עס האָט דיך נישט אינטערעסירט קומען צו מיר, זעען וואָס מיט מיר איז געשעען; דו ביסט אַ פחדן! דאָקטאָר, בעסער אויך היינט זאָלסטו גיין פון מיר; דו זעסט איך האָב זיך נישט געשראָקן אין מיין אומגליקלעך לעבן; איך האָב געפילט אַז דאָס

שלעכטע איז נישט אויף אייביק. צייטן בייטן זיך. די צייט גייט, א מענטש מוז געדענקען... דו האסט עס נישט געפילט, איצט ווילסטו גוט מאכן וואס דו האסט שלעכט געמאכט. ניין דאקטאר צו שפעט, באלד קומט מיין מאן, אונזער אינטערוויו איז געענדיקט". תמר האט זיך אויפגעשטעלט, און מיט איר האנט געוויזן די טיר און געווארט ער זאל גיין.

דער דאקטאר האט געזען, ער איז א פארשפילטער, א פארשעמטער מיט אן אראפגעלאזענעם קאפ האט ער פארלאזן תמרס הויז. ער איז צו, צו זיין מאשין, פארזונקען אין געדאנקען, האט ער זיך שטיל געלאזן פארן אין דעם וועג פון ווו ער איז געקומען.

א גליקלעכע איז תמר אריין צו איר קינד, גענומען עס אין אירע הענט, געדריקט צום הארצן האט זי געזאגט „דו ביסט מיינער, מיינער". דאס קינד האט געלאכט אין אירע הענט און געקוקט אויף די מוטער, וועלכע האט אים געקושט מיט מוטערליכע אמתע ליבע...

די טיר האט זיך געעפנט און איר מאן גיל איז אריין. דערזען תמרן מיטן קינד האט ער זי ביידן ארומגענומען, דריקנדיק צו זיך האט ער געזאגט: „דאס איז מיין גליק און מיין משפחה". תמר האט ביידן געקושט, אירע אויגן האבן זיך אנגעפילט מיט טרערן פון גליק.

קאפיטל 70

עדנה ווערט מוטער, זי וויל שענקען איר קינד א ריינע ערלעכע וועלט, א וועלט אן מלחמות, מיט מענטשן ליבע, אן אייביקער שלום זאל קומען אויף דער וועלט, אבער ווו נעמט מען דאס? פרעגט זי ביי זיך אליין זי פילט דאס נייע לעבן, אין זיך. זי קוקט אויף די שטאט ירושלים: די הייזער געבויטע אין שווערע שטיינער, זיי דערמאנען היסטאריע פון יענע אלטע צייטן, ווען מלחמה איז געווען מיט גבורה און כבוד. זי

האָט געהויבן די אויגן צום הימל און דערזעען די ליכטיקע זון, די גאָלדענע שטראַלן האָבן זיך צוגאסן ארום די ריינע בלויקייט פון דעם ירושלים הימל. אַ שמייכל האָט זיך צוגאָסן אויף איר פנים, אַ לייכט ווינטל האָט געבלאָזן אין איר פנים. זי האָט איינגעזאַפּט אין זיך די הייליקייט פון ירושלים. ווי פארשיכערט איז זי געשטאַנען אַ פאַרטראַכטע. זי האָט נישט געפילט ווי שלמה איז אריין אין שטוב. ער האָט געפרעגט — קוקנדיק אויף איר „וואָס האָט פאסירט?״ וואָס שטייסטו ווי אין אַ חלום.

„גאָרנישט טייערער״ האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכל אָנווייזנדיק אויף דעם שיינעם ריינעם הימל האָט זי געזאָגט: „איך באוואונדער די שיינקייט פון אונזער שטאָט ירושלים קוק, קוק ווי ריין און ליכטיק דער הימל איז, מענטשן לויפן און איילן זיך אין גאַס, זיי זעען נישט און פילן נישט די שיינקייט פון דעם ארום די מענטשן האָבן קיין צייט״.

„מענטשן״ האָט שלמה איבער געזאָגט עדנה׳ס ווערטער, „מענטשן האָבן נישט קיין צייט, זיי יאָגן, זיי לויפן״. „וואָס יאָגן זיי זיך?״ האָט עדנה געפרעגט. „זיי ווייסן אליין נישט״ האָט שלמה געענטפערט מיט איראָניע.

„אָך זענען זיי נאריש״ האָט זי געזאָגט אין באדוירונג. „זיי זענען נישט נאריש, טייערע, דאָס לעבן יאָגט; זיי מוזן שאַפן, וויפל לעבט דען אַ מענטש?״ האָט שלמה געזאָגט ערנסט. „ווען זיי וואָלטן שאַפן, וואָלט גוט געווען, זיי שאַפן אָבער נישט, זיי פארניכטן וואָס אַנדערע האָבן געשאַפן״ האָט עדנה געזאָגט טרויריק דענקענדיק אין מלחמה.

„הער זיך איין עדנה, דאָס לעבן איז מלחמה, מ׳מוז שאַפן, מ׳מוז ארבעטן, אויב נישט איז קיין עקזיסטענץ״ האָט שלמה ערנסט געזאָגט.

„און מלחמה איז אונטערגאַנג״.

„דאָס טייערע! טראָגט שוין אַ גאַנץ אנדערן כאראקטער״.

„טיירערע איך וויל אַ וועלט אָן מלחמות״ האָט עדנה זיך אָנגערופן.

שלמה האָט געקוקט אויף עדנה׳ס פנים און דערזעען איר ערנסטקייט, האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל: „ביז היינט איז נאָך נישט געווען קיין

איין דור אָן מלחמה, ווילסטו איבער מאכן די וועלט? דעם מענטש?".

„יאָ שלמה ווען איך וואָלט געקענט, וואָלט איך דעם מענטש איבערגעמאכט, זאָל ער זעען דאָס שיינע, דאָס גוטע; ווען די מענטשן וועלן דאָס פארשטיין וועט הערשן שלום אויף דער וועלט און אלע מענטשן וועלן גליקלעך זיין".

שלמה האָט ארומגענומען עדנה׳ן, האָט איר אַ קוש געטאָן און געזאָגט: „ווען אלע וועלן דענקן ווי דו — טייערע — וועט זיכער הערשן שלום צווישן מענטש און מענטש, אויף דער גאנצער וועלט".

קאפיטל 71

עדנה׳ס לעבן מיט שלמה׳ן איז געוואָרן געבונדן מיט ליבע. זי האָט זיך צוגעוווינט צו איר שלמה און האָט אים באמת ליב באַקומען, זי האָט שוין איר דיפּלאָם, און דאָס לערנען האָט זי פארענדיקט. איצט וואַרט זי יעדן טאָג צו ווערן אַ מוטער, דאָס האָט איר גליקלעך געמאכט אין געדאַנק. געטראַכט ווי דאָס לעבן לערנט. צו אַלעם געוווינט זיך דער מענטש, צום שלעכטן און צום גוטן. דערמאָנענדיק איר פריערדיקן איינזאַמען לעבן און היינט מיט אַ מאַן, אַ היים, זי האָט זיך געוווּנדערט ווי שנעל זי האָט זיך צוגעוווינט צו אלעם. זי האָט געפרעגט ביי זיך אליין: ווען זי וואָלט היינט צוריק געגאנגען צו איר פאַריקן לעבן ווי וואָלט זי עס אויפגענומען? ווי וואָלט זי זיך געפילט? זי האָט דערמאנט רפי׳ן, זי האָט געוואָלט באַזוכן רפי׳ן און זיין משפחה, זעען ווי זיי לעבן און וואָס דער פּראָפעסאָר טוט? דאָס לעצטע מאָל ווען זי האָט זיי באַזוכט זענען זיי געווען פארנומען אין זייער נייער ערפינדונג, גליקלעכע מענטשן אין ישראל, אַ פלייסיקע משפחה.

מערי פילט זיך גוט אין איר נייער היים, דער פּראָפעסאָר וויל נאָר שאַפן און העלפן ישראל.

עדנה האָט זיך פֿאַרטראַכט. זי האָט אַ זיפֿץ געטאָן, דערמאָנענדיק אירע ליבעס ליידן צו רפֿי׳ן, אַך בין איך נאַריש און נאַיוו געווען איך האָב געגליבט בלינד, רפֿי האָט דאָך קיינמאָל נישט געהערט אַ וואָרט: איך ליב דיך רפֿי, איך האָב אים אַרומגעטראָגן יאָרן לאַנג אין מיין האַרץ און קיינמאָל נישט אויסגעזאָגט מיינע געפֿילן צו אים: פֿאַרוואָס האָב איך עס געטאָן? נאַיוו ווי אַ קינד בין איך געווען; פֿאַרוואָס האָב איך אים נישט געזאָגט דעם אמת: איך ליב דיר, אפֿשר ווען איך זאָג אים דאָס, וואָלט ער נישט געפֿאָרן אין אַמעריקע און וואָלט נישט פֿאַרשאַפֿט אַלעמען אַזויפֿיל צרות און אפֿשר איז גאָר גלייכער אַזוי, האָט זיך געדרייט איין געדאַנק נאָכן צווייטן אין עדנה׳ס קאָפּ. אין דער אמתן. האָט זי מיט אַ שמייכל צו זיך גערעדט איז מיר היינט רפֿי גלייך ווי אַלע אַנדערע מענער, דער אונטערשיד איז נאָר, אים קען איך מיין גאַנץ לעבן און היינט ליב איך מיין מאַן, רפֿי איז ווי אַ חלום אַדורך און פֿאַרשוווּנדן פֿאַר מיר. מיר זענען ביידע גליקלעכע, ער מיט זיין מערי און איך מיט מיין שלמה. זי פֿלעגט פֿאָרן צו רפֿי׳ס משפּחה און פֿאַרבראַכט מיט זיי צוזאַמען. אַ צופֿרידענע איז זי צוריק צו איר מאַן שלמה. דער פּונק האָט זיך נישט פֿאַרלאָשן, אָבער דער גורל האָט עס אַנדערש געוואָלט. שלמה האָט זיך געזעגנט מיט איר מיט אַ קוש און געבעטן זי זאָל קלינגען צו זיין אַרבעט און איבערגעבן אים ווי זי פֿילט זיך ,ער האָט באַמערקט איר נישט רואיקע האַלטונג.

זי האָט געוואָלט לייענען און נישט געקענט, עפּעס האָט זי באַאומרואיקט. זי איז אַרויס פֿון בעט, זיך אָנגעטאָן און אַוועק צום דאָקטאָר. אויך שלמה איז נישט רואיק געווען, ער איז געוואָרן נערוועז נישט דערהאַלטן קיין טעלעפֿאָן פֿון עדנה׳ן.

ער האָט גענומען זיין מאַשין און צוגעפֿאָרן אַ היים, אָבער קומענדיק אין שטוב האָט ער עדנה׳ן נישט געטראָפֿן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט נערוועז און דערזען אויפֿן טיש אַ קליין בריוועלע: איך גיי אין קראַנקן הויז. ער איז גלייך אַוועק צו איר, דאָרט האָט מען אים געזאָגט אַלץ גייט גוט, ער קען גיין אַהיים. ווען ער איז געקומען דאָס צווייטע מאָל, איז ער שוין געווען אַ פֿאָטער פֿון אַ צווילינג — אַ זון און אַ טאָכטער האָט אים

עדנה געבוירן. ער איז געווען דער גליקלעכסטער מאן אויף דער וועלט אין גלייך טעלעגראפירט צו זיינע עלטערן. ער האָט נישט געקענט גלויבן, אַז ער האָט אַ צווילינג מיט איינמאָל אי אַ זון אי אַ טאָכטער. אומגעדולדיק האָט ער געוואַרט צו זעען עדנהן. עדנה האָט צו אים אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: „יאָ טייערער עס איז אמת". זי האָט געבעטן האָט מען שלמהן געוויזן די צוויי קינדערלעך.

א גליקלעכער האָט ער געקוקט אויף דער טייערער מתנה, וואָס עדנה האָט אים געשענקט.

בליץ־שנעל האָט זיך צעטראָגן די נייעס פון עדנה'ס געבורט ווען עדנה האָט זיך שוין גוט געפילט, זענען פריינט געקומען ווינטשן מזל־טוב, אלע חברים פון קיבוץ, צווישן זיי — נאַטירלעך — רפי'ס משפחה. רפי האָט געקוקט אויף עדנה'ן און זיין געדאנק איז אוועק העט ווייט צוריק צו די קינדער יאָרן, ווען זיי האָבן זיך נאָך צוזאַמען געשפילט. ער פלעגט ליב האָבן דאָס קליינע מאגערע מיידעלע, וועלכע האָט קיינעם נישט געהאט אַן עלנדע איז זי געווען אין קיבוץ, אלעמען געהערט. ער געדענקט נאָך גוט ווי זי האָט געקוקט מיט אירע טרויעריקע אויגן אויף די מוטערס אָדער פּאָטערס, וועלכע האָבן זיך געשפילט מיט זייער קינדער און מיט רחמנות האָט מען אויך זי אריין גענומען צום שפיל. איצט אַ גליקלעכע משפחה, מיט טייערע צוויי קינדערלעך: — אַ צווילינג — אַ זון און אַ טאָכטער; אַ באלוינונג פאר איר עלנטקייט, האָט רפי געטראַכט אַ צופרידענער. ער האָט געדריקט איר האַנט און געזאָגט: „זעסט עדנה ווי די צייט לויפט, ערשט זענען מיר קינדער געווען און איצט ביסטו אַ מוטער און איך אַ פאָטער" ער האָט אַ שמייכל געטאָן און עדנה האָט מיט אַ שמייכל געענטפערט: „יאָ רפי איך ווינטש אונזערע קינדער רואיקערע לעבנס ווי מיר האָבן עס געהאט. שלום זאָל הערשן אויף דער וועלט, דאַן וועלן מיר אלע גליקלעך זיין".

„אמן" האָט אויסגערופן דער פּראָפעסאָר אין אלע נאָך אים אמן. עדנה מיט שלמהן האָבן זיך געדרייט צווישן די געסט גליקלעכע אלע האָבן גענומען די גלעזעלעך אין האַנט און זיך געווונטשן: „לחיים" און די וועלט אַ בעסערן מאָרגן.

גאַנץ פרי ווען אַלע אין שטוב זענען נאָך געשלאָפן איז רפּי׳ס מוטער אַרויס פון הויז און געלאָזן זיך אין איר באַקאַנטן וועג צו די צוויי קברים. זי איז געגאַנגען מיט שנעלע טריט; ווען זי איז צו צו די קברים, האָט זי זיך איינגעבויגן, געקושט די קאַלטע שטיינער, געגלעט די פייכטע ערד, צורעכטגעמאַכט די בלומען, וועלכע האָבן וווּנדערבאַר געשמעקט.

יאָ! קינדער מיינע, האָט די מוטער געזאָגט מיט אַן אינערליכע געשטיקטע שטימע, מיר זענען צוזאַמען איך האָב זיי אַלע צוריק געבראַכט אין ישראל; נישט אומזיסט האָט איר איירע יונגע לעבנס געגעבן. איר שטימע האָט זי געשטיקט. נאָך אַ מאָמענט, האָט זי ווידער געזאָגט: פרעמד איז אונז דער גלות; מיר ווילן זיין פרייע יידן; אַ פאָלק מיט פעלקער גלייך; מיר שרעקן זיך נישט מער; מיר ווילן לעבן מיט כבוד אויף דער וועלט, זי האָט גערעדט מיט פאַטאָס, ווי זי וואָלט צו דער וועלט גערעדט, צו די פעלקער, זאָלן זיי איר שטימע הערן זי האָט פאַרגעסן זי שטייט צווישן קברים, ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן די קינדער לעבן, אָט עפנען זיך די קברים און ס׳הערט זיך אַ רוף: מאַמאַ טייערע! מיר ווילן עס אויך, מיר האָבן אין די טעג פון דער מלחמה געקעמפט פאַר אַ ניי לעבן, דער גלות איז אַוועק. די יידישע הערצער אין אַלע עקן פון דער וועלט, האָבן אַ ציטער געטאָן, מיר זענען געפאַלן און געשאַפן אַ לאַנד ישראל פאַר דורות.

די מוטער האָט מיט שטאָלץ געהויבן איר קאָפּ און הענט צום הימל און געדאַנקט די גבורים וועלכע געפינען זיך דאָ.

זי איז געשטאַנען אַ רואיקע צו באַערן זייער אָנדענק און נאָך אַ מינוט האָט זי זיך געלאָזן צוריק צו איר היים. דער הימל איז געוועזן אַ ליכטיקער, די זון איז גאַר וואָס אַרויס, עס האָט זיך געהערט די פויגל געזאַנג; פון וייטן האָט זי געזען ווי קינדער גייען אין שולע, די חברים צו זייער אַרבעט, אַלץ נאָרמאַל, טאָגטעגלעך. אַ זיפץ האָט זיך אַרויס געריסן פון איר האַרץ; זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן צום הימל און ווי אַ תפילה האָבן אירע ליפּן געבעטן: ליבער ג—ט שיק אונז דעם שלום, זאָל די מענטשהייט געניסן פון אַ רואיק לעבן, זי האָט פאַרלאָזן דאָס

אַרט און איז שנעל אוועק צו איר ארבעט. ווען זי איז אריין אין איר ארבעטס פּלאַץ, האָבן שוין די קראַנקע געוואַרט אויף איר. זי האָט מיט אַ בליק ארומגענומען די ליידנדע: קינדער, יונגע, אלטע, אלע האָבן שוין געוואַרט אויף איר הילף, זי האָט געטראַכט: אַזאַ שיינע וועלט און אזויפיל ליידן, מענטשן ווערן געבוירן צום לעבן, פאַרוואָס ליידן זיי? זי האָט אַ זיפץ געטאָן און געשטעלט זיך העלפן די קראַנקע, זאָגנדיק: דאָס לעבן איז אַ אינדיווידיום, יעדער מענטש מיט זיין גורל.

ענדע

אינהאלט

בלאט		קאפיטל
5	רפי אין מדבר	1
7	מלחמה און לעבן	2
11	די יוגנט רופט	3
14	עדנה׳ס ליבעס ליידן	4
17	רפי פארט לערנען אין אמעריקע	5
18	די ערשטע בריוו פון אמעריקע	6
20	רפי באוואונדערט די וועלט	7
24	עדנה וויל לערנען	8
27	רפי ווערט ארייגעצויגן אין א פרעמדע וועלט	9
31	עדנה פארט לערנען אין ירושלים	10
37	עדנה בענקט נאך איר קיבוץ	11
45	רפי אין א עקסידענץ	12
51	עדנה ווארט אויף רפיס בריוו	13
57	רפי אין קראנקן הויז	14
60	רפי איז פארשוואונדן	15
63	שרה דערוויסט זיך סודות	16
67	פעני, עדנה׳ס מיטוווינערן	17
69	רפי פארלאזט דאס קראנקן הויז	18
72	רפיס עלטערן זוכן זייער זון	19
74	גד פארלאזט דעם קיבוץ	20
76	רפי ביי די ווילסאנס	21
80	שרה איז געווארן אפאטיש	22
81	מערי ענטדעקט איר סוד	23
83	עדנה ווערט איינגעלאדן אין קיבוץ	24
87	מעריס עלטערן זענען פארצווייפלט	25
91	דאס דינסט מיידל געפינט מעריס בריוו	
92	עדנה באגעגנט גד׳ן	27

בלאט		קאפיטל
93	נעמי איז נישט גלייכגילטיק צו דוי׳ן	28
97	רפי און מערי ביים פראפעסאר	29
192	מעריס עלטערן אין טרויער	30
104	רפיס עלטערן פאשצווייפלט	31
106	נעמיס און דודס חתונה	32
109	רפי און מעריס נייע היים	33
111	דעם פראפעסארס פארגאנגנהייט	34
118	עדנה׳ס מיטווינערן תמר	35
120	שרה בענקט נאך גד׳ן	36
122	רפיס מוטער דערמאנט איר קינדהייט	37
123	עדנה און תמר פריינדנס	38
125	תמשס אויפטריט ביי די פארווונדעטע מיליטער	39
127	פעני בענקט נאך ישראל	40
133	עדנה פארט צו פעני׳ן	42
137	גד אין קראנקן הויז	43
139	מערי ווערט מוטער	44
142	עדנה געפינט רפי׳ן	45
147	תמרס מוטער באקענט חסנ׳ען	46
150	משפחה ווילסון באזוכן ישראל	47
154	עדנה פארלאזט אמעריקע	48
155	עדנה ברענגט א גרוס פון רפי	49
158	דער קיבוץ איז איבעראשט	50
159	תמר ווארט אויף עדנה׳ן	51
159	תמר׳ס רייכער רעפערטואר	52
163	רפיס עלטערן אין אמעריקע	53
164	חסן פארליבט אין תמר׳ן	54
165	דער ערשטער בריוו פון רפי׳ס עלטערן	55
168	עדנה זוכט רעדן מיטן דאקטאר	56
178	עדנה איז ענטוישט	57
180	דער פראפעסאר געפינט זיין טאכטער	58
184	תמר גייט צו איר מוטער	59
189	רפי׳ס עלטערן אין אמעריקע	60
203	די משפחה באגעגנט זיך	61
205	פעני האט חתונה	62
214	עדנה האט חתונה	63

בלאט		קאפיטל
216	שלמה און זיין קאריערע	64
218	תמר און מוטער ביי די מאזעס	65
222	תמר אין געבורטס הויז	66
224	רפי און די משפחה קומען אין ישראל	67
226	פעני קומט אין ישראל	68
232	די גרעסטע ספעציאליסטן וועגן תמר׳ס אויגן	69
237	עדנה ווערט מוטער	70
239	עדנה א גליקלעכע מיט איר משפחה	